DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14128

Zin'kiv Memorial Book

Pinḳas Zinḳov

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•


Original publication data

TITLE	Pinḳas Zinḳov : gedenḳbukh / [ʼarakh Shemuʻel Ayzenshṭadṭ].
IMPRINT	880-02 [Tel Aviv] : Ṿaʻad Zinḳov, 726 [1966]
DESCRIPT	239, 16 p. : ill., fold, map, ports, 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Ukraine -- Zin'kiv (Khmel'nyt͡s'ka oblast')
	Zin'kiv (Khmel'nyt͡s'ka oblast', Ukraine) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Ukraine -- Zin'kiv (Khmel'nyt͡s'ka oblast')
ADD'L NAME	Aizenshṭadṭ, Shemuʻel, 1886-1970.
ADD'L TITLE	Zinkover memorial book

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

פנקס זינקוב



געדענקבוך

הוצאת ועד זינקוב תל־אביב—ניו־יורק
אויסגאַבע פון זינקאָווער קאָמיטעט תל־אביב—ניו־יאָרק
תשכ״ו — 1966

פנקס זינקוב
געדענקבוך

נדפס בישראל

Printed in Israel 1966

ציור מפת־העיר ובית הכנסת: נחום ישפה

ציור השער: שמעון דרורי

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

לזכרון - נצח לערש ילדותנו
שחרבה ולבניה ובנותיה, שנפלו
על קידוש-השם בידי הצוררים
הפראיים.

צום אייביקן אָנדענק אָן אונ-
דזער יוגנט-היים און אָן אירע
געהייליקטע זין און טעכטער,
וואָס זענען געפאַלן דורך דעם
באַרבאַרישן שונאס הענט.

התוכן — אינהאַלט

פולקלור זינקובאי. זינקאָווער פאָלקלאָר

דמויות זינקוביות. זינקאָווער געשטאַלטן

חורבן העיר זינקוב. דער חורבן פון זינקאָווער יישוב

אזכרות

אנשי־זינקוב בארה״ב. זינקאָווער אין אַמעריקע

די אויפשטעלונג פון מאָנומענט

ציוריב וצילומים. בילדער און פאָטאָס

דבר-העורך

הטילו עלי ידידים את התפקיד האחראי והמר להיות לפה ולעורך לצנועים וליקרים בעם, בני עיר־הריגה, שבאו לזכור את עברם הנאה ולספוד למשפחות־מתיהם, אשר נפלו בידי חלאת־אדם ורוצחי־עמים יחד עם רבבות אלפי־אחינו ואחיותינו.

אוצר יקר של הוויי יהודי ושל חיים המוניים שלווים וישרים בא כאן לידי גילוי, מלווה אהבת־ישראל ואהבת המסורת הלאומית, — אהבה, המלכדת את פזורי־זינקוב בתפוצות עם אחיהם בני־עירם בישראל.

וסגולה זו של פנקס־זינקוב מעלה ומפארת את דמותו ומוסיפה לו הוד וערך. הוא חורג מן המסגרת הצנועה, אשר קבעו לו תחילה יוזמיו ובכוחו זה הוא מצטרף אל ספרות־העם, ספרות־החורבן והשואה. הוא מוסיף גל־דמעות למבול־הדמעות של דורנו.

ולא זו בלבד — אלא הוא פותח גם פתח לתקוות־עם ואדם. שארית־זינקוב בישראל, אף אם לא מרובים הם במספרים, אך חזקים הם ויחד עם אחיהם בני־עירם בתפוצות הם דבוקים באמונתם בשגשוגה של מדינת־ישראל ובעתידו המאושר של עמנו, בהשתלבותו בעולם של עמים גאולים ושוחרי־שלום.

פרופ׳ שמואל איזנשטדט

תל־אביב תמוז ה.תשכ״ו, יולי 1966

רעדאקטאָר-וואָרט

עס איז מיר אויסגעפאלן דער זכות און עס איז אויף מיר פאריינס אַרויפגעלייגט געוואָרן די פאַראַנטוואָרטלעכע און גענוג ווייטיקלעכע אויפגאַבע צוזאַמענצוברענגען, שפּראַכלעך און סטיליסטיש צו אָרדענען און צו באַהעפטן אין אַ גאַנצער יצירה, אין אַ גאַנצן געדענקבוך, איינצלנע קאַפּיטלעך פון מענטשלעכע איבערלעבענישן, זכרונות פון אַ שטילער און געמיטלעכער יוגנט אין דער אוקראַינישער פּראָווינץ. עס איז מיר אויסגעקומען אויפצוזאַמלען אין איין גייסטיקן לאָגל זייערע זודיקע טרערן, וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן איבער זייערע חרוב געוואָרענע היימען, איבער זייערע געליבטע עלטערן, ברידער און שוועסטער, וועלכע עס האָט אומברחמנותדיק אומגעבראַכט דער טיראַנישער און אויף אייביק פאַרפלוכטער נאַציזם.

הינטער די שטראָמען בלוטיקע טרערן אַנטפּלעקט זיך דאָ פאַר אונדזערע אויגן אין איר גאַנצער באַשיידענער פּראַכט אַן אומגעקומענע וועלט פון יידישן לעבן, שטייגער און פאָלקלאָר. עס ווערט דאָ געשריבן דורך גוטע און האַרציקע פאָלקסמענטשן אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל פון דער יידישער געשיכטע אין פּאָדאָליע אין דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און די קאַפּיטלעך באַהעפטן זיך צו אַ גאַנצן געדענקבוך, וועלכער וועט, ווי אַלע אַנדערע געדענקביכער פון דער אומקום־צייט, גילטן אַלס דאָקומענטאַרישער גרונט־מאַטעריאַל פאַרן יידישן היסטאָריקער.

וואָס עס האָט מיך באַזונדער שטאַרק אינטערעסירט ביים רעדאַקטירן דעם זינקאָווער געדענקבוך און וואָס האָט ניט ווייניק קאָמפּליצירט געמאַכט מיין אַרבעט אַלס רעדאַקטאָר, איז די שפּראַכלעכע פאַרשיידנקייט פון דעם מאַטעריאַל, — העברעאיש, יידיש און ענגליש, — און די געאָגראַפישע אָפּגעזונדערטקייט פון די מחברים פון די איינצלנע קאַפּיטלעך.

עס איז אָנגענעם אָפּצומערקן, אַז די מחברים פון די יידיש געשריבענע קאַפּיטלעך, וואָס לעבן שוין פיל יאָרן אין אַמעריקע, זענען געבליבן האַרציק צוגעבונדן ניט נאָר צו זייער יוגנט־היים, נאָר אויך צום זאַפטיקן יידישן פאָלקס־לשון פון זייער היים און גלייכצייטיק אויך צו דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע זיי האָבן אין די פריע קינדערשע יאָרן געלערנט אין די זינקאָווער חדרים און אין „תלמוד־תורה", און דער ריח־תורה שלאָגט אָפּט אַרויס פון זייער יידישן לשון.

ניט וויניקער פאַלקסטימלעך זענען אָבער אויך די העברעאישע קאַפּיט־לעך פון געדענק־בוך, געשריבענע דורך זינקאָווער לאַנדסלייט אין ישראל, וואָס זענען געקומען אין לאַנד מיט פיל יאָרן צוריק, דאָס רוב אלס חלוצים, און האָבן זיך באַטייליקט פערזענלעך אין דעם אויפבוי און דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד. זיי שרייבן זייערע זכרונות אין דער שפּראַך, וועלכע איז געוואָרן די נאַטירלעכע שפּראַך פון זייער דענקען און פון זייערע איבערלעבענישן.

אַ קלענער טייל פון מאַטעריאַל איז דורך זיינע מחברים אין אַמעריקע געשריבן אין ענגליש, כדי צו מאַכן דעם געדענקבוך כאָטש צום טייל צוגענג־לעך פאַר די אייניקלעך און אוראייניקלעך פון די זינקאָווער יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע, וואָס פאַרשטייען, ליידער, ניט קיין העברעאיש און קיין יידיש, כדי צו דערוועקן אין זייער זכרון דעם אָנדענק אָן דער מאַסן־שחיטה, וואָס די נאַציס האָבן אויסגעפירט איבער זייער שטאַם און איבער זייערע אורעלטערן בכלל און אין זינקאָוו בפרט.

קיינער פון די מחברים פון דעם געדענקבוך איז ניט קיין פּראַפעסיאָנע־לער שרייבער און איך האָב מיך ניט געמיט צו מאַכן זיי פאַר אַזעלכע. ביים רעדאַקטירן דעם מאַטעריאַל פון דעם געדענקבוך האָב איך געטאָן נאָר דאָס נויטיקע, כדי צו באַזייטיקן שפּראַכלעכע, גראַמאַטישע און סטיליסטישע פעלערן, כדי אויסצומיידן איבערחזרונגען און כדי צו ברענגען די איינצלנע אַרטיקלען צו אַ לאָגישן צוזאַמענהאַנג.

דער געדענקבוך ווערט אַרויסגעגעבן דורך די נאָבעלע און אָנגעשטרענגטע באַמיאונגען פון די זינקאָווער לאנדסלייט אין ישראל און אין אַמעריקע מיט דער כוונה, אַז ער זאָל גילטן אַלס פאַמיליע־בוך אין די הייזער פון די זינקאָווער לאַנדסלייט אין גאַר דער וועלט. צו דעם צוועק איז אין אים אויך געבראַכט געוואָרן די מאַקסימאַל מעגלעכע צאָל אויסגעפונענע בילדער פון זינקאָווער איינוווינער, גאַנץ באַזונדער פון די אומגעקומענע זינקאָווער קדושים און פון זייערע משפחות, כדי יעדערער זאָל קאָנען געפינען אין אים די אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן פון קרובים און פריינט, וועלכע זענען אים באַזונדער נאָענט און טייער.

ניט קוקנדיק אָבער אויף זיין לאָקאַלן כאַראַקטער וועט דער דאָזיקער געדענקבוך, אַלס אַ בלאַט יידישע געשיכטע פון אונדזער צייט, ניט וויניק אינטערעסירן אויך ברייטערע קרייזן און ער וועט אָן שום ספק איינגעשלאָסן ווערן אין דער ברייטער ראַם פון דער אויסגעוואַקסענער אומקום־ליטעראַ־טור, וועלכע ווערט געזאַמלט און אָפּגעהיט אין די געזעלשאַפטלעכע אַרכיוון און ביבליאָטעקן אין ישראל און אין די יידישע קולטור־צענטרען אין גאָר דער וועלט.

פּראָפ׳ שמואל אייזנשטאַדט

דברי פתיחה

ארייני פיר

דבר אנשי-זינקוב בישראל

בשם אזרחי־ישראל יוצאי־זינקוב אנו מושיטים יד לבני־עירנו אשר מעבר לים. בכוח האהבה הרבה לארצנו, שפעמה בנו מראשית נעורינו, עלינו חלוצים לבנות את הארץ בימי הרת־עולם הקשים. עמדנו גם פה בשורות המגינים על שלום הארץ והלוחמים לעצמאותה, אך לעולם לא שכחנו ולא נשכח את אשר עוללו רוצחי־עמים ורוצחי־ עמנו לעירנו היקרה ואשר השמידו את משפחותינו ואת ידידינו היקרים שבמחיצתם גדלנו.

יחד עם כל בני־עירנו הפזורים בתפוצות אנו מקימים היום את מצבת הזכרון הזאת, משתתפים ברוח ובחומר בהוצאת קובץ הזכרון הזה, אשר יספר לדורות על החיים הנאים והצנועים, רוויי המסורת היהודית, הידידות והחברות הטובה שהיו שוררים בעירנו לפני החורבן ואשר ישא קינה על העיר שנחרבה ועל בניה, בנותיה, זקניה, נשיה וטפה שנענו ונשמדו ומתו מות קדושים.

יהי זכרם שמור בלבנו וברוך לעולמים!

ועדת־הפעולה בישראל:

יוסף ישפה, יצחק פרנקל, ישראל בן־שחר (שווארצמאן)

אַ וואָרט צו די לייענער פון גערענקבוך

טייערע פריינט און לאַנדסלייט!

מיר פרעזענטירן פאַר אייך אַן אַרבעט פון אַ קליינער גרופּע זינקאָווער, וועמען דער גורל פון זייער אומגעקומענער היימשטאָט האָט טיף גערירט און ניט געלאָזט רוען די גאַנצע יאָרן. מיר האָבן ניט געקאָנט דערלאָזן, אַז אונטער די חורבות פון פאַרניכטונג זאָלן אויך באַגראָבן ווערן דער חלום פון אונדזער יוגנט און אונדזערע וואַרעמע געפילן, און אַז דער גליענדיקער טרויער איבער די אַלע יידישע מענער, פרויען און קינדער זאָל ניט געפינען קיין געהעריקן אויס־דרוק און זאָל מיט דעם אכזריותדיקן גאַנג פון דער צייט אין גאַנצן פאַרגעסן ווערן.

מיר האָבן ניט געקאָנט באַנעמען, אַז יעדער שטיבל און יעדער געסל, יעדער מקום קדוש, מאַרק־פּלאַץ און שפּאַציר־פעלד, וואָס מיר האָבן אַזוי גוט געקענט און אין זיי אַ שטיק פון אונדזער לעבן פאַרבראַכט, זאָלן בלייבן אָן אַ זכר לחורבן.

מיט אונדזער פּשוטן יידישן לשון און אָרעמען קינסטלער־טאַלאַנט האָבן מיר אָנגעוואָרפן שטריכן, דערמאָנט פּאַסירונגען, געמאָלן געשטאַלטן און ערטערווייז אפילו גוטמוטיק אָפּגעלאַכט פון פאַרשידענע טיפּן. מיר האָבן געזאַמלט בילדער און אויפגעשטעלט, ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזן, אַ גאַלעריע באַקאַנטע און ליבע פּנימער פון אַמאָל און פון היינט.

אונדזערע מעגלעכקייטן זענען געווען באַגרענעצטע. עס איז ניט מעגלעך געווען אויפצוזאַמלען און דערגיין פיל היסטאָרישע פאַקטן. אָבער וואָס מיר האָבן געהאַט און געגרייכט האָבן מיר דאָ פאַר אייך אין דעם בוך אויסגעלייגט און אויך געעפנט וויפל־ניט־איז אַ פענצטער פאַרן צוקונפטיקן היסטאָריקער, דורך וועלכן ער וועט קאָנען אַריינבליקן אין דעם לעבן און אומקום פון אַ פאַרוואָרצלטן יידישן ישוב אויף דער אוקראַינישער ערד.

ועל כולם — מיר גיבן אייך איבער טריי און דאָקומענטאַריש די גביית־עדות פון אַ לעבעדיקן עד־ראיה, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם שוידערלעכן אומקום און איז לעבן געבליבן און קאָן דערציילן פאַר דער געשיכטע און פאַר די צוקונפטיקע דורות די שרעקלעכע געשיכטע פון אונדזער אומגעקומענער היים.

און זאָל דער „פּנקס זינקוב" שטעלן זיך פאַרן בית־דין פון וועלט־געוויסן אַלס דער גרויסער באַשולדיקער קעגן די באַרבאַרישע נאַצישע מענטשן־רוצחים.

הוועד להנצחת העיר זינקוב בארצות־הברית

דער קאָמיטעט צו פאַראייביקן די שטאָט זינקוב אין אַמעריקע

משה גאַרבער, משה גרינמאַן, ברוך לאַסקין, דוד פוקס,
אברהם ראַפּאַפּאָרט, ישראל (סאַניס) רויטבורד

דוד פוקס
פרעזידענט פון זינקאָווער סאָסעיטי

באגריסונג


דוד פוקס

איך באגריס אַלע ברידער, שוועסטער און פריינט ווי אויך דעם בוך־קאָמיטעט צו דעם דער־שיינען פון אונדזער געדענקבוך, דעם „פנקס זינקוב״.

איך דריק אויס אין נאָמען פון אונדזער סאָ־סייעטי מיין האַרציקן דאַנק און אָנערקענונג דער קליינער גרופּע געטרייע און איבערגעגעבענע זין פון זינקאָוו פאר זייער אומדערמידלעכער אַרבעט, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט אין די צוויי גרויסע הייליקע אונטערנעמונגען, דורך וועלכע עס ווערט פאראייביקט געוואָרן דער אָנדענק פון אונדזערע קדושים.

עס איז ממש צו באווונדערן ווי אַזאַ קליין הייפעלע חברים האָבן געפונען מוט און ווזיע זיך אונטערצונעמען שאַפן אַזעלכע צוויי קאָלאָסאלע סימבאָלישע מצבות ווי דער אימפּאָזאַנטער מאָנומענט אויף אונדזער בית־עולם און איצט דעם „פנקס זינקוב״, געדענקבוך.

פיל גרעסערע און רייכערע געזעלשאַפטן האָבן ניט געוואַגט און ניט אַרויסגעוויזן די מינדעסטע אַקטיוויקייט כדי אַרויסצובריינגען אַפילו איין אונטערנעמונג פון דער אַרט.

מיר ווייסן, אַז ניט גרינג איז דאָס אָנגעקומען. דער וועג איז געווען אַ גענוג שווערער מיט פיל שטרויכלונגען. אונדזערע טרייע עסקנים האָבן אָפּ־געגעבן זיך מיט דער אַרבעט לאַנגע שעהען. זיי האָבן געווידמעט פאַר די מיטינגען פון בוך־קאָמיטעט זייערע שבתים און רו־טעג נאָך זייער אַרבעט. עס קומט דערפאַר אַ חברשער יישר כוח דעם קאָמיטעט, וועלכער איז באַ־שטאַנען פון די ברידער משה גרינמאַן, ישראל רויטבורד, משה גאַרבער, ברוך לאַסקין און מיט מיין ווייניקער הילף.

איצט האָבן מיר צוויי סימבאָלישע מצבות נאָך אונדזערע מאַרטירער,


וועלכע זענען אויך דער נר תמיד צו זייער אָנדענק. דאָס זענען צוויי ליכט־זיילן, וועלכע וועלן באַלייכטן אונדזער לעבנס־וועג און וואָרענען, אַז עס דאַרף אַלץ וואַס מעגלעך געטאַן ווערן, כדי ניט צו דערלאָזן, אַז דער ביטע־רער, פינצטערער עבר מיט די גרויזאַמע באַרבאַרישע מעשים פון דער ברוין־שוואַרצער נאַצי־מגיפה זאָלן זיך צוביסלעך פאַרגעסן ווערן און אין גאַנצן פאַרשווינדן אין דער טונקלקייט פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

און אחרון אחרון חביב. — אַ באַזונדער דאַנק און לויב האָבן פאַרדינט אונדזערע זינקאַוועד לאַנדסלייט און פריינט אין ישראל און אַמעריקע פאַר זייער ברייטהאַרציקער מאַטעריעלער שטיצע, אָן וועלכער מיר וואָלטן קיין מאָל ניט געקאַנט קומען צו די צוויי גרויסע און הייליקע דערגרייכונגען.

אַ האַרציקן דאַנק קומט אויך אונדזער חשובן רעדאַקטאָר פראָפ. שמואל אייזנשטאַדט אין תל־אביב מיט זיין חשובער פרוי און דעם גאַנצן שטאַב מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז דער געדענקבוך זאָל זיין אַ ווערק פון אַ העכערער גייסטיקער מדרגה. דורך זיין פלייסיקער מיטאַרבעט מיט אונדז האָט זיך דער רעדאַקטאָר פראָפ. אייזנשטאַדט איינגעגלידערט אין אונדזער קרייז, ווי ער וואָלט זיין אליין אַ מיטגליד פון אונדזער משפחה לאַנדסלייט.

אברהם ראַפּאַפּאָרט

אונדזער געדענקבוך


אברהם ראַפּאַפּאָרט

מיר האָבן פאַר זיך אַ זעלטענעם בוך, פאַרפאַסט דורך זעלטענע שרייבער. ביידע, דאָס בוך און די מחברים זיינע, זענען אייגנאַרטיק. דער עיקר איז וואָס זיינע מחב־רים זענען אַלע זינקאָווער און וואָס זייער טעמאַטיק אָטעמט מיט דעם קלימאַט פון דער היימישער שטאָט. ווי אַלע קינסטלער זענען אויך זיי באַאיינפלוסט פון זייער נאָענטער סביבה.

מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט און טיפקייט האָבן זיך איינגעקריצט און איינגעגראָבן אין זייער זיכרון און אין זייערע שפּירזאַמע נשמות די אכזריותן פון די הפקר־באַנדעס בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די בלוט־דורשטיקע נאַציס האָבן געבושעוועט איבער אייראָפּע און איבער דעם גאַנצן אייראָפּעאישן יידישן ישוב בפרט.

די אויפגאַבע פון אַרויסגעבן אונדזער יזכור־בוך איז אַ קלאָרע. ערשטנס, אַרויס־צוברענגען, ווי ווייט מעגלעך, די שווידערלעכע קאַטאַסטראָפאַלע מערדערייען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין זינקאָוו; צווייטנס, געבן אַ בוך, וואָס זאָל דינען אַלס דערציי־לערישער דאָקומענט וועגן דעם לעבן פון יידן אין זינקאָוו פון די פריעסטע צייטן אָן און ביז צו די טראַגישע שעהען פון אומקום.

די איינצלנע קאַפּיטלעך פון בוך אין העברעאיש, יידיש און ענגליש זענען אויפ־געשטעלט לויט זייער סיוזשעטיש־דערציילערישן המשך. באַזונדער טיילט זיך אויס בולט די כאַראַקטעריזירונג פון די מענטשן־טיפּן און פון דער לאַנדשאַפט. עס קומט דאָ אויף אין אַ געוויסער מאָס די אייגנאַרטיקע שפּראַך מיט אַלע קנייטשן, ניואַנסן און מיט אירע אַזוי באַטעמטע פאָלקישע לאָקאַליזמען. די שרייבער האָבן דאָ געהאַט, אויב ניט זייער אייגענעם סטיל, איז זייער אייגענעם אופן פון אויסדריקן זיך — זייער זינ־קאָווער נוסח. זיי האָבן עס טאַקע געשעפּט פון זייער אוקראַינישן יידישן פאָלקס־שפּראַך־אוצר.

ווען מען וועט נעמען דעם געדענקבוך אַלס אַ גאַנץ קאָלעקטיוו־ווערק, וועט מען שפּירן, ווי עס שרייט פון אים אַרויס ממש דער ממעמקים־דיקער אויסגעשריי פון

וויטיק און בענקשאַפט נאָך די אומגעקומענע און נאָך זייער אַרט לעבן, אין וועלכן יעדערער פון אונדז אַליין איז געווען ענג פאַרוועבט.

ביי דער מחשבה אַליין, אַז אַזאַ וויכטיק, דאָקומענטאַליש ווערק האָט געקאָנט בלייבן ליגן אין מאַנוסקריפּט און ניט זען דעם שיין פון דרוק, קיינמאָל ניט דערגרייכן צו דעם לייענער, — פילט מען אַ טיפע און האַרציקע דאַנקבאַרקייט צו די ברידער־לאַנדסלייט משה גאַרבער, ישראל רויטבורד, משה גרינמאַן, דוד פוקס און ברוך לאָסקין פאַר זייערע אומדערמידלעכע באַמיאונגען צו שאַפן די מיטלען, צו קאָנצענטרירן די מאַנוסקריפּטן און בילדער און אַרויסצוגעבן דעם מערקווירדיקן ספר.




מיטגלידער פון קאָמיטעט פאַר אַרויסגעבן דעם געדענקבוך ביי דער זינקאָווער סאָסייעטי אין ניו־יאָרק
זיצן פון לינקס: משה גרינמאַן און משה גאַרבער
שטייען פון רעכטס: ישראל רויטבורד, בעני לאַסקין, דוד פוקס



קאָמיטעט פון זינקאָווער פרויען־אַקטיוויסטינס אין ניו־יאָרק,
וואָס האָט מיטגעהאָלפן ביי דער אויסגאַבע פון געדענקבוך
פון רעכטס צו לינקס: שטייענדיק — **איטע גרינמאַן, סאָניע**
פוקס, פאָליאַ גאַרבער
זיצנדיק — **ביילע לאַסקין, חנה רויטבורד**

מצבה הגיאוגרפי של זינקוב
וחייה הציבוריים

די געאגראפישע לאגע פון זינקאוו
און איר געזעלשאפטלעכקייט



מפת העיר

1 פנסי־לוקס
2 ה„קרניצי" (באר)
3 משאבות יד
4 גינה ציבורית
5 מכבי אש
6 בית מטבחיים
7 תלמיד תורה
8 חצר האדמו"ר פנחס'ל
9 מושב זקנים (הקדש)
10 בית־מרקחת
11 בי"ח זמסטווי
12 ד"ר גורבטובסקי
13 בית קברות נוצרי
14 בית־הקברות
15 קברי האדמו"רים
16 בית־הכנסת הגדול
17 בית מדרש
18 הקלויז הישן
19 חצר האדמו"ר משה־לי
20 הקלויז של אלתר קצנלבוגן
21 בי"כ של בעלי המלאכה
22 בית יעקב משה וגן ההכשרה
23 שוק הבהמות (טורהוביצע)
24 שוק בשר חזיר
25 דוכני לחם ופירות
26 כובענים
27 קדרות .....
28 מרכז מסחרי
29 סימטת הקצבים
30 יוסיל שעיס
31 בית מרקובסקי (היסטוריה)
32 בתי כסא צבוריים
33 בית הדואר
34 שרידי מבצר (דער שלאס)
35 בית משפט
36 בית ספר (אוטשילישצע)
37 ביסטיצקע
38 הוולוסט
39 בית מעצר
40 הפריסטב
41 הנוטריוס
42 משה־לי רופא
43 יחיאל רופא
44 שמואל רופא
45 אזי זכרמן (הבירורו)

• ה„אובטיוקע" — שכונת העוני

חנה

העיירה זינקוב

סקירה גיאוגרפית־היסטורית

זינקוב היא עיירה של מחוז לטיטשב, פלך פודוליה. ידיעות ברורות ומדוייקות על זמן ייסודה אינן בידינו. קיימים בה שרידים של מבצר עתיק, ולפי הקבלה יש לראות אותם כעדות מימי שלטון הטורקים בחבל ארץ זה בשנות 1672—1699, שהגיע עד קמנץ פודולסק, אשר העיירה זינקוב סמוכה לה. על יסוד זה יש לקבוע, כי העיירה הייתה קיימת קרוב לשלוש מאות שנה עד חורבנה בידי הנאצים.

זינקוב שרויה במרחק 60 פרסה מקמנץ פודולסק ובמרחק 40 פרסה מפרוסקורוב. היא השתרעה על פני גבעה רחבת־ידיים כשהיא מוקפת בקעות ואפרים, ולמרגלותיה עובר נהר אושיצה, הנופל לתוך הדנסטר.

אדמת־הסביבה היא האדמה השחורה הברוכה של אוקריינה, ושדותיה מגדלים יבולים עשירים. מסביב לזינקוב שוכנים 13 כפרים, שהיו מאוכלסים בשעתם איכרים זעירים. בסמוך לה היו קיימות אחוזות גדולות, שהיו שייכות לבעלים פולניים, ועל ידן בתי הרושת לסוכר, נייר ובירה.

העיירה היתה כולה מאוכלסת יהודים, פרט למתי־מספר של אוקריינים ורוסים. בשנת 1847 היה מספר התושבים היהודים 2150 נפש. בשנת 1897, שבה התקיים מיפקד האוכלוסים הרשמי, הגיע מספרם ל־3719 נפש ובשנות העשרים והשלושים של מאה זו עמד בערך על חמשת אלפים נפש.

יהודי־זינקוב התפרנסו במידה רבה זה מזה ואף עמדו עד המהפכה בקשרי־מסחר עם בעלי־האחוזות שבסביבה. הם היו עוסקים ברובם במסחר של תבואה ופירות, שאוקריינה נתברכה בהם, והיו מספקים לחם וגידולי־עצי־פרי לעולם הגדול. היו מהם גם סוחרי־יערות וחוכרי טחנות־קמח.

עשירים מופלגים לא היו בעיירה, אבל לא מעטים היו בעלי־בתים בינוניים, בעלי־מלאכה, שהתפרנסו מיגיע־כפיהם, וגם מחוסרי־מקצוע, שהיו חיים חיי־דחק ועוני.

יהדות אוקריינה, ובייחוד פודוליה, לא הצטיינה בלמדנות יתירה ובהשכלה, אך הייתה רחוקה מבורות ועם־הארצות. כל יהודי, כאמיד וכעני, היה מלמד את בניו תורה, החל מלימוד בחדר או ב„תלמוד תורה" וגמור בלימוד גמרא. היו בזינקוב גם יחידים ששקדו על לימוד־התורה בשעות הפנויות מעבודתם. בין המלמדים היו גם תלמידי־חכמים,

יודעי־תורה. 7 בתי־מדרש ו„קלויזים" התקיימו בעיירה, שבהם היו לומדים בשעות הערב משניות ו„עין יעקב".

משהתחילה תנועת־ההשכלה להתפשט בקרב יהדות רוסיה פקדה גם את זינקוב. ההורים התחילו שולחים את ילדיהם ללמוד לימודים כלליים בבית־הספר הרוסי בעל שתי המחלקות, שהיה קיים בעיירה, ומראשית המאה העשרים הייתה כבר רבה המשיכה להשכלה תיכונית, והנוער היה יוצא למטרה זו לערים הגדולות.

מראשית ימי הופעת הציונות המדינית נפוץ הרעיון הציוני גם בזינקוב ורבים מן ההורים היו מחנכים את בניהם ובנותיהם ברוח תנועה זו ומעוררים בהם חיבה לארץ־ישראל. והוא שגרם לכך, שתקום לאחר זמן בקרב הנוער תנועה חלוצית ושיעלו בני־זינקוב ארצה לעבוד בה ולהשתתף בבניינה.

גם תנועת ה„בונד" רכשה לה חברים ואוהדים בזינקוב, אף על פי שפרולטריון יהודי במלוא מובן המלה לא היה קיים בה. לא היו קיימים בה בתי־חרושת ולא היה בה רקע למלחמת מעמדות, אבל רגש של מרד התעורר בקרב פועלי־המלאכה כלפי מעבידיהם.



ר' משהלה זצ"ל

זינקוב הייתה קרובה לערש החסידות למדז'יבוש והיא המשיכה את שלשלת המסורת החסידית, שלשלת אפט. חגי־ישראל היו משרים מרוחם על העיירה. החסידים, שהיו מתכנסים בה מכל הסביבה, היו שרים ניגונים חסידיים. בייחוד היה רב להט השירה והריקודים בשמחת־תורה. חצרות הרבנים היו פתוחות תמיד לכל דורש עצה, לכל קשה־

רוח. שם הייתה מתנהלת בציבור תפילה חמה, שם היו דנים דין תורה, חדור אמת, צדק ויושר.

מכלל האישים, שבהם הצטיינה העיירה מן הראוי להזכיר את:

ר׳ משה ברסוק ז״ל, מזכירו של הרבי ר׳ משה׳לה זצ״ל, או כמו שהיו קוראים לו אז — הגבאי. הוא היה למדן מופלג, אשר לא פסקה גירסה מפיו יומם ולילה. הוא היה מחליף שאלות ותשובות עם רבנים מפורסמים שבסביבה והיה רושם את הגהותיו בשולי הש״ס שהיה לומד.

ר׳ מרדכי נחמנס ז״ל, מלמד גמרא מן המעולים ביותר, למדן, פיקח וקנאי.

ר׳ חיים רויזיס הי״ד, יהודי עממי עסיסי טוב־לב, למדן. הצטיין בסיפורי־המעשיות שלו ובייחוד בפתגמיו, שהיו רוויים חכמה עממית. הנה אחדים מהם: „אז עס איז ניט גוט אויף דער וועלט, זאל מען זיך אויף יענער וועלט ניט וויזן״. „איך פארשטיי — ארייננגיין לעבעדיקערהייט אין הימל, ווי אליהו הנביא, אדער איינגעזונקען ווערן אין דער ערד ווי קורח, אבער ניט בלייבן היינגען ווי אבשלום צווישן הימל און ערד״. הוא נרצח בזינקוב על ידי קלגסי היטלר ימ״ש. בנו יצחק איציקזון ע״ה היה סופר. נפטר לפני זמן קצר בארגנטינה.

מרדכי ורצמן — איש מכובד, בעל משפחה גדולה ונכבדה, מטיפוסו של „שלמה נגיד״.

הרשל משה חיים׳ס עם אשתו „אשת החיל״ רחל, אשר פרנסה בעמלה את המשפחה הגדולה ונתנה לבעלה לשבת על התורה.

לאחר הפרעות שחוללו אנשי־פטליורה, בייחוד לאחר הפרעות הגדולות בפרוסקורוב ובפלשטין, הסמוכות לזינקוב, עזבו רבים מן הצעירים את זינקוב, שהייתה קרובה לגבול גליציה המזרחית והצליחו לעבור את הגבול. יש מהם שעלו בתור חלוצים ארצה ויש שהגרו לאמריקה, ולאחר זמן הלכו גם ההורים בעקבותיהם.

חנה

אונדזער שטעטל זינקאָוו

(אַ געאָגראַפיש־היסטאָרישער איבערזיכט)

זינקאָוו איז אַ שטעטל פון קרייז לעטיטשעוו, פּאָדאָליער גובערניע.

קלאָרע און גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דער צייט פון איר גרינדונג האָבן מיר נישט. עס געפינען זיך ביי דעם שטעטל רעשטן פון אַן אַלטער פעסטונג, וועלכע ווערט אָנגערופן „דער שלאָס" און, ווי עס ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור, דאַרף זי באַטראַכט ווערן ווי אַן עדות פון דער צייט פון דער טערקישער הערשאַפט אין דער דאָזיקער געגנט אין די יאָרן 1672—1699, וועלכע האָט געגרייכט ביז צו דער נאָענטער שטאָט קאַמענעץ פּאָדאָלסק. אויף דעם סמך דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז זינקאָוו האָט עקזיסטירט בערך דריי הונדערט יאָר ביז זי איז צעשטערט געוואָרן דורך די נאַציס.

זינקאָוו געפינט זיך 60 ווי־אָרסט וויט פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און פערציק וויאָרסט וויט פון פּראָסקוראָוו. זי האָט זיך פונאַנדערגעלייגט איבער אַ ברייטן בערגל און איז געווען אַרומגערינגלט מיט טאָלן און לאָנקעס. און צופוסנס פון איר פליסט דער טייך אושיצאַ, וועלכער פאַלט אַריין אין דניעסטער.

די ערד פון דער געגנט אין די געבענטשטע שוואַרצערד פון אוקראַינע און אירע פעלדער צייטיקן די רייכסטע תבואות.

אַרום זינקאָוו האָבן זיך צעלייגט 13 דערפער, אין וועלכע עס זענען אין יענער צייט געזעסן קליינע פּויערים. אין זייער שכנות האָבן זיך געפונען גרויסע פּריצישע הויפן, וואָס האָבן געהערט צו פּוילישע בעלי־בתים און ביי די הויפן האָבן זיך געפונען די צוקער־פאַבריקן, פּאַפּיר־פאַבריקן און ברויערייען.

דאָס שטעטל איז געווען דורכאויס באַוווינט פון יידן. עס זענען אין אים געווען בלויז געציילטע אוקראַינער און רוסן. אין יאָר 1847 האָט די צאָל יידישע איינוווי־נער פון זינקאָוו באַטראָפן 2150 נפשות. אין יאָר 1897, אין וועלכן עס איז פאָרגעקומען די אָפיציעלע פאָלקס־ציילונג פון דער באַפעלקערונג, האָט די צאָל זינקאָווער איינוווינער דערגרייכט צו 3719 נפשות. אין די 20ער און 30ער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט איז די צאָל איינוווינער דערגאַנגען ביז 5000.

זינקאָווער יידן האָבן זיך צום גרעסטן טייל מפרנס געווען איינע פון די אַנדערע און ביז צו דער רעוואָלוציע האָבן זיי אונטערגעהאַלטן האַנדלס־באַציאונגען אויך מיט די גוטבאַזיצער פון דער געגנט. זיי האָבן זיך פאַרנומען מערסטנטייל מיטן מסחר פון

תבואה און פרוכט, מיט וועלכע אוקראַינע איז געווען געבענטשט, און זיי פלעגן עקספּאָר־טירן ברויט און כלערליי פרוכט אין דער גרויסער וועלט אַרייַן. עס זענען צווישן זיי אויך געווען וואַלד־סוחרים און אַרענדאַרן פון מילן. קיין גרויסע גבירים זענען אין שטעטל נישט געווען. עס זענען אָבער נישט ווייניק געווען מיטעלע בעלי־בתים און בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן געלעבט פון זייער פּראַצע. עס האָבן אויך נישט געפעלט אין שטעטל מענטשן אָן אַ פּראָפעסיע, וועלכע האָבן געלעבט אין נויט און דחקות.

אוקראַינישע און דערהויפּט פּאָדאָלישע יידן האָבן זיך ווייניק אויסגעצייכנט מיט זייער למדנות און השכלה, אָבער זינקאָווער יידן זענען געווען ווייט פון אומוויסנקייט און עם־הארצות. יעדער ייד, סיי דער פאַרמעגלעכער און סיי דער אָרעמער, האָט געהאָט געגעבן זיין קינד לערנען תורה, אָנהייבנדיק פון „תלמוד תורה" און ענדיקנדיק מיטן



תמונות מזינקוב
בילדער פון זינקאָוו

לערנען גמרא. עס זענען געווען אין זינקאָוו אויך איינצלנע ,וואָס האָבן זיך אין זייערע פרייע שעהן אָפּגעגעבן מיט לערנען. צווישן די אָרטיקע מלמדים זענען אויך געווען תלמידי־חכמים און לערנער. אין שטעטל זענען געווען 7 בתי־מדרשים און קלויזן, אין וועלכע מען האָט אין די אָוונט־שעהן געלערנט משניות און „עין־יעקב".

בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפרייטן די השכלה־באַוועגונג צווישן יידן אין רוסלאַנד האָט זי נישט אויסגעמיטן אויך זינקאָוו. עלטערן האָבן אָנגעהויבן שיקן זייערע קינדער אין די וועלטלעכע שולן; צווישן זיי האָט זיך פאַרשטאַרקט די טענדענץ צו מיטלשול־בילדונג, און די זינקאָווער יוגנט האָט זיך געצויגן צו דעם צוועק אין די גרויסע שטעט.

זינט עס איז אויפגעקומען דער פּאָליטישער ציוניזם האָט זיך דער ציוניסטישער געדאַנק פאַרשפּרייט אויך אין זינקאָוו און פיל פון די עלטערן האָבן דערצויגן זייערע קינדער אין גייסט פון דער דאָזיקער באַוועגונג און האָבן דערוועקט אין זיי ליבע צו ארץ־ישראל. און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין משך פון דער צייט זאָל אויפקומען צווישן דער יוגנט אַ חלוצישע באַוועגונג און אַז זינקאָווער יוגנט זאָל עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אַרבעטן דאָרט און אָנטיילנעמען אינעם אויפבוי פון לאַנד.

אויך די בונדישע באַוועגונג האָט זיך געשאַפן חברים און סימפּאַטיקער אין זינקאָוו, הגם ביי אונדז אין נישט געווען קיין יידישער פּראָלעטאַריאַט אין פולן זין פון וואָרט. עס האָבן נישט עקזיסטירט קיין פאַבריקן און עס איז נישט געווען קיין באָדן פאַר אַ קלאַסן־קאַמף. עס האָט זיך אָבער דאָך געהאַט דערוועקט אַ פּראָטעסט־געפיל מצד די האַנטווערקער־אַרבעטער אַנטקעגן זייערע אַרבעטגעבער.

זינקאָוו איז געווען געאָגראַפיש נאָענט צו דעם וויגעלע פון חסידות, צו מעזשיבאָזש, און זי האָט פאַרגעזעצט די קייט פון דער חסידישער טראַדיציע.

די יידישע יום־טובים פלעגן באַשטראַלן מיט זייער גייסטיקן ליכט דאָס שטעטל. די חסידים, וועלכע פלעגן זיך אויפזאַמלען אַהער פון דער גאַנצער אומגעגנט, פלעגן זינגען חסידישע ניגונים. איבערהויפּט פלעגט זיך צעגיסן איבער זינקאָוו אַ התלהבותדיק געזאַנג, באַגלייט מיט מאַסן־טענץ אום שמחת־תורה. די רבייאישע הויפן זענען שטענדיק געווען אָפן פאַר יעדן איינעם, פאַר יעדן, וואָס האָט געהאַט אַ שווער געמיט אָדער האָט זיך גענייטיקט אין אַן עצה. דאָרט פלעגט מען דאַווענען בציבור וואַרעמע האַרציקע תפילות. דאָרטן פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן דין־תורות, דורכגעדרונגענע מיט אמת, גערעכטיקייט און יושר.

פון די פּערזענלעכקייטן, מיט וועלכע עס האָט זיך אויסגעצייכנט זינקאָוו, איז כדאי צו דערמאָנען:

ר׳ **משה באָרסוק** ז״ל, דעם סעקרעטאַר פון רבין ר׳ משהלע זצ״ל, אָדער ווי מען פלעגט אים געוויינלעך רופן „דער גבאי״. ער איז געווען אַ זעלטענער למדן, וואָס האָט טאָג און נאַכט נישט אויפגעהערט לערנען. ער פלעגט זיך אויסוועקסלען מיט שאלות ותשובות מיט די באַרימטע רבנים פון דער געגנט און ער פלעגט פאַרצייכענען זיינע הערות אויף די פּאַלדן פון ש״ס, וואָס ער האָט געלערנט.

ר׳ **מרדכי נחמנס** ז״ל איז געווען פון די בעסטע מלמדים אין זינקאָוו. אַ למדן, אַ קלוגער און פרומער.

ר׳ **יעקב אלטאַניר** ז״ל איז געווען אַ טיפּישער למדן, אַ צנוע, אַ נחבא אל הכלים.

ר׳ **חיים רויזים** הי״ד איז געווען אַ זאַפּטיקער און גוטהאַרציקער פּאַלקסמענטש און למדן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע מעשיות און דערהויפּט מיט זיינע שפּריכווערטער, וועלכע זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט פּאָלקישער חכמה. אָט זענען עטלעכע פון זיי: „אַז עס איז נישט גוט אויף דער וועלט, זאָל מען זיך אויף יענער וועלט נישט ווייזן״, אָדער „איך פאַרשטיי אַריינגיין לעבעדיקערהייט אין הימל, ווי אליהו הנביא, אָדער איינגעזונקען ווערן אין דער ערד, ווי קורח, אָבער נישט בלייבן הענגען צווישן הימל און ערד, ווי אבשלום״. ער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלערישע אויסוואורפן

ימ״ש.* זיין זון יצחק איציקזאָן ע״ה איז געווען אַ שרייבער. ער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געשטאָרבן אין אַרגענטינע.**

מרדכי ווערצמאַן ז״ל. אַן אָנגעזעענער מענטש, אַ פאָטער פון אַ גרויסער און בכבודי־קער משפחה, אַ „שלמה דער נגיד״,

הערשל משה חיימס ז״ל מיט זיין פרוי, די „אשת חיל״, רחל, וואָס האָט מיט איר כּראַצע אויסגעהאַלטן די גאַנצע משפחה און געלאָזט איר מאַן אָפּגעבן זיך זיין גאַנצע צייט מיט לערנען.

נאָך די פּאָגראָמען, וואָס די פּעטלוראָווצעס האָבן געמאַכט, דערהויפּט נאָך די גרויסע פּאָגראָמען אין פּראָסקוראָוו און אין פּאַלעשטין, וואָס זענען נאָענט צו זינקאָוו, זענען פיל פון דער יוגנט אַריבער די נאָענטע גרענעץ קיין מזרח־גאַליציע. אַ טייל פון זיי איז אַריבערגעפאָרן אַלס חלוצים קיין ארץ־ישראל און אַ טייל האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. מיט דער צייט זענען זיי נאָכגעפאָרן אויך זייערע עלטערן.

(איבערזעצט פון העברעאיש)

---

* זע: י. ר.: דער חורבן פון זינקאָוו.


** זע: דמויות זינק׳ביות — זינקאָווער געשטאַלטן.



שריד המצודה הטורקית והשביל אל המעיין
„דער שלאָס", איבערבלייב פון אַ טערקישער פעסטונג און די סטעזשקעלע צום קוואַלכל

נחום ישפה

התנועה הציונית והחלוצית בזינקוב



נחום ישפה

זוכר אני יפה את יום מותו של ד״ר תיאודור הרצל, ואני אז ילד בן שבע שנים. רישומו של המאורע העצוב היה ניכר בכל העיירה. לא רבים ידעו אוליי על פעולותיו, אבל כולם שמעו את שמעו. היו בעיר שני אדמו״רים, אשר רוב חסידיהם התנגדו לציונות בתור תנועה מדינית, אך באותו יום הרגישו כולם, כי קיים קשר הדוק בין ד״ר תיאודור הרצל ובין „ותחזנה עינינו בשובך לציון״ שב־תפילת יום־יום.

הידיעה על מותו של הרצל זעזעה את כל העם. אותו בוקר באו הילדים אל החדר (אני למדתי אז אצל המלמד המכונה יואל חודצ׳ניק) וסיפרו, כי מת אדם גדול בישראל הדומה למשה רבנו. המלמד גער בהם, אך אחד הילדים הוסיף ואמר: כך אמר אבא שלי.

הציונים שבעיירתנו היו מדוכאים ביותר, כי נפלה עטרת התנועה עם מותו של המנהיג.

במרוצת־הימים גדלה התעניינות בני־עירנו בתנועה הציונית. בשעת קונגרס ציוני היה אבא מביא מפרוסקורוב את העיתון „הצפירה״, שהיה מתפרסם בו דין וחשבון מפורט על מהלך דיוני הקונגרס, והעיתון היה עובר מיד ליד ומגיע אף לידי הרבי ר׳ משה׳לה.

מתוך רגש דתי היה הרבי מתנגד להלכה לציונות החילונית, אך השלים למעשה עם אלה, שאינם רוצים לשבת בחיבוק־ידיים עד ביאת־המשיח ואומרים, כי יש לעלות לארץ־ישראל ולהתיישב בה. הוא לא ראה בזה כל עבירה. פעם שאל אחי הגדול ממני מנחם את הרבי: „למה לא נקבל עלינו את הרצל בתור גואל, בתור משיח? האמנם עלינו לתאר את המשיח, כדברי־האגדה, בדמות מלאך שיתגלה ויתקע בשופר גדול?״, על זה ענה לו הרבי ואמר: „קשה לתאר את המשיח בצורה גשמית. ייתכן שהוא יופיע גם בצורת־נביא. אך כתוב, כי בימות־המשיח „ומלאה כל הארץ דעה״, כלומר, שכולם יכירו במשיח המתגלה ללא יוצא מן הכלל. המשיחים שהופיעו עד עכשיו חלק מן העם האמין בהם וחלק אחר לא האמין בהם, וסופם הוא שלא זו בלבד שלא הביאו גאולה, כי אם גרמו נזק רב על ידי כשלונם״. צריך להקפיד על קיום המצוות, ללכת בדרך הישרה עד שכל העם יהיה כולו זכאי או, חלילה, כולו חייב.

השד״רים, שהיו באים מארץ־ישראל היו מספרים בחוגי־החסידים על התארגנות פועלים בארץ־ישראל, שמדברים עברית.

חלפו עברו שנים, ובשנת 1910 נסע אחי מנחם ללמוד בעיירה הוסייטין, היושבת על יד הגבול עם אוסטריה. הוא התחנך שם אצל דודי, דוד בלינדר, שהיה ציוני פעיל. וכשהיה בא לימי החופש הביתה היה משרה רוח ציונית בחוגי הנוער הזינקובי. הוא היה מביא אתו גם חוברות של הירחון „מולדת״, שהיה מופיע ביפו. ב־1914 התכונן דודי לנסוע לארץ־ישראל, כדי להתחקות על האפשרות של התיישבות בארץ. אני, שידעתי לצייר יפה, עמדתי להצטרף אליו על מנת להיכנס לבית־הספר „בצלאל״ בירושלים, — אך בינתיים פרצה המלחמה והתכנית כולה נתבטלה.



משפחת יהיאל ישפה

בתחילת המלחמה גורשו כל היהודים מן המקומות הסמוכים לגבול האוסטרי וכמה משפחות של תושבי־הוסייאטין באו לשבת בזינקוב, וביניהם גם משפחת דודי דויד בלינדר וחבירו המורה שמואל פרידמן, שניהם ציונים פעילים ומסורים. הפעולה הציונית נאסרה, כידוע, על ידי הממשלה הצארית, אך שניהם לא נמנעו מלנהל תעמולה ציונית שקטה בעיר, ריכזו סביבם מספר של אוהדים לרעיון הציוני ואירגנו קבוצות ללימוד השפה העברית. בבית־הדוד היו מדברים רק עברית ולילדים ניתנו שמות תנכיים. בנו אבשלום נפל בימי מלחמת העולם השניה בתור חייל בצבא האנגלי בארץ ישראל.

בשנת 1917 לאחר המהפכה הרימו הדוד דויד בלינדר ושמואל פרידמן את הדגל הציוני ברמה, ייסדו אגודה ציונית בשם „התחיה״ ומועדון ציוני, ועליו התנוסס שלט כחול־לבן עם כתובת בעברית ורוסית. אספנו בינינו ספרים, בעיקר בעברית, וסידרנו ספריה. מסביב למועדון התרכז חוג די רחב של צעירים. היו שרים שירים ציוניים ולאומיים,

הקימונו גם חוג דרמטי. הבמאי היה המורה ישראל שטינברג, אחיו של הסופר יהודה שטינברג. הדוד ושמואל פרידמן היו עורכים אסיפות־הסברה, רוכשים חברים לאגודת „התחיה" והכניסו את נציגי־הציונים למוסדות הציבור, לקהילה ילהנהלת בית־הספר. האסיפות עוררו וויכוחים סוערים, בייחוד עם ה„בונד", אשר בראשו עמד אברמוביץ.

ארגון ה„בונד" בזינקוב היה די גדול ולפי מספר חבריו עלה על מספר חבריה של האגודה הציונית. כמו כן התנהלו וויכוחים בינינו ובין לוי סטוליאר (הנגר) ה„פועל הציוני", שראה בתנועה הציונית שלנו תנועה בעל־ביתית גרידא ושבחריפות פולמוסו אתנו וגם עם „צעירי־ציון" לא נפל אפילו מאברמוביץ הבונדאי.

אני, אברהם ברנזון ומשה גרשגורן היינו ממונים על שמירת הסדר והרבה סייע להפגת המתיחות הבינמפלגתית דבר היותנו כולנו יחד חברים להגנה, ששם שררה אחווה ממש ולא הוזכרו אף ברמז ההשתייכות המפלגתית ופירוד־הדעות.

בתחילה ניהלנו את התעמולה בכוחות עצמנו. חוץ משמואל פרידמן, הדוד דוד בלינדר ומוטי פייארמן הצליחו לא פעם הצעירים בפעולתם הם. זכורני, כי בנאום אחד אמר אחי מנחם: „עמנו שמר בגלות על קיומו בתור עם במשך אלפיים שנה בכוח תרבותו העתיקה. משול הוא עמנו לאותו פלג היוצא ממעיין זך. זרמו חזק ומימיו צלולים, ובהשתפכו לתוך הים הגדול איננו מתערב בו וזרמו נראה בולט במרחבי הים". כולם מחאו לו כף ואף המתנגדים אמרו: „מענדל רעדט גוט"



שמואל פרידמן, ז"ל

הבונדאים הביאו פעם לזינקוב נואם ידוע משלהם, אשר פנה אל הקהל בזו הלשון: „איך וועגד זיך צום פשוטן ידן מיט דער בארד". הוא דיבר דברים של טעם ועשה רושם על שומעיו. נגדו יצא המורה שמואל פרידמן, אדם חלש ונחבא אל הכלים, אך ספוג תרבות ומלא וגדוש תורה והשכלה ואף בקי בתורת־הציונות. בקול שקט ובטוח הוא ניתח את מצבנו בתפוצות, בכל הארצות וברוסיה בפרט ואמר: „בלב כל יהודי נטוע הרעיון הציוני, אלא שהאדוקים מחכים לביאת־המשיח והשאר מחכים לכך, שהגויים יזכירו להם על הצורך החיוני לחזור למולדתם ההיסטורית. שונאי־ישראל אינם מבדילים בשנאתם בין ציונים ובין סוציאליסטים. הם שונאים את כולנו כיהודים. עם שאין לו ארץ דומה לבית

שאין לו יסוד. הציונות שואפת ללכד אותנו בתור עם בארצנו ההיסטורית ולהחזירנו לחיים פרודוקטיביים... עם המדבר בשפתו, המפתח את תרבותו ושואף לחיות חיים נורמליים בארצו מתקבל לחבר העמים. העולם כבר הכיר בכך והאנגלים נתנו לנו את הצהרת־בלפור. עכשיו תלוי הדבר אך בנו. עלינו להוכיח, כי אנו מסוגלים להיות עם ככל העמים, ואם לא נעשה עכשיו את המאמץ בזמן שהדלת פתוחה, ספק אם יפתחו אותה לנו בשעה שתבוא עלינו, חלילה, שואה."

הקשיבו לדבריו של שמואל פרידמן בשקט ובהתעניינות גם המתנגדים. לאחר שהתפזרו הנאספים הייתה שיחת־היום: אמנם הנואם הבונדאי דיבר הפעם דברים של טעם, אך בכל זאת צודק פרידמן...

מפרוסקורוב היו שולחים לזינקוב גם נואמים ציוניים. ביקר אצלנו איבי זילברמן, אשר לפי קלסתר פניו ואופן דיבורו היה דומה לזאב ז'בוטינסקי. הוא היה מדבר בשפת יידיש ובסגנון חריף ושנון. אהוב על הציבור הזינקובי היה הנואם סאשה נירנברג, שהיה מדבר רוסית ומושך בדבריו את לבות הנוער.

פעם ערכנו שבוע ארץ־ישראלי. אותו שבוע התקיימו אסיפות תעמולה ובידור, כמו כן סידרנו הפגנה של הכוח היהודי, שאורגנה לפי מיטב דמיוני: קבוצה של ארבעים בחורים, כולם בעלי־קומה ולבושי־מדים — כובע כחול־לבן, חולצה עם חשן כחול ועליו מגן דוד, מכנסיים שחורות בתוך מגפיים עם פסים כמו אצל הקוזקים. קבוצה זאת צעדה בחוצות העיר בבחינת פלוגה של חיילים, ובראשה רכבנו על סוסים מקושטים: אני לבוש אותם מדים ואברהם ברנזון, בחור שחור בלבוש מזרחי (סמל של קיבוץ גלויות ממזרח וממערב). לפני הפלוגה צעדה תזמורת ואחריה נהר עם רב. ליד בית־הכנסת ערכנו עצרת עם מיסדר ושרנו את התקווה. מצב הרוח היה מרומם. כל הפנים קרנו...

אותו ערב ערכנו נשף באולם „מכבי־האש" בלוויית הופעות ודקלומים. המצעד ביום וההופעות בערב שימשו הפגנה של כוח יהודי, כוח עלומיו של הדור הצעיר, שיש לכוונו ליצירה, לבניין ואף להגנה.

לאחר האסיפות והחגיגות ניגשנו לעבודת־ההכשרה. היינו קשורים עם מרכז „החלוץ" בחרקוב, אשר בראשו עמד אליעזר קפלן ע"ה. בחוזר שקיבלנו מן המרכז נאמר, כי מתארגנות קבוצות להכשרה חקלאית במושבות היהודיות שבפלך חרסון וכי על החברים אשר בדעתם לעלות ארצה להרשם ולבוא לשם הכשרה.

ברור היה לכולנו, כי יסוד־היסודות של הציונות היא השיבה אל האדמה ואל עבודת האדמה. דיברו בהתלהבות של הקבוצות החקלאיות הקיימות בארץ ושל ההתיישבות הקואו־פרטיבית במרחביה. אך מכל ציבור הציונים המכובדים, היושבים על יד שולחן הנשיאות והשרים בהתלהבות את „התקווה" ואת השיר ביידיש „מיר וועלן דארטן קארז שניידן און דעם גלות מער ניט ליידן", נרשמו לעבודת־ההכשרה רק שניים, אני וטויד אחד החברים. התכוננו לצאת לשם הכשרה במושבה „דוברוויה". אך מסיבות משפחתיות דחופות התעכבתי. בהסכמתו של מרכז „החלוץ" ודחה זמן יציאתי, וביותחיים כבשו וייחות דניקין את אזור חרסון ופעולת ההכשרה נתבטלה ואנו נשארנו כפופים לשלטונו של סקורופדסקי.

כדי שלא לשבת בחיבוק ידיים קיבלנו בשנת 1919 חלקת־אדמה מידי יעקב משה וורטסמן לשם לימוד עבודת־האדמה הלכה למעשה. זו הייתה חלקת אדמה גדולה וטובה מוקפת גדר גבוהה. המקום לא היה ראוי לזריעת תבואות־שדה, ולא זרענו שם אלא

ירקות, כגון תירס וחמניות. מדי פעם הייתי מביא אל חלקתנו את אחד ממכיריי האיכרים האוקראיניים שילמד אותנו ראשי־פרקים בחקלאות ויראה לנו כיצד זורעים, כיצד עודרים. עבדנו עבודה קשה בידיים ללא שימוש במחרשה ובסוסים, אך העבודה הייתה חביבה עלינו והלכנו והתקדמנו בה מיום ליום.

בינתיים התחלפו השלטונות באזורנו. פלוגות דניקין כבשו את האזור שלנו ועל ידי כך נקבע קשר בין עירנו לבין אודיסה, אשר משם הייתה צריכה, לפי השמועה, להפליג אניה לארץ־ישראל. אני ואברהם ברנזון יצאנו לאודיסה על מנת להתחקות על אמיתותה של השמועה. התברר, כי אמנם הפליגה לפני זמן־מה האניה „רוסלן" וכי אין סיכוי להפלגה חדשה בקרוב.

בשעת שהותנו באודיסה פשטה שמועה, כי פלוגות דניקין נסוגות מן הסביבה שלנו. כדי שלא להישאר מנותקים לגמרי, מיהרנו לשוב הביתה. ואכן בהגיענו לז׳מרינקה נקלענו לחליפת־יריות חזקה, שעם סיומה נסוגו אנשי דניקין והעירה נכנסה פלוגת שצ׳פל, בן בריתו של פטליורה. שוב נותקנו מן העולם הגדול. נפסקה גם התחבורה הבין־עירונית וכל חיינו היו תלויים מנגד כבתחילה.



אגודה ציונית „התחיה" זינקוב

כדי שלא להוציא לבטלה את הזמן הקשה, שהיה עלי לשהות בזינקוב, התמסרתי לארגון קבוצה יותר גדולה ובעלת־משקל של חלוצים, אשר יעלו יחד אתי ארצה בבוא המועד. רבים מבני־הנוער מעשרים שנה ומעלה הסתייגו ולא נרשמו ברשימת־העולים. האמתלה שלהם הייתה, כי אין להחליט על עליה ארצה כל זמן שהמצב בארץ איננו ברור. ולכן עוררתי לעליה וארגנתי קבוצה חלוצית מן השכבה היותר צעירה, מבני 16—17. נרשמו

על ידי 17 בנים ו־2 בנות. עשינו את כל ההכנות הפורמליות למען אשר נוכל לצאת לאחר אשר ייפתחו הגבולות. היה מיועד למטרה זו גם סכום כסף, שבא לנו מן הריווח של עבודת־הגן.

מלבד המכשולים החיצוניים היה מוטל עליי לעמוד בפני טענותיהם של ההורים. עם היותם ציונים באו בכל זאת בטענה, שאני מארגן את ילדיהם שאינם עומדים עוד ברשות עצמם וכי עליי לנהל את המשא והמתן על העליה אתם. לעומת זה הסברתי להם, כי אין איש כופה את הבנים לעליה וכי היציאה מן הגיהינום שהשתרר עם התחלפות השלטונות ועם סכנת־החיים הנשקפת ליישוב היהודי המקומי היא גם לטובתם הם. אך הם דחו אותי בכל מיני אמתלאות.



קבוצת חלוצי זינקוב בדרכם לארץ ישראל בשנת 1921

אך החליפות והתמורות במצב הפוליטי טרם פסקו. לאחר זמן קצר נכנס לאזורנו הצבא הפולני, שכבש את כל פודוליה והגיע עד קיוב. אירע הדבר בשנת 1920.

בגלל כיבוש חדש זה נתחדשו קשרינו עם החוץ. הגיעה אלינו ידיעה מווארשה, כי שם הוקם ועד עליה, המרכז ומעביר ארצה קבוצות של חלוצים לארץ־ישראל. שמענו גם, כי מקמניץ יצאה כבר קבוצה של חלוצים ארצה וכי אף בדונייבצי מתארגנת קביצה. נסעתי לשם ונתברר לי, כי כל הדרכים מוליכות עכשיו לווארשה.

בפסח של שנת 1920 הגיעה אלינו לזינקוב הידיעה המעציבה על המאורעות בתל־חי ועל נפילתם של יוסף טרומפלדור וחבריו. זה דיכא לא מעט את רוחם של הציונים המקומיים. הם קמו עכשיו עליי ואמרו: אכן צדקנו באמרנו, כי אין לארגן עליית־חיפזון וכי יש להמתין עד שיתברר המצב בארץ. אך תשובתי היתה: על אחת כמה וכמה צריך

עכשיו לארגן עליה חלוצית, שתשמש תגבורת לחברים בארץ, ומבחינת בטחון־החיים הרי העליה ארצה היא בבחינת יציאה מסכנה גדולה לסכנה יותר מועטת.

גייסתי לעזרתי את הח׳ שמעון סליטרניק ואת אשתו מסיה ז״ל, שהיו מועמדים רציניים לעליה, לחצנו על הוועד המקומי, שימציא את הכסף הדרוש לנסיעה לווארשה. נסעתי לשם, לאחר שהייה של שבועיים בווארשה סידרתי שם את תעודות העליה והוויזות הדרושות וחזרתי לזינקוב.

אך יציאת הפולנים מן האזור וכניכת הבולשביקים עיכבו שוב את יציאתנו. לאחר



קבוצת הלוצי זינקוב לייד קבר ד״ר תיאודור הרצל בווינא

הרפתקאות רבות הגעתי ליפו לאחר חמישה חדשים בנובמבר 1920 וקבוצת החלוצים הזינקובים הגיעה רק כעבור ששה חדשים בתחילת שנת 1921. זו הייתה קבוצת החלוצים הראשונה מזינקוב. מאז נתקשרה זינקוב עם ארץ־ישראל על ידי חלוציה, בוני ארצנו.

*

בשעת צאתנו מזינקוב שלטו שם הבולשביקים, ויהודי־המקום עוד נהנו מחופש מסויים במסחר ובחיי־הקהילה. גם הפעולה הציונית נמשכה, וגם העליה ארצה נמשכה במידה מצומצמת, אף כי היציאה מרוסיה נתקלה כבר בקשיים פורמליים. הייתה תכונה לעליה מצד צעירים בודדים ומצד משפחות, אשר בניהם היו כבר בארץ.

מאורעות שנת 1921 עצרו בהרבה את התכונה לעליה מעירנו, ומשפחות שעמדו על סף היציאה דחו אותה עד יעבור זעם.

בשנת 1922 גברה העליה במקצת. באו ארצה מזינקוב כמה בודדים וכמה משפחות. עלתה משפחת פרנקל, שהיו לה שני בנים בארץ. עלו גם שמעון סליטרניק ואשתו, דויד סטוליאר ומשפחתו ושמואל פרידמן. באה גם משפחת זלצמן ועוד משפחות אחדות. אם נעלמו ממני במשך הזמן כמה שמות נוספים של עולים, אתם הסליחה.

מכלל בני משפחתי אני באו אחותי פאני עם חתנה אהרון גרבלסקי, ויחד התחלנו לחפש דרכים להתיישבות בתור בסיס כלכלי לכל המשפחה.

לא כל אלה מאנשי עירנו שעלו ארצה באותו זמן היו מרוצים. היו גם כאלה שחזרו. ציוני אחד חשוב מאנשי זינקוב ד. וו. לא יכול היה להתרגל לחיי־העבודה ולתנאי־החיים בארץ בכלל, שהיו השים לטומת אלה שהיה רגיל בהם, וחזר למקומו. וכששאלו אותו למה ומדוע, לא אמר, חלילה, כי לא טובים החיים בארץ, אלא שאמר, כי הארץ טובה בשביל בחורים כנחום ישפה, שיש לו כוח של שור, סבלנות של חמור, שהוא מסתפק בארוחה של פיתה ודבלים ושלאחר יום עבודה קשה בנמל הוא עוד רוקד בערב עם שאר החברים ריקוד „הורה".

אך עלייתם של אנשי־זינקוב טרם נפסקה עוד לגמרי. לאחר זמן קצר עלתה עוד משפחת זיידה סליטרניק, עלו אחי משה, האחים וורטסמן. ובשנת 1926 עלתה אמא, עליה השלום, ואחי מנחם עם משפחתו.

בשנת 1923 נכנסתי להתיישבות במושב מרחביה בתנאים שלא היו טובים ביותר. גרתי בצריף קטן. עבדנו מעלות השחר עד שעה מאוחרת בערב וקיווינו, כי במשך הזמן יוקל מצבנו ונבצר יסוד כלכלי בשביל כל המשפחה שתבוא אחרינו. עמדתי בחליפת מכתבים עם אמא ועם אחיי בזינקוב, שחשבו ברצינות על עליה ארצה.

באחד הימים ביקר אצלנו „תייר מאמריקה", שהציג את עצמו כזינקובאי לשעבר. שמו היה יעקב הלפרין. הוא הכיר יפה את אבי. הוא ראה את „המשק" הדל שלי, ובשעת פרידה הוא הפטיר: „אני אכתוב לזינקוב ואתאר את חייהם של הזינקובאים בארץ אשר ביקרתי".

את הבטחתו זאת הוא באמת קיים. הוא כתב לזינקוב מכתב מפורט על בני־עירנו הנמצאים בארץ, ובהיזכרו את חיי הקשים והדלים במרחביה ציין, שאני חי בארץ כמו

„וואסיל בוהאטש"... וואסיל בוהאטש זה היה אישיות ידועה בזינקוב. היה זה אוקראיני נמוך ורזה בעל עיניים פוזלות. הייתה לו עגלה קטנה ישנה ושבורה וסוס צולע. הוא עסק בהובלות קטנות בעיר. כמוהו כן הייתה אשתו: נמוכה, עקומה ואף היא הייתה פוזלת. הם היו גרים בביקתה קטנה נמוכה וישנה בדרך לנהר, וכשאנו היינו עוברים על ידם היינו אנחנו הילדים מורטים קצת קש מגג ביקתתו. לפעמים היה יוצא וגוער בנו, אך אנחנו לא פחדנו מפניו, העלוב. הוא היה סמל העניות ובלשון סגי נהור היו קוראים לו „וואסיל בוהאטש" (עשיר). עם אביון ודלפון זה השווה אותי יעקב הלפרין במכתבו לאנשי־זינקוב.

לאמא לא סיפרו דבר על מכתב זה, כדי שלא לצערה.

למזלי ביקר אצלי לאחר זמן קצר עוד זינקבואי, שהביט עליי ועל משקי בעיניים אחרות לגמרי. הוא הסתכל בכל פינה, בכל צריף בחיבה גלויה. גם יצא אתי לשדה, חרשנו קצת וחזרנו. כשנפרד ממני אמר: „אני כה מאושר שהייתי אצלך". היה זה אורקע פרנקל ז"ל.

הוא גם כתב לאנשי־זינקוב, כי היה בכפר עברי צעיר בארץ־ישראל, שקוראים לו שם „מושב" ובו גר נחום ישפה שלנו. מה אגיד לכם עליו? הוא „נאסאטייאשטשי גוי" (גוי ממש). יש לו זוג סוסים ומחרשה, תרנגולות וברווזים, והעיקר: „אַן אייגן שטיקל ברויט" (פרוסת־לחם משל עצמו) ולא חסר להם דבר. הם אמנם דרים ב„באראקים" (צריפים), אולם זה לא נורא. הרי בארץ־ישראל אין חורף כמו אצלנו בזינקוב. יש לו „א גוטער אוראז'איי" (יש לו יבול טוב) והוא בונה לו בית. „דאס הייסט ארץ ישראל!"

יוסף ישפה

העבודה הציונית בזינקוב במחתרת



יוסף ישפה

לאחר המהפכה הראשונה בפברואר 1917 ולאחר ביטול הגזירות על היהודים יצאה התנועה הציונית ברוסיה, כידוע, לחירות. בכל ערי ישראל במדינה התארגנו אגודות ציוניות, ובכלל זה נוסדה גם בעירנו אגודה ציונית רבת־עם בשם „התחיה". היא הקיפה את מיטב הנוער בעיר ועסקה בכל הפעולות התרבותיות וההלוציות, כפי שתיאר אותן אחי נחום.

ברצוני אני לעמוד בקיצור רב על תקופת־פעולה יותר מאוחרת, על זו של השנים 1921—1927, במידה שנשתמרה בזכרוני במשך השנים הרבות.

לאחר שהשתלטה ברחוב היהודי הסקציה היהודית הקומוניסטית (ה„ייבסקציה") נאסרה התנועה הציונית מחדש והיא ירדה למחתרת, אך המשיכה כבתחילה להפיץ את הרעיון הציוני בקרב הנוער היהודי. בלילות היו מתאספים במרתפים ולאור נרות היו לומדים עברית וקוראים בספרות העברית החדשה, בייחוד בשירי־ביאליק, יהודה ליב גורדון ובסיפורי מנדלי מוכר ספרים, שהיו אהובים על הנוער. למראית עין היה הנוער נרשם בקומסומול (הנוער הקומוניסטי) והיה לומד את תורת המארקסיזם, אך בלילות היה מתמסר ללימוד תורת הציונות, היה מתעניין בשאלות בניין הארץ והיה מקבל ממקורות שונים אינפורמציה על הנעשה בארץ. כמו כן היה קיים אצלנו ארגון חזק של תנועת „החלוץ", שחבריו למדו מקצוע והתכוננו לעלות ארצה. בכפר שעל יד העיירה „מיכאמפול" אורגן על ידינו קולקטיב חקלאי לפי מתכונת הארגונים, אשר הוקמו בכפרים מטעם השלטונות הסוביטיים. חברי הקולקטיב היו כולם אנשי־„החלוץ", אשר עסקו שם בהכשרה חקלאית לפני עלותם ארצה.

מזמן לזמן היו מבריחים חברים דרך גבולות גליציה ובסרביה, שלא היו רחוקים מעירנו והיו פותחים לפניהם את הדרך לעליה ארצה. הפעולה מסוג זה הייתה כרוכה בסכנת־נפשות ומאסר. אך דבר זה לא מנע מאתנו מלהמשיך ולהעפיל.

עבודתנו היתה לצנינים בעיני ה„ייבסקציה", אשר החליטה להילחם בנו. הם כינסו

אסיפות גדולות והשתדלו להציג את תנועתנו כלפי הציבור כתנועה קונטר־רבולוציונית ותלושה מן העם.

חרותה בזכרוני אסיפת־עם אחת מאלה, שהתקיימה בסוף שנת 1925 בבית־התפילה של הרבי ר׳ פנחסל. ה„ייבסקציה" הזמינה נואם מן המחוז, אשר התכונן למחוץ אותנו רעיונית ולהרים את קרנם של מתנגדינו בעיר. בישיבתו של ועד הארגון שלנו באנו לידי הכרה, כי אסור לנו להתעלם מן הרושם, שאסיפה זו עלולה לעשות על הציבור והחלטנו, כי גם על חברינו להופיע באותה אסיפה. לשם כך יבקש אחד מחברינו את רשות־הדיבור ויסביר את רעיוננו הלאומי הסברה ברורה ונכונה, אף על פי שהסברה זו כרוכה בסכנת־מאסר.

אותו ערב היה האולם מלא עד אפס מקום. את האסיפה פתח נציג ה„ייבסקציה" ונאם נאום השמצה על הציונות, כמתוכנן. ולאחר גמר נאומו קם אחד מחברינו, ביקש את רשות־הדיבור והסביר לציבור, כי אין אנו מתנגדים, חלילה, למהפכה, אלא בתור יהודים אנו רוצים לבנות את עתידנו הלאומי בארץ־ישראל כעם חפשי וכי כוונתנו היא להפוך שם את האלמנטים הבלתי־פרודוקטיביים שבעמנו, שלא ניתן להם על ידי שונאינו לבחור בגולה במלאכה ראויה, להיות לעם עובד אדמתו ויוצר תרבותו.

עם גמר דבריו הברורים והמשכנעים של חברנו פרצו מחיאות־כפיים סוערות באולם וקם רעש גדול. אחד מאנשי־ה„ייבסקציה" אץ להביא את המשטרה על מנת לאסור את חברנו. פרצה מהומה גדולה. אנו הצלחנו לשחרר אתת חברנו מידי השוטר, אשר בא בינתיים, והוא ברח ועזב את העיר.



קבוצת פעילי ההסתדרות הציונית העמלנית במחתרת בזינקוב בשנת 1925:
דבורה כלדמן, זאב נסים, איידל פיירשטיין, יצחק שטיינוויס, ישראל נסים, אחותו, משה גורניק, נוינע רייכנשטיין, בתו של ליבוש קורצמאַן, יוסף ישפה, פוקס מה„דולינא", בתו של ליבוש קורצמאן

דבר אותה אסיפה היה במשך שבועות אחדים לשיחת־הרבים בעיר ועמידתנו התקיפה עשתה רושם רב על הציבור. אך ה„ייבסקציה" הגבירה לאחר האסיפה עוד יותר את לחצה עלינו, היא פתחה בחיפושים וברדיפות, והעבודה למען ארץ־ישראל והציונות נעשתה קשה יותר מבתחילה.

לאחר פעולת־לילה של אגודתנו ב־30 ביולי 1926 ארבה לנו המשטרה. היא חיפשה את אנשי ועד ההסתדרות הציונית ואסרה שלושה מחבריו: את משה גורניק ז"ל, את דבורה פלדמן ואותי, כותב הטורים הללו. שלושה ימים החזיקו אותנו במאסר בעירנו ואחר כך העבירו אותנו לבית־הסוהר בעיר המחוז קמניץ פודולסק. לאחר חודש ימים שיחררו את החברה דבורה פלדמן ואנחנו שנינו נשפטנו לאחר חקירות של שלושה חדשים לגירוש לאסיה התיכונית, אשר לשם נשלחנו בדרך השיירות (אטאפ) מבית־סוהר אחד לחברו. מקום גלותי היה בעיר אשכאבאד אשר בטורקמניה.

תלאות רבות עברו עלינו בדרך למקום גירושנו. נשאנו את סבלנו באהבה וקווינו להחלץ ממצוקתנו. והנה ניתנה לנו, סוף סוף, הרשות לעזוב את גבולות רוסיה ולעלות ארצה. אני הגעתי ארצה בסוף שנת 1927 ומשה גורניק ז"ל — בהתחלת 1928.

לאחר יציאתנו לגירוש ולאחר עלייתנו ארצה עוד המשיכו חברינו בזינקוב לפעול במחתרת במשך כמה שנים בתנאים נואשים עד אשר הוכרעו לבסוף על־ידי אנשי ה„ייבסקציה".

כך תרמו צעירי זינקוב בימים ההם את חלקם לתחיית־עמנו ולבניין ארצנו. אנו נזכור אותם ולא נשכחם לעד!

רבים מהם לא זכו לעלות למחוז חפצם הנכסף ונשמדו בימי־השואה הנאצית.

יהי זכרם היקר והקדוש שמור בזכרון העם יחד עם כל הקדושים והמעונים לדורי־דורות!...

ישׂראל סאַניס, רויטבורד

די גאַס



ישׂראל רויטבורד

די גאַס איז געווען מיין גאַס. אין דער גאַס האָב איך געלעבט פון דער וויגעלע ביז צום 19־טן יאָר פון מיין לעבן. אין דער פריער יוגנט האָב איך מיך דאָרטן געשפּילט און פאַרבראַכט. ווען איך בין שוין אויסגעוואָקסן האָב איך מיין גאַס פאַרלאָזן. דאָס איז געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איבערקערענישן און אומרוען האָבן מיך ווי די אַנדערע אין דער גרויסער וועלט געטריבן, ווען עס איז אוממעגלעך געוואָרן פאַר יונגע מענטשן עפּעס צו טאָן און אויף עפּעס צו האָפן אין דער אַמאָל שטילער היים.

די פון די זינקאָווער, וועלכע לעזן מיין באַשרייבונג פון דער גאַס, וועלן זיכער זי דערקענען און וועלן זיך דערמאָנען אָן די מענטשן, וואָס איך רוף דאָ אָן. די מענטשן אָבער, וועלכע האָבן אין זינקאָוו קיינמאָל ניט געלעבט, וועלן דאָ באַקומען בעיקר אַ בילדלעכע פאָרשטעלונג פון אַ גאַס אין אַ יידיש שטעטל, וואָס איז באַוווינט געווען פון אייגענע מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט יאָרנלאַנג פרידלעך־פאַלקסטימלעך און זענען שפּעטער דורך די דייטשעשע רוצחים פאַרטיליקט געוואָרן אַזוי, אַז עס זאָל נאָר פון דער גאַס אַ זכר פאַרבלייבן.

די גאַס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר צענדליק הייזער און אפשר אַפילו ווייניקער. די וואָס האָבן די גאַס פלאַנירט און די שטיבער געבויט האָבן זיך, ווי עס ווייזט אויס, ניט צופיל געקימערט וועגן אַזעלכע זאַכן ווי סימעטריע, אַרכיטעקטור וכדומה אַזעלכע זאַכן. אָבער ווען מען גיט אַ קוק אויף צוריק אויף אַ שטח צייט פון מער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, קאָן מען זען ווי אונדזער גאַס האָט, אַפילו אין פאַרגלייך מיט די גאַסן אין די יידישע געטאָס ביי די גרויסע שטעט אין אַמעריקע, געהאַט אַ סך מעלות.


אין אָסיען אָדער אין פרילינג־צייט פלעגט דאָרטן טאַקע זיין אַ טיפע בלאָטע און דאָס גאַנצע יאָר האָט געפעלט עלעקטרישע באַלייכטונג און סאַניטאַציע, אָבער דערפאַר זענען דאָרטן ניט געווען קיין ענגע „טענעמענט־הייזער", אין וועלכע מאַסן מענטשן האָבן געלעבט צוזאַמענגעפּרעסט אין שמוציקע פאַרשטיקטע קאַמערלעך, זענען געשלאָפן

אין די נעכט פאַרמוטשעטע און אויפגעוואַכט גאַנץ פרי כדי אַרויסצוגייז אויף לאַנגע טעג אַרבעט אין די שוויס־שעפּער. אין וועלכע מאַסן מענטשן זענען געבליבן שטענדיק פרעמד איינער צום צווייטן אַן אַ וועלכער ניט איז היימישער סביבה, און אויך פרעמד צו דער אויסערלעכער וועלט, ניט האָבנדיק מיט איר אַפילו קיין פאַרשטענדלעכן שותפותדיקן לשון.

מענטשן אין אונדזער גאַס האָבן אויך געהאַט דאגות־פרנסה, און נאָך ווי אַזוי! זיי האָבן אויך ניט געלעקט קיין האָניק, אָבער זיי זענען פאַרט געווען בעלי־בתים אויף זייער אייגענעם לעבן און אייגענעם גורל. ווי שלעכט און ביטער עס זאָל ניט האָבן געווען, האָבן זיי ניט פאַרלאָרן די צורת־אדם. זיי האָבן געלעבט צווישן אייגענעם פאָלק, אָרעמע און דאָך פרייע מענטשן. געלעבט האָבן זיי מיט טראַדיציע, וועלכע זיי האָבן געירשנט פון זייערע עלטערן מקדמונים. גערעדט אַן אייגן לשון, געקענט איינער דעם אַנדערן, געווען פריינט. מען האָט אָנטייל גענומען איינער ביי דעם אַנדערן סיי אין ליידן און סיי אין פריידן, אַרויסגעהאָלפן זיך אין אַ נויט, געטאַנצט אויף אַלע חתונות און באַגלייט אַלע לוויות. דעם ווערט פון די אַלע מעלות, ווער איז אין שטאַנד אָפּצושאַצן?! אפשר נאָר דער, וועמען די ווערטן פון פאָלקסטימלעך־זעלבשטענדיקן לעבן זענען חשובער און טייערער פון אַנדערע מאַטעריעלע פריווילעגיעס.

אַלט איז געווען די גאַס, און ווער האָט דען געוווּסט, וויפל יאָרן אַלט זי איז געווען? אַלט איז געווען די שטאָט, און ווען מען האָט געוואָלט האָבן אַ באַגריף ווי אַלט זי איז, האָט מען באַדאַרפט אַ נישטער טאָן צווישן די פאַרצייטיקע מצבות אויפן בית־עלמין. אייניקע אויפשריפטן אויף די מצבות, וועלכע זענען שוין געווען איינגעזונקען אין דער ערד, זענען נאָך געווען לעזבאַר און צווישן זיי איז געווען איינע, אויף וועלכער מיין זיידע עליו השלום האָט מיר אַמאָל אָנגעוויזן, און די אויפשריפט אויף יענער מצבה האָט מיר דערציילט, אַז מער ווי מיט הונדערט יאָר צוריק האָט דאָרטן מיינער אַן עלטער־זיידע געפונען זיין אייביקע רו. אַזוי לאַנג און אפשר נאָך לענגער איז געווען פאַרוואָרצלט דאָס לעבן אין זינקאָווער יידישן יישוב, וועלכן, ווער ווייס ווער ס׳האָט אים דאָרטן געגרינדעט. אפשר זענען דאָרט ביי עמעצן געווען דאָקומענטירט די געבורטן פון די כיל יאָרן, זענען זיי אָבער פאַרניכטעט געוואָרן. די געשיכטע פון יישוב האָט דאָרטן קיינער ניט געשריבן. דאָס קהילה־לעבן איז ניט געווען פאַרשריבן אין קיין פינקס, ווי אין פיל אַנדערע יידישע שטעט. אַלץ וואָס מען האָט געקאָנט ווען עס איז געפינען איז געווען אַן אויפשריפט אויפן טאָוול אָדער אויפן שער־בלאַט פון אַן אַלטן ספר, אַ יאָרצייט אָדער אַ געבוירן־טאָג, וואָס זענען דאָרט אָפּגעמערקט געוואָרן. אָפּגעהיט באַזונדער פלעגט אַמאָל זיין דער חשבון פון די יאָרן ביז בר־מצווה אָדער ביז צום „שטעלן זיך צום פריזיוו״ אַלס סאָלדאַט. פון די ווייטערדיקע יאָרן האָט מען, אויפן שטייגער פון אַ פרימיטיוון שבט, גאָרנישט ניט געוווּסט. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן אפילו די געבורטן אין דער משפחה ניט געהאַט פאַרשריבן ביי דעם „סטאַראָסטע״. באַזונדערע פּאַסירונגען, וועלכע פלעגן פאָרקומען אין שטאָט, האָט מען נאָר איבערדערציילט פון מויל צו מויל. למשל, די מעשה מיט דער גרויסער שריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן איינמאָל אין שול צו כל־נדרי און בשעת וועלכער אַ סך פרויען זענען אומגעקומען. מיין באָבע איז געווען איינע פון די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט. פלעגט זי דערציילן, אַז דאָס איז אייגנטלעך קיין ריכטיקע שריפה ניט געווען, נאָר

בלויז אַ פּאַניק. די ווייבערשע שול איז געווען זייער הויך און כדי אַרויפצוקומען אַהין האָט מען באַדאַרפט קלעטערן אויף פינצטערע געדרייטע טרעפּ, אַראָפּקוקן אין דער מאַנצבילשער שול אַראָפּ און הערן דעם קול פון דעם חזן דורך „אויגן“, דאָס הייסט, דורך קיילעכדיקע אויסשניטן אין די דיקע ווענט. דער אַריינגאַנג פון דרויסן איז געווען דורך טירן, וועלכע האָבן זעך געעפנט אויף אינעווייניק אַריין און ניט צום דרויסן אַרויס, און דאָס האָט אייגנטלעך פאַראורזאַכט דעם אומגליק. אַ ליכט, פון די הונדערטער ליכט, וועלכע מען האָט אָנגעצונדן צו כל נדרי, האָט זיך איבערגעקערט און עמעצער האָט אַ געשריי געגעבן „פייער!“ „פּאָזשאַר!“ און עס איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק צווישן די פרויען. אייניקע פון זיי זענען דורך די עפענונגען אַראָפּגעשפּרונגען



נתנאל, איטע און ישראל רויטבורד אין יאָר 1914

אין דער שול. די מערסטע זענען געלאָפן צו דער טיר און ביים ראַנגלען זיך איינע מיט די אַנדערע בשעתן עפענען די טיר איז ווער פון זיי געפאַלן. די אַנדערע זענען לויפנדיק פון די טרעפּ און שטופּנדיק זיך אָנגעשטויסן זיך איינע אויף די אַנדערע און אַ סך פון זיי זענען אַזוי דערשטיקט געוואָרן צום טויט. דערפאַר איז די שול צו כל נדרי פון דעמאָלט אָן געווען באַזונדער געפּאַקט. מען פלעגט קומען מאַסנווייז צו דער יאָרצייט פון די קרבנות, פון די געפאַלענע און ניט געפאַלענע, און ווען עס פלעגט קימען צום קדיש זאָגן פלעגט אויפן עולם אָנפאַלן אַ פּחד. ניט ווייניק עלטערע מענער פלעגן זיך אין מיין צייט שטעלן זאָגן קדיש.

עלטערע מענטשן אין שטאָט פלעגן נאָך דערציילן אויך פאַרשידענע לעגענדעס וועגן דעם „שלאָס“. דער „שלאָס“ איז געווען אַ רואינע פון אַן אַלטער געוועזענער פעסטונג. אַז מען פלעגט אַרויפקלעטערן אויף אַ שמאָל סטעזשקעלע נעבן אַ יאָר האָט מען געקאָנט זען אַן איבערבלייב פון אַ פּירקאַנטיקן בניין געבויט פון פּירעקיקע

שטיינער ווי גרויסע ציגל צוגעפּאַסטע איינער צום צווייטן. פון די ווענט האָבן געהאַט אַרויסגעקוקט טיפע לעכער. דורך די דאָזיקע לעכער, פלעגט מען זאָגן, האָט מען געהאַט אַרויסגעשאָסן די קוילן פון די האַרמאַטן, וועלכע זענען געשטאַנען אינעווייניק. אויבן, איבער דער פלעכע, וועלכע האָט פאַרנומען אַ היפשן פלאַץ הינטער דער פּאָטשט, זענען געווען אַריינגאַנגען אין היילן אַריין. מען פלעגט זאָגן, אַז די דאָזיקע היילן ציען זיך פאַר מיילן אונטער דער ערד צו אַן אַנדער „פעסטונג", וועלכע האָט זיך געפונען ערגעץ 18 מייל ווייט פון דער שטאָט. די לעגענדעס האָבן דערציילט, אַז דאָ האָט מען זיך אַמאָל געשלאָגן מיטן „טערק". און אפשר האָט מען דערמיט געמיינט די אינוואַזיע פון די טאַטאַרן. ווער קאָן וויסן ?

מען פלעגט ביי אונדז אין שטאָט דערציילן בכלל מעשיות וועגן מלחמות. דערציילער זענען געווען, פאַרשטייט זיך, אויסגעדינטע סאָלדאַטן און אייניקע פאַרבליבענע קאַנטאָניסטן, וועלכע האָבן געהאַט דערציילט פאַסירונגען פון זייער צייט, ווען מען האָט זיי געכאַפּט נאָך אַלס קינדער און די כאַפּערס פלעגן שווערן, אַז זיי זענען שוין 17 יאָר אַלט, און זיי האָבן געדינט אַלס סאָלדאַטן, אויב זיי האָבן דאָס נאָר געקאָנט אויסהאַלטן, גאַנצע 25 יאָר, אין ווייטע מקומות. די וואָס האָבן געהאַט געלט האָבן זיך געקאָנט פון די כאַפּערס אויסקויפן און אויף זייער אָרט פלעגט מען כאַפּן אַנדערע קינדער פון אָרעמע עלטערן און אויף אַזאַ אופן אויסגעפילט די געפאָדערטע קוואָטע. איינעם אַזאַ זקן האָב איך געקענט. ער איז געווען דער מאַן פון מיינער אַ קרובה. איצל עלקעס האָט מען אים גערופן. ער פלעגט דערציילן וווּנדערבאַרע מעשיות בעת ער פלעגט האַקן האָלץ מיט אַ שאַרפער האַק, פלינק און געשווינד. ער פלעגט אָנהאַקן אַביסל האָלץ און פלעגט זיך אָוועקזעצן און דערציילן זיינע מעשיות. חברה פלעגן באַוווּנדערן זיין שאַרפע האַק. עס זענען ניט געווען אַזעלכע העק אין דער גאַנצער שטאָט, ווייל ווי האָבן יידן געוווּסט צו שאַרפן אַ האַק און ווער האָט געקאָנט האַקן האָלץ ווי אַ „מענטש". יונגע חברה האָבן טאַקע דערפאַר גענומען ביי איצל עלקעס „לעקציעס" און די פון זיי, וועלכע האָבן זיך „אויסגעטויגט" האָט ער אויסגעבאָרגט פאַר אַ מינוט זיין האַק. אַזוי האָט ער זי פון דער האַנט ניט אַרויסגעלאָזן.

זינקאָוו איז אויך געווען דאָס וויגעלע פון אַ רביאישער דינאַסטיע. צווישן חסידים, סיי היגע און סיי אָנגעפאָרענע, פלעגט מען זיך אויפקומען שמועסן וועגן ניסים און איבערדערציילן תורהעס און מען פלעגט אויסדערציילן ווי עס פאַרלויפן זיך שטרייטן פון קנאת־חסידים צווישן די איינצלנע רביאישע הויפן. מען פלעגט איבערדערציילן ניסים ונפלאות פון די גרויסאַרטיקע חתונות או פון די פּרעכטיקע „טישן", וועלכע מען פלעגט פראַווען מיט פיל פיל פאַראַד ביי אַ גרויסן קהל חסידים אין די יום טובים און ביי שמחות.

איך בין דאָ אָבער אַוועקגעגאַנגען אָן אַ זייט פון דער גאַס און איך וויל מיך צו איר אומקערן.

אונדזער גאַס איז געווען נאָענט צו אונדזערע דריי מקומות קדושים: דער שול, דעם בית־מדרש און דער קלויז, וועלכע זענען אַלע אין איין גרופּע, אָפּגעטיילט פון דער גאַס מיט אַ שמאָלער היליצע. דער עצם־פאַקט, וואָס די דריי געבעט־הייזער זענען געשטאַנען אויף אַ שפּאַן ווייט פון דער גאַס האָט צוגעגעבן דעם שול־הויף

אַ באַזונדערע פונקציע צו זיין אַ מאַסנהאַפטער דורכגאַנג פאַר די אַלע וואָס זענען געגאַנגען צום דאַוונען אָדער פון דאַוונען.

עס איז גוט צו שטיין פרייטיק פאַרנאַכט און שבת פרי ביים פענצטער און צוקוקן וואָס עס קומט פאָר אין גאַס. פרייטיק נאָך פאַר דער שקיעה האָט זיך דערטראָגן פון מאַרק דער קול פון דעם „קורנאָסן" שמש. ער האָט געקלאַפּט אין די לאָדנס פון די קראָמען און אויסגעצויגן אויפן קול: „אין שול אַריין!". דאָס איז געווען אַ סיגנאַל צו די קרעמער, אַז מען דאַרף צומאַכן די קלייטן און אַז דער שבת שטייט באַלד אויף דער שוועל. (עס איז מערקווירדיק ווי דער דאָזיקער רוף צו די קרעמער און דער ווידערקול פון דעם „אין שול אַריין!" מיט דעם אויסגעצויגענעם ניגון, האָט געקאָנט אָנהאַלטן אין זיכרון אַזוי פיל יאָרן).

פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן סיגנאַל האָבן אויך די פויערים, וועמענס פורלעך זענען געווען געוויינלעך אויסגעשטעלט אין גאַס. האָבנדיק אָנגעבונדן די פערד די „האָפּאַלקעס" מיט האָבער, פלעגן זיי גיין אין מאַרק אַריין איינקויפן וואָס עס איז געווען נויטיק און אויך אָפּשטעקן אַ וויזיט אין שענק און אַריינכאַפּן אַ כוסה. הערנדיק דעם „אין שול אַריין!", פלעגן די פויערים נעמען זיך קלייבן אין וועג אַריין, שפּאַנען די פערד און איינער נאָך דעם אַנ׳ערן בעמען פאַרשוווּנ׳ן ווי דורך אַ כישוף. אָפּגעראָמט זענען די פורלעך פון גאַס. דאָס לעצטע פורל, אויב עס האָט זיך פאַרשפּעטיקט אין דעם בין השמשות אַריין, האָט מען געקאָנט גוט באַמערקן: היילנדיק זיך פלעגט דער פויער שפּאַנען די פערד און אָפּפאָרן שנעל, גלייך ווי אויף אים וואָלט אויך חל זיין דער פאַרבאָט ניט אַריינצופאָרן אין שבת אַריין.

*

לאָמיר איצט אַ שפּאַציר טאָן איבער די עטלעכע הייזער פון דער גאַס, באַקענען זיך מיט די דאָרטיקע איינוווינער און דערציילן דאָס וואָס עס געדענקט זיך נאָך וועגן דעם דאָרטיקן לעבן.

אין שכנהשאַפט מיט אונדזער שטוב איז געשטאַנען די שטוב פון רבקה שלמהס. אַזוי האָט מען זי גערופן אויפן נאָמען פון איר מאַן שלמה אברהם פּיניס. שלמה אברהם פּיניס האָט געהאַט אַ קליינטל פון קאַלך צום ווייסן די הייזער. אונטערן הויז איז געווען אַ מין סקלאַד. פעסלעך פון קאַלך־שטיקער זענען געשטאַנען אַרום די נידעריקע ווענט פון דעם קעלער און צווישן די פעסער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ קו, יאָ, אַ לעבעדיקע קו, וועלכע האָט זיך יעדעס יאָר געקעלבט און געגעבן מילך. ווי אַזוי אַ לעבעדיק באַשעפעניש האָט זיך געקאָנט דאָרטן אויפהאַלטן און דערצו נאָך געבן גוטע מילך צום פאַרקויפן, איז טאַקע אַ וווּנדער, וועלכער האָט געקאָנט געשען נאָר אין אונדזער זינקאָוו, אָבער אַזוי איז עס באמת געשען.

רבקה שלמהס מילך האָט געהאַט אַ שם אין שטאָט. אָוונט־צייט פלעגן קומען ווייבער מיט טעפּלעך און רבקה האָט זיי געמאָסטן מילך מיט אַ גלאָז אין די טעפּלעך אַריין, און קונים זענען געווען געגוג אויף אָפּצונעמען די גאַנצע „פּראָדוקציע". רבקה אַליין האָט קיין פיל מילך ניט באַדאַרפט. קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט, זי איז געווען אַ קינדערלאָזע. איז אַ לאַדישעקל זויערמילך און אַ שטיק קעז געווען פאַר איר גאַנץ גענוג, בפרט אַז אויפן בוידעם האָבן זיך ביי איר געהאָדעוועט קאַטשקעס און גענדז און געפּונען זיך גאַנצע שטייגן מיט הינער. און ווער האָט בכלל ביי אונדז אין זינקאָוו

געטרונקען מילך, סידן קראַנקע און קינדער, וועלכע מען האָט באַדאַרפט אונטער־פּילעווען, ווייל זיי זענען געווען שוואַכע.

מיינט איר, אַז רבקה שלמהס האָט זיך געגויטיקט צו פאַרנעמען מיטן פאַרקויף פון דער מילך? עס גלויבט זיך קוים. זיי האָבן פון דעם פאַרקויפן קאַלך געהאַט געגנוג פרנסה און די טירחה אַרום דער קו איז געווען גרעסער פון דעם ווערט פון דער הכנסה. נאָר עס ווייזט אויס, אַז זיי האָבן די קו געהאַלטן צוליב היימלעכקייט וועגן. פאַרט אַ לעבעדיק באַשעפעניש אַרום דעם הויז.



רבקה שלמהס די קאַלכהענדלערין און איר מאַן, ז״ל

רבקה שלמהס איז געווען אַ געפּאַקטע קורצע יידענע, אַ טונקלהויטיקע מיט אַ קיילעכדיקן לבנה־פּנים. געטראָגן האָט זי אַ פּאַרוק אויפן קאָפּ, די האָר צעטיילט ווי אַן אינדיאַנערין. זי איז ניט געווען קיין געבוירענע אין זינקאָוו און זי פלעגט זיך דערמיט איבערנעמען. „פון קיעוו — פלעגט זי זאָגן — קום איך״. און הגם זי איז געקומען פון אַ גרויסער שטאָט, האָט זי ניט געקענט ריידן קיין לייטישן „גויאיש״. עס איז געווען אַ הנאה צו שטיין און הערן ווי זי פלעגט זיך אַמפּערן מיט די פויערטעס אויף אַ משונהדיקן לשון — חצי יידיש און „פּאַלאָווינע״ גויאיש. און דאָס אַמפּערן זיך איז אַנגעגאַנגען בקולי־קולות, ווייל דער מסחר אירער מיט די פויערים איז געווען אַ צווייזייטיקע דינגערײַ: זי האָט פאַרקויפט די פויערים דעם קאַלך און האָט ביי זיי אָפּגעקויפט אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, דהיינו, אַ קרענצל קנאָבל, אַ ביסל ציבעלעס, גרויפּן, אַ הון, אַ גענדזל, און וואָס ניט? איר קול האָט זיך געטראָגן איבערן גאַסל און עס איז שטענדיק געווען לעבעדיק אַרום איר קלייטל.

איר מאַן, שלמה, איז געווען אַ פולער קאָנטראַסט פון איר. ער איז געווען אַ שיינער מאַנצביל, אַ הויכער, אַ ברייטביינערדיקער מיט אַ שיינער באָרד און וואָנצעס, וועלכע זענען שטענדיק געווען ווייס פון דעם קאַלך־שטויב. אַ שטילער איז ער געווען, אַ צוריק־געצויגענער. תמיד איז ער געווען פאַרנומען, פאַרשטעקט אין די גרויסע קאַלך־פעסער, האָט זיך געפּאָרעט אַרום דער קו אָדער אַרום שטוב. ער פלעגט אָפּוועגן פאַר די קונדן דעם קאַלך. און רבקה פלעגט שטיין ביי דער טיר און פירן דעם האַנדל אָדער נעמען געלט ביי די קונים און אַריינלייגן אין דער גרויסער קעשענע, וועלכע איז ביי איר געהאָנגען אונטער דעם פאַרטוך.


ווי עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, איז רבקה געווען אַן עקרה, אָבער קינדער האָט זי ליב געהאַט. די עטלעכע ברייטע הילצערנע טרעפּ, וועלכע האָבן געפירט צום אַריינגאַנג אין איר שטוב, זענען שטענדיק געווען באַזעצט מיט קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרטן געמיטלעך געשפּילט. שבת בייטאָג און אין די זומער־פאַרנאַכטן, ווען רבקה פלעגט שוין ניט דאַרפן שטיין ביי דער קלייט, פלעגט זי זיך אַוועקזעצן אויף די טרעפּ, שמועסן אַ ביסל מיט די ווייבער און פון צייט צו צייט אַריינכאַפּן זיך אין שטוב און אַרויסקומען מיט אַ פולן פאַרטוך כיבוד. און מיט וואָס האָט זי ניט מכבד געווען די ווייבער און קינדער? אייער־קיכלעך, מאַנדל־ברויט, מאָן־פּלעצעלעך. זי האָט פאַרמאָגט סלאָיעס מיט בראָנפנדיקן וויינשל, פון וועלכע מען האָט געהאַט אָפּגעצויגן דעם ווישניאַק. היינט אירע זויער־ע קוואַסניצעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ שם. פון יעדן מאכל פלעגט זי לאָזן געניסן פריינט און דאָס געליבטע קליינוואַרג. פלעגט אָנקומען פורים פלעגט רבקה אָנהויבן טיילן און האָט געטיילט ביז צו פּסח צו אַלט און יונג כלערליי נאַשערייען: צוקערלעך, פלאָדן פון פאַרפל מיט האָניק, המנטאַשן מיט פּאָווידלע און מיט מאָן און האָניק. ווי די בינען פלעגן זיך צו איר ציען די קינדער און אויסזעצן זיך ביי איר אויף די טרעפּ. און זי האָט אַלעמען געטיילט מיט אַ ברייטער האַנט געשמאַקע זאַכן און כל מיני נאַשערייען.

די גרעסטע נאָווינע איז געווען רבקהס פאַרטיילן מצה פאַר פּסח. איידער זי פלעגט אַריינכעמען פריש־געבאַקענע מצה אויף פּסח, פלעגט זי פון ערגעץ־ווו אַרויסבערענגען אַ זאַפּאַס פאַראַיאָריקע מצה, וואָס איז ביי איר אויסגעבליבן, און הגם די מצה האָט שוין געהאַט אַ טוכלעם ריח און אַ טעם „פון פאַראַיאָרן", האָט די מצה געהאַט אַ גוטן אָפּגאַנג, חברה פלעגט פאַרזוכן דעם אַנטיק, קייען עס געשמאַק און עס האָט חלילה קיינעם ניט געשאַדט.

דעם רוסישן שרייבער גאָגאָלס מעשיות וועגן שדים און רוחות זענען דאָך גוט באַוווּסט, אָבער רבקה שלמהס דערציילונגען וועגן אירע אייגענע דערפאַרונגען מיט דעם „ניט־גוטן" האָבן זיכער געקאָנט איבערשטייגן גאָגאָלס מעשיות. זי פלעגט דערציילן אַזוי קונציק און איבערצייגנד אירע אויסטערלישע דערציילונגען, אַז זי פלעגט אָנוואַרפן אַ פּחד אויף די קינדער און אפשר אויך אויף די מאַמעס. קיינער האָט איר אַפילו ניט געגלויבט, דאָך איז מען געזעסן אין דער דונקלקייט פון אויף דער נאַכט און זי אויסגעהערט מיט אַן אָנגעשטרענגטער אויפמער־קזאַמקייט. מען פלעגט זאָגן, אַז דער שד מיט די הערנער, וועלכן זי פלעגט כלומרשט אָנטרעפן, ווי זי פלעגט דערציילן, גייענדיק אויף דער שמאָלער טונקעלער היליצע, איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דער שטאָטישער באָק, וועלכער האָט זיך דאָרטן אויפגעהאַלטן.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן צו רבקהס שבח, אַז אין איר שטוב האָט זיך אויסגעלעבט זיין עלטער איר שווער, שלמהס פאָטער פיני, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געלעגן אין בעט אַ פאַראַליזירטער. רבקה האָט אים באַדינט ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן — געוואַשן, געכאָוועט און קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגט, אַז איר איז דאָס שווער. זי האָט דאָס געטאָן אַפילו באהבה.

נאָך אין יאָר 1919 האָב איך דאָס פאָר פאָלק רבקהן און שלמהן איבערגעלאָזט אין זייער הויז אין זינקאָוו, און דאָס בילד, וואָס איז דאָ בייגעלייגט, איז צו מיר צוגעשיקט געוואָרן שוין בעת איך בין געווען אין אַמעריקע.




בית הכנסת — די שול

צייר נחום ישפה — געצייכנט נחום ישפה

ישראל בן־שחר (שוארצמאן)

בית־הכנסת ומבקריו הנוצריים

תקצר היריעה מהכיל, אם אספר על כל מה שראיתי ושמעתי ועל כל אשר עבר עלי ועל החוויות שהתרחשו בקרבי פנימה במשך שמונה עשרה שנות חיי הראשונות בעיירת מולדתי אשר בערבות־אוקריינה, בזינקוב; עיירה, אשר בתיה היו נמוכים, רובם חד־



י. בן־שחר

משפחתיים ומקצתם דו־משפחתיים ואך מעטים — בני קומותיים. ארבעת רחובותיה הראשיים של זינקוב היו סלולים כבישים ומרוצפים, אך מדרכות לא היו בהם ובלילות הם היו מוארים בפנסי־לוקס. כל שאר הרחובות לא היו אלא שבילי־עפר טבעיים ובלילות היו שרויים באפלה.

מספר תושביה היהודיים היה כארבעת אלפים איש ואשה. לא־יהודים לא היו דרים בתחום העיירה.

בימים כתיקונם הייתה מועצה קהילתית מנהלת את ענייני־הציבור והיא הייתה דואגת לפי מידת יכולתה לכלכל את צרכיהם של המוסדות החברתיים והתרבותיים, הקרנות הלאומיות ומוסדות־הצדקה, קופת־חולים לענייי־העיר, ובמובן זה הייתה העיירה מצטיינת לטובה מכל שאר העיירות שבסביבה.

במרכזה של העיירה התנוסס לתפארת בניין רחב־ממדים של בית־הכנסת הגדול. מבחוץ היה מראהו צנוע, כמנהג הבנייה בימי־קדם, שכוונתה הייתה, כנראה, שלא לעורר את קנאת־הגויים וחמתם. אולם בפנים הוא הצטיין ביפיו השובה לבבות ובמבנהו האדריכלי והאמנותי טוב־הטעם, שהיה מושך את העין. בייחוד בלטה האמנות של קיר־המזרח, אשר בו היה קבוע ארון־הקודש המפואר, המצופה כסף וזהב למכביר ועליו חריטים מכל עוף־השמיים וחיות־היער. מרצפתו ועד תקרתו היה ארון הקודש גבוה ארבע קומות. הוד וקדושה היו שרויים עליו וכל המסתכל בו היה מתרשם ומתפעל עד אין סוף. ומי שלא בא לשמוע את תפילת „כל נדרי" באותו בית־כנסת לא ראה קדושה והוד מימיו.

ומעשה שהיה כך היה: אבי — ר' שייע אברהם משה מניס ז"ל לקחני פעם, כמו בכל שנה, יחד עם שני אחיי לבית־הכנסת הגדול לתפילת „כל נדרי". הוא לא היה אדוק ביותר, אך היה משומרי־המסורת כפי שהייתה נהוגה בעיירה. הוא לבש לכבוד החג חליפה שחורה עם מעיל ארוך עד לברכיים, שהיה נקרא לפי נוסח העיירה „סרדיט", כרך על מתניו חגורה שחורה עשויה משי טהור, כמנהג החסידים, ולראשו חבש מגבעת קשה מעין חצי־צילינדר, לפי אופנת הזמן ההוא. בבואנו יחד לבית־הכנסת הוא התעטף בטליתו, שהייתה עטורה עטרה מוזהבת ונאה והתיישבנו שנינו על מקומותינו הקבועים תוך הרגשה של קדושת־השעה ולנגד עינינו ים של אור זרוע ממאות נרות־נשמה, שדלקו אותה שעה במנורות בעלות שבעה קנים ענקיות, עשויות נחושת מעשה־אומנות לשם „הזכרת־נשמות" והטילו חרדת־קודש בלבותיהם של המתפללים.

אמי — מרת איטה אלתר סניס ז"ל — הלבישה באותו ערב חגיגי את אחיותיי בגדי־תפארת, עלתה אתן ל„עזרת־נשים" והתיישבה אתן במקומות־הקבע שנועדו להן, ואף הן ציפו כמונו לתפילה, שהייתה צריכה להתחיל עם שקיעת־החמה. בינתיים פתח כל אחד מהמתפללים ב„תפילה זכה", הנאמרת קודם ל„כל נדרי", והיה מי ששפך את תחינתו בפני בוראו בקול רם, ויש מי שפרש את בקשתו בלחש, תוך הדגשת כל מלה היוצאת מפיו, ויש מי שנאנק ונאנח ושיווה לנגד עיניו את עמידתו ביום כיפורים זה בפני בוראו על מנת להתוודות על חטאיו אשר חטא ביודעים או בלא יודעים ולתת את הדין ביום הדין. ועל אף היותי אני עוד ילד רך בשנים הרגשתי אף אני עמוקות את כל קדושת המעמד בכל רמ"ח איבריי, כי בסביבה שבה גדלתי והתחנכתי ידעו בני־עמנו להשריש בלבות הילדים עמוקות את תודעת־היהדות ולחנכם שיהיו מסורים ונאמנים לכור־מחצבתם.

והנה פתאום השלך הס. רחש עבר באולם הגדול והמלא מפה לפה וכל קהל־המתפללים הפנה את מבטיו אל מול הכניסה.

והנה הופיעו נציגי הכמורה הקאתולית והפרבוסלבית מהכפרים הסמוכים כשהם לבושים את תלבושתם המסורתית. הם באו כמנהגם משנה לשנה לשמוע אל הרינה והתפילה של „איציק חזן", אשר בקולו הערב, בטכניקה המוסיקלית שלו ובשירתו, שהיה בה משום השתפכות־הנפש, יצר סביבו אגדה ויצאו לו מוניטין בכל המחוז.

גבאי בית־הכנסת קיבלו, כמובן, את האורחים בסבר פנים יפות והושיבום במזרח בית־הכנסת במקומות המיועדים לאורחים נכבדים בצד מקומו של הרב דמתא, מעבר לתיבת הש"ץ. הם ישבו והאזינו ברוב קשב לתפילה ויש מהם שהציצו במחזורי־התפילה שקיבלו מידי הגבאים בידעם לקרוא עברית ובהבינם גם לפירושי־המלים (כנראה, היו ביניהם גם יהודים מומרים).

וברגע שר' איציק החזן הרעים בקולו האדיר שהלך הלוך והתחזק והסתלסל ואל

ארובות־השמיים התנשאו צלילי־קולו בלווית צלילי המקהלה שאורגנה על ידו — עבר רטט גם בלבם של האורחים־הנוצרים, ובתום התפילה ניגשו הזקנים שבהם ראשונים ואחריהם הצעירים ויושיטו בזה אחר זה את ידיהם לחזן, שיבחוהו והללוהו וברכוהו בעברית בברכת „יישר־כוחך".

*

כזאת הייתה זינקוב עיירת־מולדתי. היא הייתה אם בישראל ועֶרש־יהדות צנועה לבניה...

ואיכה ישבה בדד העיר. בתיה השמו ובניה הובלו כצאן לטבח.

ואני, בנה של איטה אלתר סניס, שריד העיירה היקרה זינקוב, אשר ידעתי בשעתו, עוד בשנת תרפ"א, לקבל — בזכות חינוכי היהודי והציוני — את צו ההשגחה העליונה ולהתעורר בגיל של ח"י שנים מתרדמת־הגלות, להתייצב באהבה ובלב שלם לעזרת־העם ולעלות ציונה, השתתפתי מאז בבניין הארץ ונלחמתי כארי מלחמת־מגן בערבים ובאנגלים אשר הצרו את צעדינו וזכיתי לראות בהתקבץ נדחינו מכל ארבע כנפות הארץ ובקום מדינת־ישראל.

ידעתי גם ידעתי, כי אחיי בני עמי מובלים לטבח בכל מקום אשר חדרו שמה רוצחי־העמים הטמאים וגם בעיר מולדתי היקרה, אך עמדתי כאן באין אונים וידי קצרה מלהושיע. על זאת עיני יורדה דמעות ללא הפוגה ואני בוכה מר על שבר בת־עמי. יזכור אלוהים את כולם ויצרור בצרור־החיים את נשמותיהם. שלום לעפרם ויהי זכרם ברוך!

ואתם בני עמי, זכרו ואל תשכחו עד דור אחרון את אשר עשה לנו עמלק הגרמני, אל תשכחו ואל תסלחו!

ברוך לאסקין

אונדזער שול



ברוך לאסקין

עס איז שוין אין אונדזער געדענקבוך דערציילט גע־וואָרן די מעשה נורא, וואָס האָט פּאַסירט אין דער ווייַבערישער שול צו „כל נדרי״, ווען עס זענען אומגעקומען בעת דער שריפה־בהלה דריי און דרייסיק אונדזערע זינקאָווער פרויען.

איך פערזענלעך בין ניט בייגעווען ביי דעם שרעק־לעכן אומגליק, וועלכער איז געשען בשעת מיין פריער קינדהייט.

יאָרן לאַנג האָט מען נאָך מיט שוידער איבערדער־ציילט די שרעקלעכע פּאַסירונג פאַרן קומענדיקן דור. אַזוי, אַז ווען איך בין אונטערגעוואַקסן און געוואָרן אַ חדר־ייִנגל, האָב איך שוין געוואוסט פון דער געשעעניש און אַ פחד פלעגט מיך באַפאַלן, ווען עס פלעגט מיר אויסקומען דורכצוגיין אין אָוונט פאַרביי דער שול, באַזונדער אין די ווינטער־אָוונטן, ווען איך פלעג גיין אַהיים צוזאַמען מיט מיינע חברים, מיט וועלכע איך האָב געלערנט צוזאַמען „ביינאַכט״ ביים רבין יעקעל משה יודלס, וועלכער האָט געוואוינט נאָענט פון דער שול. ווען מיר פלעגן אַרויסגיין פון חדר מיט די לאַמטערנעס אין אונדזערע הענט, פלעגן מיר זיך האַלטן צוזאַמען איינער נעבן צווייטן און פאַרבייגיין די שול מיט דעם טראַדיציאָנעלן געזאַנג „וביום שמחתכם״, כדי צו פאַרשרייען די שרעק, וואָס האָט גע־לויערט איבער אונדז.

ווען איך בין אָבער עלטער געוואָרן, האָב איך שטאָלצירט מיט אונדזער זינקאָווער שול צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, צוליב דעם שיינעם געבוי און צוליב דעם גרויסן פאַרנעם אירן און אויך אַ דאַנק דעם יאָריקן חזן פון שול, איציק חזן, ע״ה.

די שול איז געווען די העכסטע געבידע פון שטאָט און האָט פאַרנומען אַ האַלבן בלאָק די לענג און אַ קלענערן האַלבן בלאָק די ברייט. זי איז געווען געבויט פון גרויסע אויסגעהאַקטע שטיינער און האָט פון דרויסן אויסגעזען ווי אַ פעסטונג. אײדער מען איז אַריינגעקומען אין שול האָט מען באַדאַרפט דורכגיין אַ גרויסן ברייטן קאָרידאָר. פוןביידע זייטן קאָרידאָר זענען געווען איינגעגלידערט קלענערע שולכלעך, וואו עס פלעגן

דאַוונען באַזונדערע מניינים. איינע פון די שולכלעך האָט געהייסן די שנײדערשע. דאָרטן האָבן געדאַוונט די בעלי־מלאכות פון שטעטל. איך געדענק, אַז שבת בייטאָג פלעגן זיך דאָרטן פאַרזאַמלען די בעלי־מלאכות פון שטעטל, און מיין פריינטס פאָטער סאַניע, אַלטער סאַניעס ע״ה פלעגט אַריינקומען אין שניידערשן שולכל און לערנען מיטן עולם „עין יעקב״.

די שול אינעווייניק האָט אויסגעזעען זייער הויך און ברייט, און גאָר אויבן, נאָענט צו דער סטעליע, איז געווען אויסגעבויט ווי אַ באַלקאָן די ווייבערשע שול. און כאָטש די שול איז געווען אַזוי הויך און ברייט האָט זיך דאָך די מעכטיקע שטימע פון איציק חזן ע״ה געקאָנט הערן אין יעדער ווינקעלע פון דער שול.

איך פלעג זייער שטאָלצירן מיט דער שול און מיטן חזן, באַזונדער דאַן, ווען צו „כל נדרי״ פלעגן קומען די קריסטלעכע באַאַמטע פון שטאָט: דער פּריסטאַוו, דער אוריאַדניק און אויך דער עלטסטער פון די סטראַזשניקעס מיט זייערע פרויען און דערוואַקסענע קינדער צו הערן ווי איציק חזן ע״ה פלעגט דאַוונען „כל נדרי״ און זיי פלעגן באַוואונדערן די שיינקייט פון דער שול.

קעגנאיבער דער שול איז געווען דער בית־מדרש און די צו אים צוגעבויטע קלויז. דאָרטן האָבן געדאַוונט אַנדערע בעלי־בתים פון שטאָט. נאָר אַ שמאָלער דורכגאַנג האָט אָפּגעטיילט די שול פון בית־מדרש און עס האָט דאָרטן בלויז געפעלט דער פּלאַקאַט מיט דער אויפשריפט: „זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו״.

איך געדענק, אַז ווען עס פלעגט פאָרקומען אַ לוויה, פלעגן זיך די נושאי־המטה אָפּשטעלן צווישן דער שול און צווישן בית־מדרש, אין דעם שמאָלן דורכגאַנג, וואָס צווישן זיי, און איציק חזן פלעגט מאַכן דעם „אל מלא רחמים״, אַזוי אַז זיין שטימע האָט זיך געהערט ווייט אַרום און אַז די איינוואוינער פון שטאָט, וועלכע האָבן געוואָלט מקיים זיין די מצווה פון הלוויית־המת, האָבן זיך באַלד אַ לאָז געטאָן צו דער שול און דער שמאָלער אַדורכגאַנג איז געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן.

נאָך דעם ווי דער חזן פלעגט פאַרטיק ווערן מיטן הספד פלעגט זיך די פּראָצעסיע אַוועקציען צום „בית־חיים״, וואָס האָט זיך געפונען אין עק פון שטאָט און דאָך ניט איבעריק ווייט פון דער שול. מען האָט באַדאַרפט בלויז פאַרבייגיין עטלעכע קליינע געסלעך פון דער „אבאשובקע״, וואו עס האָט געהאַט געוואוינט די אָרעמע באַפעלקערונג פון שטעטל אין קליינע נידעריקע שטיבלעך, מיט שטרוי באַדעקטע דעכער.

די שול האָט אָבער מיט זיך פאָרגעשטעלט אָפט אויך אַ סימבאָל פון פרייד, ווען עס פלעגט פאָרקומען אין שטאָט אַ חתונה. די כלי־זמרים פלעגן מאַרשירן בראש און נאָך זיי פלעגן זיך ציען פייערלעך אין שול די מחותנים מיט חתן־כלה און מיט אַלע איינגעלאַדענע געסט. די כלי־זמרים פלעגן שפּילן פריילעכס און די פריילעכע פּראָצעסיע פלעגט זיך ווידער ציען דורכן שמאָלן דורכגאַנג, אין וועלכן עס פלעגט שוין פון פריער צוגעגרייט ווערן אַ חופה אין דרויסן, צווישן דער שול און דעם בית־מדרש, און פיל מענטשן פון שטאָט, אַפילו ניט איינגעלאַדענע, פלעגן קומען זען די חופה־צערעמאָניע...

איצט — האָבן מיר מענטשן דערציילט — איז אַלץ חרוב און צושמעטערט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע רוצחים, ימח שמם. זיי האָבן אומגעבראַכט אַלע זינקאָווער ייִדן. זיי האָבן חרוב געמאַכט אונדזער שול און בית־מדרש, די ערד צואַקערט און דעם פּלאַץ, ווו די שול איז געשטאַנען, פאַרוואַנדלט אין אַ גאָרטן.

לאָמיר דאָס אַלץ איינקריצן צום אייביקן אָנדענקען אין אונדזערע הערצער!

ישראל סאַניס, רויטבורד

די שול

ערב שבת נאָענט צום זון־אונטערגאַנג פלעג די גאַס ווערן ליידיק, שטיל, שבתדיק. אין די פענצטער ברענען שוין די בענטש־ליכט, און באַלד באַווייזן זיך אויף דער גאַס די שבתדיקע יידן, וועלכע גייען צו קבלת־שבת. זיי ציען זיך אין דער אויסגעליידיקטער שטילקייט, אויסגעוואַשענע, אויסגעפּוצטע אין די שבתדיקע מלבושים. זיי שפּאַנען מיושבדיק, נישט געאײַלט. די קינדער זייערע גייען פאַמעלעך ביי דער זייט און זיי פאַרשווינדן איינער נאָך דעם אַנדערן אין דער שמאָלער גאַס, וועלכע פירט צו דער שול, צו דער קלויז און צום בית־מדרש.

שאַ, שטיל, מנוחהדיק ווערט אין גאַס. בלויז אַ געמורמל, ווי פון אַ ברויזנדיקן טייכל דערטראָגט זיך פון דאָרטן, פון די באַלויכטענע בתי־תפילה. קולות כוואַליען זיך, אַט העכער און אַט נידעריקער: יידן זענען מקבל שבת.

שטיק ביים פענצטער קאָן מען שוין ניט מער. די קלאַנגען פון קבלת־שבת מאַכן דיך שולדיק פאַר דעם וואָס דו געפינסט דיך דאָ און ניט דאָרטן. איז וויפל צייט נעמט ביי אַ יינגל איבערצולויפן אַהין? נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת היפּער איך איבער בלויז דעם „לינת־הצדק״, וואס איז איבער אונדזער שטוב (דאָרטן דאַוונט דער טאַטע), און געפין מיך שוין ביי דער שול.

די גרויסע מאַסיווע טיר עפנט זיך לייכט. אַ פּנים עפּעס איז דאָס געווען אַזוי געמאַכט. מען לויפט אַראָפּ די עטלעכע ברייטע טרעפּ און מען איז שוין ביים בעלעמער... רונד איז ער און הויך אויסגעבויט ווי אַ בינע מיט דורכויס אויסגעשניצטע ווענטלעך. פון דער פאָדערשטער זייט פון בעלעמער, פונקט אַנטקעגן דעם ארון־קודש, אָנגעשפּאַרט אָן די אויסגעשניצטע געהילצן שטייט אַ ברייטע און לאַנגע דעמבענע באַנק. לענג אויס דער באַנק שטייען עטלעכע שטענדערס. ביי דעם דריטן שטענדער פון דעם ווינקל איז געווען אונדזערע אַ ירושה־„שטאָט״. געהערט האָט די „שטאָט״ נאָך צו מיין עלטער־זיידן, וועגן וועלכן מען האָט געהאַט דערציילט, אַז ער האט געהאלפן ממש מיט אייגענע הענט צו בויען די שול. געזעסן אויף אונדזער „שטאָט״ איז שטענדיק דער פעטער ישעיה.

די שול איז גרויס און היפשלעך ליידיק. מען קאָן פריי אַרומשפּאַצירן הינטער דעם בעלעמער און אין די זייטיקע זאַלן מיט די אויסגעקיילעכדיקע סופיטן. מען האָט געקאָנט אפילו מיט חברה אַ שטיף טאָן אַזוי, אַז פון פאָרנט זאָל קיינער ניט וויסן.

די לאַנגע „מזרח־וואַנט״ פון ביידע זייטן ארון־קודש איז אויך ניט צו פיל געווען פאַרנומען. פאַר ציקאָוועס איז גוט געווען דאָרטן אַוועקצוזעצן זיך און זען דעם פּנים

פונעם חזןביים עמוד. אָבער עס זיצט זיך ניט דאָרט. די „שטאָט״ האָט איר צוציאונגס־קראַפט. זי האָט איר באַזונדער אייגנשאַפט (ניט אייגנטום!) .דאָרטן איז גראָד יעדערער אויסגעזועצט אויף זיין אָרט. עס איז, אמת, ענגלעך, אָבער ס׳מאַכט ניט. יידן רוקן זיך אַביסל צוזאַמען און מען גיט מיט פאַרגעניגן אַ ייִנגל אַ פּלאַץ. — אדרבא, זעץ דיך אַוועק, בחורל. נאָר ווער קאָן אויך דאָרטן לאַנג איינזיצן? דער קבלת־שבת איז שוין באַלד צו ענדע. איציק חזן וועט באַלד מאַכן קידוש כדי יוצא צו זיין פאַר זיין קהל. נאָך דער ברכה וועט ער געבן דער חברה, וועלכע זיצן שוין און וואַרטן אויף די טרעפּ, וועלכע פירן צום ארון־קודש, באַלד ביים עמוד, אַ זופּ צו טאָן פון דעם גרויסן בעכער, — טאָ ווער קאָן דאָס דורכלאָזן?

ערשטנס, ווו איז נאָך דאָ אַזאַ זיסער ראָזענקע־וויין ווי דער קידוש־וויין? והשנית, ניט יעדערער קאָן זוכה זיין זיך צו פאַרשאַפן די גדלות צו זיין איינער פון די, וועלכע מען האָט מיט דעם טרונק וויין מזכה געווען...

שפּעטער האָבן שוין אַנדערע זאַכן אינטערעסירט און פאַרכאַפּט דעם געדאַנק און דעם מוח און, פאַרשטייט זיך, אַלץ אין דער ראַם פון דער סביבה מיט איר אַטמאָספער, און ניט נאָר די שול אַליין האָט באַווירקט די מאָראַלישע און גייסטיקע מעגלעכקייטן פון יענעם דור...

איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אַזוי פיל אויף דער שול און וועל זיך אויך ווייטער אָפּשטעלן נאָר אויף כאַראַקטעריסטישע לעבנס־מאָמענטן, וועלכע זענען געווען געבונדן מיט דער שול (אויך די קלויז און די בתי־מדרשים), ווייל דאָס איז געווען דעמאָלט די פאָלקס־אכסניה אין פולן זין פון וואָרט. ניט נאָר איז מען אַהין געקומען דאַווענען. דאָס פאַרברענגען אין די בתי־תפילה איז ניט געווען פאַרבונדן אויסשליסלעך מיט פרומקייט. דאָס פאַרזאַמלען זיך דאָרטן האָט געטראָגן אַ היימישן כאַראַקטער. דער טראַדיציאָנעלער ריטואַל פון דאַווענען איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך. דאָס איז געווען אַן אָרגאַנישער חלק פון דעם לעבנס־שטייגער, אָבער אינצווישן האָט מען זיך געהאַט דורכגערעדט וועגן קהלישע זאַכן, וועגן פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן, וועגן פרנסה און וועגן נייעס, וואָס פּאַסירן אין דער וועלט. און ווען עס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן פון השכלה און פון וועלטלעכע לימודים און שפּעטער ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין ייִדישן תחום רעוואָלוציאָנערע אידייען, האָבן אין דער לופט פון שול אַרום דעם בעלעמער געדונערט היציקע דעבאַטן, און אין די ווענט פון דער שול האָט געקאָכט מיט המון־עם, וועלכע האָבן זיך איצט פאַרזאַמלט צוליב פאַרשידענע פייערזונגען און כדי אויסצוהערן פאַרשידענע טריבונען און פּאָליטישע וויכוחים.

נאָר נאָך איידער די „ווינטן״ האָבן אָנגעהויבן אויפצוברויזן די נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע חושים פון דעם פאָלק אין זינקאָוו איז שוין לאַנג געווען גרייט דער באָדן פאַר אַלע פּאָליטישע טענדענצן. דער ייִדישער מענטש האָט זיך ניט געגניטיקט אין אַן אויפקלערונג, אַז ער איז אונטערדריקט ער האָט דאָס גוט געפילט אין זיין טאָגטעגלעכן לעבן, ממש אויף יעדן טריט. אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר פאַרלאָזט די שטאָט און באַדאַרפט איבערנעכטיקן איך איינציקע נאכט אין אַ נאָענטן דאָרף, האָט דער פּריסטאַוו אָדער דער פּשוטער אוראַדניק אים באַלד פון דאָרטן דערווייטערט. און אויך אין שטאָט גופא האָט ער זיך אויף יעדן טריט און שריט באַגעגנט מיט די „היטער פון געזעץ״

בעת ער האָט מיט עפּעס געהאַנדלט אָדער אַפילו ווען ער האָט געבראַכט אויפן מאַרק צו פאַרקויפן די אויסאַרבעטונג פון זיינע אייגענע הענט.

עס האָט געלעבט אין פאָלק די שטאַרקע נאַציאָנאַלע אינספּיראַציע: 1. צו באַפרייען זיך פון דער ביטערער נויט און פון דער אונטערדריקטקייט און 2. צו געפינען דעם וועג, ווי אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות און אומצוקערן זיך קיין ציון און ירושלים, פון וועלכע ער האָט געטרוימט און וועלכע ער האָט דריי מאָל אַ טאָג דערמאָנט אין זיינע תפילות.

ווען ער פלעגט קומען צום „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני" אָדער „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" האָט ער דאָס געשפּירט מיטן פולן האַרצן. עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דורך איין נאַכט וועט אַ פּאָליטישע איבערקערעניש גרונטלעך ענדערן די באַציונג פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג צו די יידן און אַז זיי וועלן זיך קאָנען איינלעבן דאָ רויק אויפן אָרט. דער ייד האָט געזען יעדן טאָג די רשעות פון דעם פאָלק צווישן וועלכן ער האָט געלעבט און צו אונדזער גרויסן טרויער האָט ער קיין טעות ניט געהאַט: נאָך גאַנצע צוויי צענדליק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע האָט די אָרטיקע באַפעלקערונג איבערגעגעבן די יידן אין די הענט פון היטלערס מחבלים און אַליין געראַבירט זייער אָרעם האָב און גוטס און זיך איזדיעקעוועט איבער זייער גרויסן אומגליק.

דעריבער טאַקע האָבן די זינקאָווער יידן ווי זייערע ברידער אַנדערשוואו אָפּגעריכט אין אַלע צייטן די ימים טובים מיט פריידיקער עקזאַלטאַציע און מיט אַ טיפער בענקעניש נאָך די געשיכטלעכע דערמאָנונגען. מען איז פּסח מיטגעגאַנגען מיט די עלטערן פון פאָלק פון מצרים און מען האָט געהאָפט אַרויסצוגיין אויפסניי מעבדות לחירות. מען האָט געלעבט מיט ביטחון, אַז דער נס פון יציאת מצרים וועט נאָך אַמאָל פּאַסירן. שבועות האָט מען געהאַט מיטגעטראָגן ביכורים אין בית־המקדש אַריין, באַנוגנדיק זיך דערוויייל מיט אָפּגעריסענע צווייגלעך פון פרעמדע בוימלעך, מיט וועלכע מען האָט באַפּוצט די שטיבער. מען האָט געחלומט פון אייגענע פעלדער און פון אַ שפע אייגענע פּרוכט־גערטנער, אַז מען זאָל ניט דאַרפן מער קויפן פּרוכט בצמצום פאַר געציילטע גראָשנס, וועלכע מען האָט ניט געקאָנט זיך פאַרגינען צופיל אויסצוגעבן.

אין די ימים־טובים פון חשבון־הנפש האָט מען מיט ציטער צוגעהערט זיך צום שאַלן פון דעם אַלטן, אלטן שופר, וועלכער האָט זיך שוין אין משך פון גאַנצן חודש אלול געלאָזט הערן אין די פריע שעהן פון פרימאָרגן אין דעם נאָך האַלב־פאַרשלאָפענעם מיט קילן טוי באַדעקטן שטעטל. און אַזוי אויך אין די איבעריקע ימים טובים און אויך אין די טרויער־טעג. און וואָס איז מכוח יום־כיפור? געוויס איז יום־כיפור אַ ריין רעליגיעזער יום־הדין, נאָר אויך אין דער רעליגיעזער באַקרוינונג פון דעם יום טוב זענען איינגעפלאָכטן היסטאָרישע דערמאָנונגען. כל נדרי, די שפּאַנישע אינקוויזיציע. דער קלימאַט צו נעילה — דאָס געבעט פאַר דער שטאָט ירושלים „המושפלת עד שאול תחתיה". און אגב ווערט די שטאָט ירושלים געשיקט מיט אַ שליחות צו בעטן ביי גאָט מיט אירע צעבראָכענע חורבות פאַר די הערצער, וועלכע ווייטיקן און האָבן דאָך ניט פאַרלוירן קיין האָפענונג, ווייל „אנו ליה ועינינו ליה". — און דאָס שיינע און דערהויבענע איז דאָס, וואָס די תפילות און געבעטן זענען אַלע מאָל קאָלעקטיווע, אַלע מאָל פאַרן כלל־פאָלק און ניט פאַרן יחיד, פאַרן אינדיווידואל. און די לויב־געזאַנגען פאַרן רבונו

של עולם זענען דען ניט דערפאַר, וואָס ער האָט אַזעלכע טייערע יידישע מידות ווי רחמים און יושר ?!

איך האָב מיך אָפּגעקערט אויף זייטיקע וועגן און האָב זיך מיט באַגייסטערונג פּאַרטראַכט וועגן די גייסטיקע אוצרות פון אונדזער פאָלק בכלל, און זייער ווירקונג אויף די זינקאָווער יידן אַלס אָרגאַנישער טייל פון דעם דאָזיקן כלל. מיר וועלן זיך נאָך אומקערן און איבערגעבן מער פּרטים וועגן אונדזער זינקאָווער גאַס און דער נאָענטער געגנט אַרום איר, וועלכע שליסט אין זיך איין אויך דעם שיינעם פאַנטאַסטישן בנין, וועלכער האָט געלאָזט אַ טיפן רושם אויף אַלע זינקאָווער און איינגעקריצט זיך אויף שטענדיק אין זייער זיכרון — די שול.

נחום ישפה

ארגון ההגנה העצמית (ה„סאמואובורונה") בזינקוב

עם בואי להעלות את זכר פעולתו של ארגון ההגנה העצמית בזינקוב אין בידי לספר על גדולות ונצורות. למזלנו לא הגענו למערכות־דמים עם פורעים. היו לנו אמנם ימים קשים, שבהם איימו כנופיות של פורעים לפרוץ העירה, אך הודות לארגון הנאה של פעולת ההגנה והקשר החברי ההדוק ורב־המשמעת יצאנו בשלום והפלנו פחד על המתנקשים לשלום היישוב.

מקדמת דנא לא ישבו היהודים בדרום־רוסיה, באוקריינה, באין מחריד. תמיד היו מוכנים לפורענות, ותריס בפני פורענות זו הייתה צריכה לשמש ההגנה העצמית.

ראשית ארגונה של „ההגנה העצמית" בזינקוב חל עוד בסוף שנת 1905 ואני אז הייתי ילד בן תשע. לאחר תבוסת המהפכה של אוקטובר 1905 פשט בכל רחבי־רוסיה גל של פרעות ביהודים. היהודים היו שרויים בכל מקום בפחד רב, ומשנה פחד נפל על עיירתנו מפני השמועה, שמסיתים את ה„קצפים" מן הכפר הסמוך פטראשי למעשי־פרעות ביהודי זינקוב. ה„קצפים" היו רוסים ממרכז רוסיה, שברחו משם בימי פטר הגדול וייקטרינה עקב הריפורמות הדתיות שבוצעו אז על ידי המלכות והתיישבו בכפרים מיוחדים באוקריינה. הם היו אנשים חזקים, עזי נפש והיו מתפרנסים ממלאכות שונות, לא חסרו ביניהם גם פושעים. הם היו מפילים את חתיתם לא רק על היהודים, כי אם גם על האוקראינים.

אכן יש שהיו מאמינים, כי בזכותם של שני האדמו"רים הגדולים ר' משה'לה ור' פנחס'ל לא יאונה לעיירתנו כל רע, אלא כשהדברים אמורים ב„קצפים" המצב רציני לכל הדעות ובפי כול פשטה המרגלא: „דו טו און גאָט וועט דיר העלפן" (אתה עשה את שלך, והקדוש ברוך הוא יהיה בעוזריך).

לשם כך נוסדה, בחשאי, כמובן, „ההגנה העצמית". בחנותם של הורי היו מתאספים אנשים ומסתודדים. היו מדברים על „טייטלאך" (רובים). נפחים שוחחו על בחירת־ברזל לשם הכנת נשק קר. זכורני, כי פעם בשוב אבא מנסיעתו לפרוסקורוב הביא אתו שני רובים ופעם אחרת הביא אתו אקדוח.

כמה משפחות עשירות עזבו את העיירה עד יעבור זעם. גם אותנו, את אמא והילדים, העביר אבא לזמן־מה לעיירה הסמוכה סולובקוביץ והוא עצמו חזר לזינקוב.

הלילה המיועד, לפי השמועה, להתנפלותם של ה„קצפים" על העיירה היה, כמובן, ליל־שימורים רב־תכונה ופחד. אך ה„קצפים" לא באו. לאחר זמן נודע, כי ההתראות

שנשלחו על ידי החברה שלנו לכפר פטראשי השפיעו את השפעתם וה„קצפים" לא נענו למסיתים.

האוקראינים המקומיים, שהיו רובם ככולם עובדי־אדמה, לא היוו סכנה רצינית, בפרט בימים ההם כששלט בזינקוב ה„אוריאדניק" בראטינקי. זה היה רב־סמל משטרה זקן ומפולפל, שידע מראש על כל גניבה או פשע אחר העומדים להתבצע. בצלו של בראטינקי זה חסתה העיירה, ושכרו היה בצידו, כמובן.

הגיעו בינתיים גם שנות־שקט. החיים נכנסו למסלולם, בבית־הספר למדו ילדי היהודים יחד עם ילדי־האוקראינים. לא היה יותר צורך בארגון „ההגנה העצמית" והוא נשכח כאילו מן הלב.

לאחר מהפכת אוקטובר של שנת 1917 התמוטט הביטחון הציבורי. המשטרים והשלטונות הלכו והתחלפו. נוצר מצב של הפקרות וניתנה יד לכנופיות של פורצים ושודדים לחתור תחת שלומם של התושבים ולשלוח, קודם כול, את ידם ביהודים.

האנדרלמוסיה התחילה בשנת 1918, ואני הייתי אז כבר בין הפעילים.

פעם אחת כשחנתה פלוגת חיילים רוסיים, שעזבה את החזית, בכפר קאלינובקא, הסמוך לזינקוב, ביצעו כמה מהם שוד מזויין בבית שכננו סדיקוב והם התרו בכל רואיהם, כי הם ישמידו את כל מי שירים קול צעקה ומחאה על המעשה הנעשה. לא ידענו עוד אותה שעה כיצד להגיב על השוד והאיומים שבאו בעקבותיו, אך עודנו מטכסים עצה והנה בא למחר אוקראיני אחד והודיע לנו, כי הלילה עומדת פלוגת־החיילים לעבור את העיירה וכי לפני זאת הם גם ינסו וודאי לשלוח את ידם בשוד.


הידיעה באה במאוחר. התאספו לאסיפה דחופה כמה מעסקני־הקהילה. הוחלט לפנות לראש המיליציה ולהעמיד „אובחוד" (משמר נייד) ללא נשק והוזעקו אנשים צעירים, שיש להם נשק למקרה של צורך, שיהיו מוכנים להשתתף במשמר.

קרוב לשעה 12 בלילה, כשהעסקנים עוד ישבו ודנו על תכנית־פעולה, ניתך על העיירה מטר של יריות מכיוון כפר קאלינובקא. רבים מתושבי־העיירה היהודים נזעקו ויצאו מזויינים החוצה. קמה מהומה ומבוכה ברחוב מחוסר אירגון ומשמעת.

נמצאתי אותה שעה במרכז העיירה. רצתי מיד הביתה. בדרך פגשתי נער בן חמש־עשרה ובידו רובה, אך לא היו בידו כדורים. לקחתי מידו את הרובה, נכנסתי בחיפזון הביתה על מנת לקחת מידי אבא מלאי של כדורים. הוא פתח לי את הדלת וניסה תחילה להניא אותי מלרוץ יחידי החוצה. אך כשסיפרתי לו, כי לחברה בחוץ אין כדורים, הוא הושיט לי אשפה מלאה כדורים, נשק לי ונפרד ממני. אני רצתי ישר ל„אובשיבקא". היריות לא פסקו כל הזמן. וכשהגעתי לביתו של ה„קרופניק" (עושה הגריסין) מול בית הקברות ראיתי, כי האש באה מאותו צד. תפסתי עמדה ליד הבית ופתחתי מיד ביריות בכיוון אש הרובים. יריתי 35 כדורים. אחרי זאת פסקה האש, השתרר שקט, ולאחר כמה רגעים שמעתי קולות של אנשים מדברים. וכשהתקרבתי לאותו מקום מצאתי את יענקל פטיוטיס ואת שלמה זקל, שגם הם ירו מרובים בכיוון בית־הקברות.

למחרת בבוקר מצאנו בבית־הקברות הרבה תרמילים ריקים, מצבות שנפגעו מכדורינו וגם סימני־דם. נתברר, כי בשלושה רובים עמדנו נגד פלוגה שלמה. העיקר הוא, כי הפלוגה שיצאה מכפר קאלינובקה לא עברה דרך העיירה ומן היריות שירו בדרכם סמוך לעיירה נפצע תושב יהודי אחד בידו בשבתו בבית, נהרג סוס, ומנורה תלויה נשברה מפגיעת־כדור.

עוד באותו ערב נקראה אסיפת־צעירים ונוסד מחדש אירגון „ההגנה העצמית" („סאמו־אובורונה), אשר בראשה עמד גוסאקוב. צורת־האירגון היתה כזאת כל אחד בחר לו בן־זוג מתאים ובטוח שלא יעזוב אותו בשעת צרה. ומתפקידו של כל זוג היה להסתובב ברחוב בכל יום של שוק או ביום הימצא צבא בעיירה ולהשגיח שלא ימכרו יי"ש ביום ההוא. הזוגות התהלכו ללא נשק בולט. אמנם היה נשק רב בעיר והמיליציה ידעה על כך, אך לשאת את הנשק בגלוי לא הרשו. בדרך כלל יש לציין, כי בכל מקרה של מהומה היו



אברהם גוסאָקוב ז"ל

המיליציונרים נעלמים, מכיוון שלא רצו להסתבך ולהופיע בתור מגיני־היהודים. נמצא, שהיה לנו להישען בשעת סכנה רק על כוחות עצמנו בלבד. לשם חיזוק אמצעי־ההגנה הופיעו לפעמים גם רוכבים, ופעם עלה בידינו לעצור כת של מסיתים ומסרנו אותם לידי המשטרה.

ל„הגנה העצמית" שלנו יצאו מוניטין בסביבה והיא אף הוזמנה פעם לעיירה סמוכה לשם שמירת־הסדר ביום־שוק. אך פעולתנו היתה יעילה רק נגד מסיתים ופורעים אזרחיים והיתה חסרת־אונים בתור כוח־התנגדות כלפי צבא מתפרע.

ויהי כאשר פלשו הגרמנים לאוקראינה, הם השליטו על האזור את הגטמן סקורופדסקי, אשר ראו אותו כתריס יעיל נגד הבולשביזם. אז קמה, כידוע, ה„דרז'אבנה ווארטה" ואורגנה ה„קוזאקיות". ה„האיידמקים" ערכו בימים ההם פרעות בכמה מקומות בודדים.

אך האסון הגדול בא על כל הסביבה וגם על זינקוב משעה שפטליורה התקומם נגד סקורופדסקי. השעיר לעזאזל היו היהודים. עיירות שלמות נחרבו בימים המטורפים ההם. מכלל ערי־סביבתנו התחוללה השחיטה הגדולה ביותר בפרוסקורוב, בפלשטין ובקונסטנטין ישן. ליישובנו המרוחק מהמרכז לא הגיעה ידו של המשחית, אך מדי פעם בפעם היו מופיעים חיילים בודדים ודורשים „קונטריבוציה". היהודים היו מוכנים תמיד, וגם אצלנו, לפדות את נפשותיהם על ידי מתן כסף, אך הנתינה היתה מלווה אצלנו גם הפגנת־כוח והיינו מוכנים לעמוד על נפשנו למקרה שהחיילים יתפרעו.

היה פעם גם מעשה, שבאו עלינו במרמה וסחטו כסף מתושבי־עיירתנו. ביום בהיר

אחד נשמע קול יריות רבות הבאות בזו אחר זו. התחילה בהלה. האוקראינים רתמו את בהמותיהם לעגלות, התחילו סוגרים את החנויות. פשטה שמועה, כי צבא נכנס לעיירה. הזוג הראשון של אנשי „ההגנה" שיצא לכיוון היריות בלי רובים (אקדוחים בכיס) נפגש עם שלושה רוכבים, אשר שניים מהם היו חגורים רובים ואחד מקלע. הם שאלו, היכן יש לראות את ראש העיר ואמרו, כי הגדוד שלח אותם על מנת להודיע, שיכינו „קונטריבוציה" בסכום גדול שימסרו לידם את הנשק, אשר ממנו ירו עליהם. אם כל אלה יינתנו להם, לא יעבור הגדוד דרך העיירה.

מלבד הנשק שהיה ברשות „ההגנה" והיחידים היו בידינו בזמן ההוא 10 רובים ממשלתיים שניתנו לנו בהיתר ורשיון לעשרת אנשים נושאי־נשק, אשר בראשם עמד ישראל גרינמאן המכונה איינקויפער. החלטנו למסור לרוכבים את עשרת הרובים הממשלתיים ולנמק את דבר המסירה באופן נכון, כי לא היה לנו כוח לעמוד בפני תביעות אנשי־הצבא. אני ועוד אחד מחברינו הבאנו את הרובים. הם קיבלו אותם, אך העמידו אותנו מול המקלע ואיימו עלינו להשמידנו, אם לא יינתן להם סכום גדול כופר אנשי העיירה. כדי לקדם את פני הסכנה נאסף מהר סכום הכסף הדרוש. מוטי פייארמן, ראש הקהילה, הופיע עם הכסף בידו ומסרו לרוכבים. הם הזמינוהו לאכסניה ללגימה, נתנו לו אפילו קבלה על הכסף. אכלו, שתו, והסתלקו. את הרובים מצאנו אחר־כך מושלכים לאיבוסים ללא בריחים. כל המעשיה עם הגדוד לא היתה אלא עורבא פרח.

לא מעט הרפתקאות קשות ומסוכנות היו לנו עם הקוזאקים מחיל פטלורא, אשר זממו בכל הדרכים לרדת לחיינו ולסחוט מידי תושבי־העיירה סכומים מופלגים. ולא מעט היו לנו התנגשויות עם האוקראינים, תושבי־הסביבה, בייחוד בימי־הירידים, כשהיו מתרכזים במקום אחד המונים גדולים של איכרים מן הכפרים הסמוכים. לפעמים היו ההתנגשויות גם רציניות ביותר, אך לשפיכות דמים לא הגיעו. ביותר הצטיינו אנשי כפר וורבקי, שניהלו תעמולה והסתה גלויה למעשי־פרעות ביהודים, אך מכיוון שהיינו עומדים תמיד על המשמר היינו מצליחים להפר בעוד מועד את זוממם.

חגרנו גבורה. גילינו כוח־עמידה רב. הפלנו פחד על המסיתים והפורעים, שחשבו תחילה לתפוס אותנו בחולשתנו. מלבד הנשק הקר והחם שהפעלנו בשעת־חירום השתמשנו במקלות ובבקבוקים ולקבוצת־המחץ של „ההגנה" היו גם אגרופי־ברזל. מי שלא ראה את יענקל פטיוטיס מכה, לא ראה גיבור־חיל מימיו. הוא היה יכול להרביץ מכות לעשרה אנשים כאחת מבלי שתהיה בידם יכולת לפגוע בו במשהו. היה לנו גם בחור אחד מוביל מים, פועל אצל דוד וואסערפירער, בחור אדמוני, בעל כוח גופני עצום. הוא היה כבד־תנועה במקצת, אבל בעל־כוח־עמידה עצום. היו אומרים עליו, כי הוא עלול להפיל שור. הוא היה בר־יכולת להדוף אחור המון רב.

נתגלה ביותר כוחה של „ההגנה" בשעת אחת התגרות שפרצה בין אוקראינים והכובענים שבשוק. התגרה היתה, כנראה, מאורגנת מראש. היה יום של שוק והכיכר היתה מלאה אדם, בעיקר מאיכרי־הכפרים הסמוכים. באופן בלתי־צפוי קמה בהלה. כמה מן הקונים האוקראינים ניסו להסתלק מבלי לשלם לחנוונים בעד סחורה שעמדו לקנות, ואחד היהודים פרץ בקול צעקה „געוואלד, מען ראבעוועט". החנוונים התחילו לסגור בחיפזון את חנויותיהם. כדי להזעיק עזרה נורו גם כמה יריות.

כשפרצה המהומה הרימו רוב היהודים את רגליהם וברחו, אך היו בין הקהל אנשים,

חלק מהם גם לא צעירים, ולא חברי „ההגנה", שאינם רגילים לסגת מן המערכה. רובים היו עגלונים. היו שם יחיאל תנא, איש גוץ ורחב־גרם, ברל פייסיס, בחור גברתן, האחים יענצים, חיליקל דעם ליטוואקס, — הם היו הראשונים שחשו לעזרת הכובענים. הם חטפו כובע חדש מידי גוי אחד, אצל שני הורידו כובע חדש מעל ראשו. פרצה תגרה גדולה. האוקראינים התחילו מכים ביהודים. היהודים השיבו להם מכה על מכה. האוקראינים מילאו את כל כיכר־השוק. ההסתה היתה גלויה. כמה חנויות שלא הספיקו בעליהן לסגרן נעזבו על ידם. היו אלה חנויות מכולת קטנות, שלא ניתן לשדדן מהר. „גויים" התחילו לחטוף חתיכות סבון ויש שתחבו את ידיהם לתוך חבית של דגים מלוחים. אך גם זה לא ניתן להם לבצע, יען כי באה בזמן הנכון תגבורת הוגנת משלנו. היה בידינו גם נשק, אך השתמשנו בו לשם הפחדה בלבד. גם הסכינים שהיו בידינו ואף בידי הגויים, לא באו לאשרנו לידי שימוש.

השתמשנו רק במקלות ובבקבוקים. בידי אנשי קבוצת־המחץ (ה„שלעגערים") היו גם אגרופי־ברזל.

מי שלא ראה את יענקל פטיוטיס ואת הסתערותו על הפורעים לא ראה גיבור מימיו. גם אברהם „מיליציונר" הצטיין ביום ההוא בגבורתו. הוא היה אז כבר מיליציונר ממש, קיבל מדים מהממשלה, אך את משכורתו היתה משלמת לו הקהילה.

בסופו של דבר ניגפו ה„גויים", נפרדו לקבוצות קטנות נרדפות על ידי היהודים, שעלו עליהם במספרם. וכשהתחילו הללו בורחים, הצטרפו למגינים היהודיים גם הרבה יהודים אחרים. בשעת אותה תיגרה גדולה לא היו לנו פצועים קשה. יצאנו רק בשבר־יד או רגל, בחבלות ושריטות.

כל המערכה הזאת התנהלה בקירבת שוק־הסירים המפורסם של זינקוב שהיה כולו בידי „גויים", אשר סבלו בעיקר נזקים באותו יום, מכיוון שבשעת המהומה ובפרט בשעת הנסיגה והבריחה נרמסו קדירות, שבעליהן לא הספיקו ואף לא יכלו לאספן. למחרת היום הציעו ה„הנצ'רים" (הקדרים) לתת מאנשיהם להגנה היהודית בתנאי שנעמיד בימי־השוק משמרות על ידם לבל ייגרם נזק לסחורתם. הצעתם זו לא נתקבלה על דעתנו.

בדרך כלל עלה בידינו בימים ההם להגן בהצלחה על הנפש ועל הרכוש של בני־עמנו בזינקוב. חסרי־אונים היינו אך נגד הצבא ואם היה עולה בידינו פה ושם לצאת בשלום בשעת התנגשות עם הצבא, הרי היינו מצליחים לא בכוח הזרוע, כי אם בתכסיסים מסויימים או בהעמדת־פנים. רק לילה אחד, שבא עלינו כחתף, הנחית מכה קשה על ראשנו, על אנשי־ההגנה בכללם ועל כל אחד מאתנו לעצמו. היינו המומים ומדוכאים. נפגענו, כמו שאומרים, פגיעה ישירה.

אותו ערב נכנס צבא פטליורה לעיירה. לפי ההוראות, שניתנו על ידי ההגנה, היו תושבי־עיירתנו מסתגרים לשעות הלילה, כרגיל, בבתיהם, והוראותינו היו שלא לפתוח בשום פנים ולא להענות לשום צו של המשטרה או של הצבא, וכי למקרה שינסו לפרוץ לפתוח בצעקות, אשר לשמען ישתדלו אנשינו להגיע ממקומות ריכוזם ולהתחקות על המצב. התכסיס היה בדרך כלל יעיל והמתנכלים היו אצים להסתלק מבלי להפיק את זממם.

אותו לילה לא הגיעו לאזנינו שום צעקות. לכשקמתי למחרת בבוקר השכם נודע לי, כי אנשי־פטליורה רצחו את אברהמקה, שהיה עמוד התווך של ההגנה. הם רצו

לאנוס את אחותו, וכשהוא התקומם נגדם בכוח ולא נתן להם לעשות את מעשה־הנבלה הרגו אותו.

הצבא הפרוע יצא בינתיים את העיר, ואנו נשארנו המומים, מדוכאים ומיותמים, שרויים באבל כבד על אברהמקה, שהרי הוא היה ההגנה ממש. גוסאקוב היה אמנם המפקד והסגן שלו היה הנדזלס. אך בשום מקום של סכנה לא ראינו אותם. אברהמקה היה מופיע בכל מקום וקירבתו השרתה על כל אחד רגש של ביטחון. כשהוא היה אומר: „קום", היה כל אחד הולך אחריו לכל מקום של סכנה הגדולה ביותר.

הפעם הוא היה יחידי ובודד ולא היה בכוחו לעמוד בפני בריונים נבזים ומזוריגים מאנשי צבאו של פטליורה.

יהי זכרו ברוך ומבורך!

ב. ג.

די יאָרן 1920—1940 אין זינקאָוו

די אויפגאַבע פון אונדזער געדענקבוך איז צו שרייבן די געשיכטע פון אונדזער אומגעקומענער שטאָט. מיר דאַרפן דערציילן אויף וויפל מיר קאָנען און ווייסן פון לעבן אין זינקאָוו פאַרן גרויסן חורבן און דאָקומענטאַריש פאַרצייכענען די בלוטיקע טראַגעדיע פון חורבן גופא אויף וויפל מיר האָבן גביות־עדות וועגן איר.

ווען מען גייט דורך די קאַפּיטלעך זכרונות פון די איינצלנע דערציילער זעט מען, אַז פון דעם אויבן־אָנגעצייכנטן פעריאָד פעלט יעטוועדער מאַטעריאַל וועגן דער צייט, וואָס נאָכן בירגערקריג, ווען די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך געהאַט איינגעשטעלט אין אונדזער געגנט.

די סיבה פון דעם איז אַ פשוטע. אין דער צייט, ווען עס האָט געבושעוועט דער שטורעם פון די באַנדעס בעת דעם בירגערקריג האָט זיך אונדזער שטאָט ביסלעכווייז אויסגעליידיקט פון אירע איינוווינער. אַ גרויסע צאָל קרבנות זענען געפאַלן פון דער עפּידעמיע. עס זענען געווען צייטן, ווען פאַר אַ נאַכט פלעגן פּאַסירן דריי אָדער פיר טויט־פאַלן. די יוגנט, ניט זעענדיק אין שטאָט קיין שום תכלית פאַר זיך, האָט זיך געלאָזט אין דער גרויסער וועלט אַריין, אין אויסלאַנד אָדער אין די גרויסע רוסישע שטעט. ווער עס איז געפאָרן קיין אַדעס און ווער קיין קיעוו. און אַפילו שפּעטער, ווען עס האָט זיך שוין באַפעסטיקט די ראַטן־מאַכט, האָט זיך דער שטראָם פון די זינקאָווער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון שטאָט אַרויס ניט אָפּגעשטעלט. מען האָט נאָך דאַן געקאָנט קריגן פּאַספּאָרטן אויף אַרויסצופאָרן פון לאַנד. און אַפילו מענטשן פון דעקלאַסירטער שיכט קרעמער אָן קראָמען און סוחרים אָן סחורה האָבן זיך אויך געלאָזט אין די גרויסע שטעט, כדי צוצופּאַסן זיך צו דער נייער עקאָנאָמיק, ווער אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ רעגירונגס־קראָם און ווער אַלס פּאַרזואַלטער, דען די סאָוויעטישע רעגירונג האָט זיך שטאַרק געניטיקט אין דעם לאַנגיאָריקן נסיון פון די געוועזענע סוחרים. אַנדערע האָבן זיך אָנגעגעבן אויף אַרבעט אין די פאַבריקן.

פאַר די וואָס זענען געבליבן אויך ווייטער לעבן אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס פון איינאָרדענען זיך. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן אַרטעלן פון בעלי־מלאכות און קאָאָפּעראַטיוון. אין זינקאָוו האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען מענטשן פון אַנדערע ישובים, יידן וועלכע האָבן פריער געוווינט אין די דערפער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערער פּראָצעס פון עקאָנאָמישן אויפבוי.

מיט די יאָרן האָט זיך דער קאָנטאַקט צווישן די וואָס זענען אַרויסגעפאָרן פון

זינקאָוו און צווישן די פאַרבליבענע שטאַרק אָפּגעשוואַכט. יעדערער איז געווען פאַרנומען מיט שאַפן זיך אַ פּאָזיציע און בויען זיין לעבן ביי די נייע אומשטענדן.

אין די 30־קער יאָרן האָט אַ שווערער שווייגן באַהערשט די מענטשן. אויב מען האָט נאָך געהאַט מיט וועמען צו קאָרעספּאָנדירן, האָט מען געשריבן בלויז וועגן געזונט און פאַמיליען־ענינים. עס איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל דערציילן פון אַלגעמיינעם לעבן אין זינקאָוו און פון דעם וואָס קומט דאָרטן פאָר.

דאָך וועלן מיר זיך פאַררופן אויף דעם ביסל אינפאָרמאַציע, וואָס האָט אונדז דערגרייכט פאַר דער גאַנצער צייט און מאכן אַ פאַרגלייכונג צווישן דער פריערדיקער צייט און דער שפּעטערדיקער. מיר ווייסן, למשל, וועגן די שוועריקייטן, וועלכע די יידישע יוגנט האָט געהאַט ביים וועלן שטודירן אין די צאַרישע צייטן, די עקאָנאָמישע שוועריקייטן פון די קרעמער און קליינע סוחרים, וועגן דעם טרויעריקן צושטאַנד פון דעם אָרעמען בעל־מלאכה. די צאָל פון אַלפאַבעטניקעס איז אמת ביי דער יידישער באַפעלקערונג געווען אַן אומגעהויער נידעריקע אין פאַרגלייך מיט דעם פּויערטום פון דער געגנט, אָבער דערביי האָט דער עלטערער דור ניט געקאָנט די שפּראַך פון לאַנד. ציַיטונגען און ביכער זענען געווען בלויז ביי יחידים אַפילו ביי יידן. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען געווען אין אונדזער קאַנט גענוג אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט אַ פּסוק חומש, אַ קאַפּיטל תנ״ך און עס איז געווען אויך אַ קליינער פּראָצענט למדנים. אַ סך האָבן געגעבן זייערע קינדער לערנען ביי פּריוואַטע לערער און די יוגנט האָט זיך געמיט אַליין אויסצובילדן, אָבער העכערע בילדונג און אַפילו מיטעלע איז געווען זייער שווער צו דערגרייכן.

וואָס־זשע איז געווען דער צושטאַנד אין די 20־קער יאָרן אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט? עס איז, ווי באַוווסט, איינגעפירט געוואָרן אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע שול־בילדונג. עס זענען געגרינדעט געוואָרן אומעטום 7 און 10־קלאַסיקע שולן, ווו די לימודים זענען געגעבן געוואָרן כמעט אין אַ פאַרנעם פון אַ גימנאַזיע. פריער האָבן נאָר געציילטע קינדער גשהאַנט באַזוכז סומניטוויטמש׳ס צווייקלאַסיקע שקאָלע, ווו מיט די קינדער האָט אַ גלח געלערנט רעליגיע („זאַקאָן באָזשי״). ער פלעגט אָנוואַרפן אויף די קינדער אַ שרעק מיט זיין שוואַרצער זשופּיצע. בשעת מעשה פלעגן זיך די קריסט־לעכע קינדער דאַרפן שטעלן אויף די קני און זיך צלמען און די יידישע קינדער פלעגן בלייבן שטיין דערשראָקענע און צעמישטע און ניט וויסן, וואָס זיי האָבן צו טאָן. איצט האָט יעדעס קינד אָן אונטערשיד פון נאַציע און רעליגיע געקאָנט באַזוכן פריי יעדע לערן־אַנשטאַלט און די יוגנט האָט זיך באמת גענומען מיט אימפּעט צום שטודירן. עס איז געווען אין זינקאָוו אַ ספּעציעלע שולע, ווו מען האָט געלערנט יידיש און זי האָט אָנגעהאַלטן ביז צו די סטאַלינישע גזירות.

זינקאָווער קינדער האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אויך אין די הויכשולן. די אויסגע־שטודירטע האָבן געקאָנט אויפגענומען ווערן אויף רעגירונגס־שטעלעס, אַריינקומען אין דער סאָוויעטישער ארמיי אַלס אָפיצערן, איז דער אינדוסטריע, געוואָרן דאָקטוירים, אינזשיניערן און וויסנשאַפטלער אויף אַלע געביטן פון דער סאָוויעטישער וויסנשאַפט. דאָס אַלץ איז געווען אַ היפּשער מהלך פון די צייטן פון די עקסטערניקעס און פון די פּראָצענט־נאָרמעס פון דער צאַרישער צייט, בעת פיל זענען געווען געצוווּנגען צו שמדן זיך, כדי עפּעס צו דערגרייכן. דאָרטן ווו יידן האָבן אַ מאָל ניט געטאָרט האָבן

קיין דריסת־הרגל, ווי אין דער הייליקער מאָסקווע מיט אירע 40 מאָל 40 קלויסטערס, און אויך אין קיעוו האָבן זיך איצט איינגעלעבט מיט אַלעמען גלייך פיל יידן און נאָך איצט געפינט זיך אין קיעוו א שארית־הפליטה פון אָפגעראַטעוועטע זינקאָווער יידן.

עס זענען צו אונדז דערגאַנגען אויך ידיעות פון זינקאָוו גופא וועגן עלעקטרישע ליכט, וואָס איז דאָרטן איינגעפירט געוואָרן, וועגן פערמאַנענטע קינאָ־פאָרשטעלונגען, וועלכע ווערן דאָרטן געוויזן. ווי מען גיט אונדז איבער איז ר׳ פינחסלס הויז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעאַטער, ווו מען ווייזט בילדער אויפן עקראַן. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ קלוב, ווו עס ווערן געלייענט לעקציעס, און אַ ביבליאָטעק.

עס זענען צו אונדז אויך דערגאַנגען ידיעות, אַז פאַרן חורבן האָט אין זינקאָוו עקזיסטירט אויך אַ „קאָלכאָז״. מיר האָבן וועגן דעם לײדער, ניט קיין פרטים.

מיר ווייסן בכלל ניט וועגן די אומשטענדן, אין וועלכע עס האָבן געלעבט מענטשן אויף דער זינקאָווער ערד אין משך פון די 20 יאָר פאַרן חורבן, ווייל אַלע זענען זיי אומגעקומען דורך די היטלעריסטישע רוצחים. נאָך אַלעמען טאָרן מיר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז זינקאָוו גילט ביזן היינטיקן טאָג אַלס אַ געאָגראַפישער פונקט אין ראַטן־פאַרבאַנד און אַז עס לעבן דאָרטן עד היום איינצלנע יידישע פאַמיליעס.

עס איז אפשר מעגלעך, אַז דאָרטן זאָל נאָך אויסוואַקסן און זיך אַנטוויקלען אַ יידישער ישוב. ווער קאָן וויסן? לאָמיר דערוויף האָפן. יידן לעבן דאָך תמיד מיט האָפענונג. זיי גלויבן באמונה שלימה, אַז עס וועלן קומען משיחס צייטן. זיי טרוימען וועגן אַ ווייטער און ליכטיקער צוקונפט.

און ווי באַלד אַז מיר דריקן שוין אויס די האָפענונג, לאָמיר אויך האָפן, אַז די יידישע קולטור וועט ווידער אויפלעבן און צעבליִען זיך אויף דער זינקאָווער ערד און אַז אונדזער צווייספראַכיקע ירושה וועט קאָנען אָפּגעהיט ווערן צוזאַמען מיט אונדזער יידישן פאָלקס־לעבן און ווער וויס אפשר וועט גרייכן צו דער זינקאָווער ביבליאָטעק אונדזער געדענקבוך, און יידישע קינדער פון היינטיקן זינקאָוו וועלן אין שטאַנד זיין צו לייענען דעם בוך און באַקומען אַ באַגריף, ווי אַזוי מיר האָבן געלעבט אין דער שווערער טראַגישער תקופה און וואָס פאַר אַ פנים זינקאָוו האָט דעמאָלט געהאַט.

משה גארבער

דער ערשטער שטרייק אין אונדזער אַלטער היים זינקאָוו

עס איז געווען אין דער צייט, ווען איבער דער ברייט און לענג פון דעם ריזיקן רוסלאַנד האָט זיך געטראָגן דער פרילינג־שטורעם פון דער רעוואָלוציע, ווען די פאַרשקלאַפטע פאָלקס־מאַסן האָבן אַזאַ טרייסל געטאָן מיט זייערע קייטן, אַז דער פונדאַמענט פון דער צעפוילטער צאַרישער אָרדענונג איז צעטרייסלט געוואָרן.



משה גארבער

אין אַ צייט אַרום האָבן זיך אויך קיין זינקאָוו דער־טראָגן ווינטלעך און אָפּקלאַנגען פון דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז.


עס האָבן זיך באַוויזן אומבאַקאַנטע יונגעלייט, סטודענטן און אַרבעטער, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן פון די גרעסערע שטעט פון אונדזער געגנט, ווי פּראָסקוראָוו, וויניצע און קאמעניץ. זייער אויפגאַבע איז געווען, ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אויפצוּוועקן די זינקאָווער אַרבעטער פון זייער לעטאַרגישן שלאָף, אויפקלערן זיי און אָרגאַניזירן זיי, אויפווייזן זיי ווי זיי ווערן עקספּלאָאַטירט און אַרבעטן פאַר נישטיקע שכירות אַן אוממענטשלעך לאַנגן אַרבעטס־טאָג.

דער אַרבעטער־קלאַס פון אונדזער שטעטל איז באַשטאַנען פון שניידער־ייִנגלעך, שוסטער־ייִנגלעך, עטלעכע סטאָלער־ייִנגלעך, אַ פּאָר בלעכער, שמידן און אויך עטלעכע

אָנגעשטעלטע (פּריקאַשטשיקעס). עס איז אויך געווען ביי אונדז אַן אָנגעזעענע גרופּע פון מאָדיסטקעס און „קאטינאשקע"־מײדלעך, וואָס האָבן געניית וואַטאָווע לייבלעך פאַר די פּויערטעס.

עס איז אַוועק דאָן אַ לאַנגע רייע געהיימע פאַרזאַמלונגען, „טיינע סאָבראַניעס", ווי זיי האָבן זיך גערופן, זומער אין די פעלדער אין דער „גלובאָקע דאָלינע" און ווינטער ערגעץ אין אַ שטוב אין אַ זייטיק געסל, אַז „נאַטשאַלסטווע" זאָל זיך ניט דערוויסן.

דער עולם איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ און זיך צוגעהערט מיט טרערן אין די אויגן ווי דער „אַגיטאַטאָר" שילדערט די ביטערע לאַגע פון די אַרבעט־מענטשן. צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן האָבן זיי געהערט אַזעלכע ווערטער ווי רעוואָלוציע, קאַמף, עקספּלאָאַטאַציע, פרייהייט און דאָס גלייכן.



שלימה בינעמס, די בעקערין מיט איר פאַמיליע

מען האָט זיך אויף שנעל אויסגעלערנט זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער און עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ביבליאָטעק פון יידישע ביכער טאַקע ביי אונדז אין שטוב. דערפאַר האָט זיך ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון דאָס קאַפּיטל פון זינקאָווער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער געבורט פון דער „יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „בונד". אַזוי האָבן זינקאָווער אַרבעטער באַקומען דעם נייעם נאָמען „בונדאַווצעס".

די פירער פון זינקאָווער „בונד" זענען געווען אברהם אַבראַמאָוויטש, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אברהם־אַלטער סאַני־יצחקס, נוח שפּילערמאַן אָדער נוח חייקלס,

יוסף שטראַכמאַן אָדער יוסף פּרץ יהודה לייבס, חיים איציק שייעס ברודער בערענזאָן און אייניקע אַנדערע.

נאָך דעם ווי די פּירער האָבן איינגעזען, אַז דער באָדן איז גוט צוגעגרייט האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצוגייך אין אַן „אָפענעם קאַמף" און אַרויסרופן דעם זינקאָוועך „אַרבעטער־קלאַס" אויף אַ שטרייק אָדער, ווי מען האָט דאָס דעמאָלט גערופן, אויף אַ זאַבאַסטאָווקע.

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן אַלע אַרבעטער אַוועקגעלייגט, לויטן צייכן פון די פּירער, שער און אייזן און אַרויס אין די גאַסן ווי סאָלדאַטן מאָביליזירטע צו אַ מלחמה.

די בעלי־בתים זענען געבליבן געפּלעפּט און האָבן גאָר ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך. אין זייער לעבן האָבן זיי קיינמאָל ניט געהערט אַזאַ וואָרט ווי „זאַבאַסטאָווקע".

דער שטרייק־קאָמיטעט האָט צוזאַמענגערופן די אַרבעטגעבער און זיי דערקלערט די פאָדערונגען פון די שטרייקערס: קירצערע אַרבעט־שעהען און אַ געהעכערטע שכירות. די בעלי־בתים האָבן אַפילו ניט געוואָלט הערן פון אַזאַ זאַך און האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט נאָכצוקומען די דאָזיקע פאָדערונגען און זיי האָבן פון זייער זייט דערקלערט אַ קאַמף קעגן די שטרייקערס און זייער קאָמיטעט.

עס איז אַוועק אַ סדרה פון מסירות און געשלעגן. פאַר אַ טרונק בראָנפן האָבן די אַרבעטגעבער אָנגעשטעלט קעגן די אַרבעטער די זינקאָווער אונטערוועלט. אָט די דאָזיקע אויסוווּרפן האָבן זיך שבת אָנגעשיכורט און ווען זיי האָבן געטראָפן פון די אַרבעטער אין שול אָדער אין גאַס זענען זיי אים באַפאַלן און געבראָכן אים די ביינער.

באַלד נאָך דעם האָט דער „בונד" אָרגאַניזירט אַ „שלאָג־קאָמאַנדע" („באייעוואיא דרוזשינאַ"), אַ מין „סטראָנג אַרם סקוואַד", וואָס איז באַשטאַנען פון יונגען, וועלכע קאָנען פון זייער זייט ענטפערן מיט קלעפּ. אין דער שפּיץ פון דער „דרוזשינע" איז געשטאַנען אַ סטאָלער־יונג מיטן נאָמען משה־חיים זאַווערוכעס אָדער משה נאַטענזאָן. דער דאָזיקער משה איז געווען אַן ערלעכער, שווערער האָרעפּאַשניק און ער איז געווען שטאָלץ און דאַנקבאַר, וואָס מען האָט אים געעפנט די אויגן און אויפגעקלערט וואָס אַזוינס טוט זיך אויף דער וועלט און אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט האָט ער ליב געהאַט זיך גוט אָרומצוּוואַשן, אָנצוטאָן דעם שענסטן בגד, וועלכן ער האָט נאָר פאַרמאָגט, נעמען אַ ביכל אין האַנט און שפּאַנען איבער די זינקאָווער גאַסן. ווען מען האָט אים געהאַט געפרעגט: „משה, ווּהין גייסטו?" פלעגט ער שטאָלץ ענטפערן: „איך גיי אין „פּיליטעק" (ביבליאָטעק).

ווען די אַרבעטער האָבן געזען, אַז די בעלי־בתים בלייבן אַלץ פאַרעקשנט און בושעווען און מסרן, האָט מען באַשלאָסן אָנצונעמען שטרענגערע מיטלען. ערשטנס, האָט די „דרוזשינע" פון זיך אַליין אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די פּראָפעסיאָנעלע שלעגער, און די מוסרים האָט מען אויסגעזוכט דווקא שבת אויפן שפּאַציר אָדער ביי יעדערן פון זיי אין זיין היים, ווען זיי האָבן געהאַט געכאַפּט אַ דרעמל נאָך דער שבתדיקער מאָלצייט און מען האָט זיי געשלאָגן מכות־רצח. נאָך דעם זענען שוין מער קיין מסירות ניט פאָרגעקומען.

אָבער די ברויטגעבער זענען נאָך אַלץ געבליבן איינגעשפּאַרט און האָבן אויף קיין

האָר ניט געוואָלט נאָכגעבן. דאַן האָט דער שטרייק־קאָמיטעט באַשלאָסן אָנצווווענדן אַ נייע סטראַטעגיע.

עס איז ביי אונדז אין זינקאָוו געווען אַ סטאָלער־ייִנגל מיטן נאָמען מעכל־שרה־חאַנצעס. דער דאָזיקער מעכל איז געווען אַ געטרייע קאָפּיע פון דעם אַמעריקאַנער שרייבערס אפּטאָן סינקלערס דזשימי היגינס. אין דעם דאָזיקן דזשימי היגינס האָט סינקלער געשילדערט אַ טיפּ אַרבעטער און פּאַרטיי־מענטש, וואָס איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן זיין אָרגאַניזאַציע און איז צו יעדער צייט גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער, אַפילו אויף טויט, ווען נאָר זיינע פּאַרטיי־פירער זאָלן דאָס באַפעלן. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן, ניט געשטעלט קיין פראַגן, ניט געהאַלטן קיין רעדעס, נאָר בלינדערהייט אויסגעפירט דאָס וואָס די פירער האָבן פון אים געפאָדערט. אַזוי האָט סינקלער געשילדערט זיין דזשימין און גענוי אַזאַ איז געווען מעכל סטאָליער.

איינמאָל, אין דער צייט פון שטרייק, ערב פּסח, איז מעכל אַריינגעקומען צו אונדז אין שטוב אַריין און האָט געזען ווי מיין מאַמע ע״ה האָט צורעכט געמאַכט די עופות אויף יום־טוב. גיט ער צו איר אַ זאָג: „רחל, איך בעט אייך, וואַרפט ניט אַרויס דעם איינגעווייד, ד. ה. דעם שמוץ פון די הינער״. פרעגט אים די מאַמע אַ פאַרוווּנדעטע: „צו־וואָס דאַרפסטו דאָס האָבן?״ גיט ער אַ שמייכל און זאָגט: „וואָס אַרט עס אייך, איך דאַרף עס האָבן״. ער גייט אַרויס און באַלד קערט ער זיך אום מיט צוויי ליימענע טעפּלעך און שאַרט אין זיי אַריין דעם גאַנצן שמוץ און גייט זיך אַוועק.

אויף מאָרגן פרי האָבן מיר געהערט ווי עס האָט זיך געטומלט אין די גאַסן און דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען אויף רעדלעך. מיין טאַטע ע״ה איז אַרויסגעגאַנגען, ווי געוויינלעך, אין מאַרק, איז אָבער באַלד געקומען צוריק און האָט דערציילט, אַז נעכטן אָוונט צום ערשטן סדר האָט מען אַריינגעוואָרפן דורכן פענצטער צו לייזער דעם קרומען קאַטענאשניק, צו נחמן דעם שניידער און נאָך צו עמעצן, וואָס איך געדענק שוין ניט, טעפּלעך מיט שמוץ גלייך אויפן סדר־טיש און אַ תל געמאַכט פון דער גאַנצער סעודה און אַלעמען שטאַרק איבערגעשראָקן.

דער סוף איז געווען, אַז חול המועד פּסח זענען זיך צוזאַמענגעקומען די בעלי־בתים און די מיטגלידער פון דעם שטרייק־קאָמיטעט און מען איז געקומען צו אַ פאַרשטענדעניש. די אַרבעטער האָבן געוווּנען פיל בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען, סיי בעסערע שכירות און סיי אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג. דער עיקר אָבער איז געווען, וואָס די אַרבעטער האָבן פון דאַן אָן דערפילט, אַז זיי זענען ניט הפקר, אַז זיי זענען אַן אָרגאַניזירטער כוח. די בעלי־בתים האָבן דאָס איצט גוט פאַרשטאַנען און האָבן אָנגעהויבן צו באַנעמען זיך צו די אַרבעטער מיט רעספּעקט ווי אַ מענטש צו אַ מענטש און ניט ווי האַרן צו קנעכט.

משה גאַרבער

ווי אַזוי מען האָט אין זינקאָוו אַרונטערגעוואָרפן דעם צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן פון זיין טראָן ?

(אַ טראַגי־קאָמיש בילד פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט)

ענדלעך איז אָנגעקומען דער ערשטער מאי. מען האָט שוין געוווּסט אין זינקאָוו, אַז דער ערשטער מאי איז דער יום־טוב פון אַלע אַרבעטער אין דער וועלט. האָט מען זיך געגרייט צו דעם גרויסן יום־טוב וואָכן לאַנג, און ווען דער טאָג איז אָנגעקומען, האָבן זיך אַלע אויסגעפּוצט אין די יום־טובדיקע קליידער, אַריינגעשטעקט אין די לאַצן רויטע בענדלעך און מען האָט זיך פאַרזאַמלט אויף דעם יאַטקע־לאַן הינטער ד״ר גאַרבאַ־טאָווסקיס פּאַרקן.

איך בין דאַן געווען אַ קליינער ייִנגל און בין געווען נייגעריק אַלץ צו וויסן, צו הערן און צו זען. בין איך שוין יענעם טאָג ניט געגאַנגען אין חדר און בין געווען אַ גאַנצער מחותן אויף דער שמחה.

די שטימונג איז געווען אַ פריילעכע און אַ געהויבענע. די פייערונג איז געקומען צו דער העכסטער מדרגה ווען מען האָט אַוועקגעשטעלט פיר הויכע בחורים צו צוויי פּנים אל פּנים, אויף זייערע אַקסלען האָט מען אַוועקגעשטעלט נאָך צוויי בחורים, וועלכע האָבן צוזאַמענגעשלאָסן זייערע הענט און געבילדעט א מין שטול, וועלכער האָט באַדאַרפט פאָרשטעלן דעם „צאַרס טראָן“ (דעם „כסא המלכות“), און אויבן האָט מען אַרויפגעזעצט דעם „צאַר“. דאָס איז געווען מאיר לייבעס אָדער מאיר האָראָוויץ. איינער פון די אַרבעטער האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע. מען האָט צעוויִקלט אַ רויטע פאָן און מען האָט אַ הילכיקן געשריי געטאָן — „דאַלאָי צאַרייא!“ („נידער מיטן קייסער!“), האָט זיך דער „טראָן“ געגעבן אַ צונעם און אַ שליידער געטאָן דעם „צאַר“ מיט אַזאַ קראַפט אַרונטער, אַז די ערד האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן.

אָבער מיט דעם האָט זיך עס נאָך ניט געענדיקט. די מאָדע פון יענער צייט איז געווען, אַז די יונגע לייט פלעגן טראָגן זייער שמאָלע הויזן. צוליב דעם שטאַרקן אימפּעט, מיט וועלכן מאיר איז נעבעך אַרונטערגעפאַלן פון „טראָן“, האָט ביי אים געפּלאַצט די נאָט פון הינטערשטן זיץ־פּלאַץ און ער האָט זיך געשעמט אויפצושטעלן... ווען דער עולם האָט דאָס דערזען, האָט מען פאַרגעסן די גאַנצע פייערלעכקייט פון דעם מאָמענט און מען האָט אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער, וועלכער האָט זיך געטראָגן אַ לאַנגע צייט ווייט איבער פעלד און וואַלד.

אָבער ווער האָט זיך דעמאָלט געקאָנט ריכטן, אַז בלויז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער זאָל דער שפּאָט פון די נאַיווע זינקאָווער בחורים און מיידלעך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בלוטיקערווירקלעכקייט.

דעם צאַר מיט זיין צעפוילטער אָרדענונג האָט מען טאַקע אַרונטערגעוואָרפן, אָבער די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן אַריינגעוואָרפן די וועלט אויף אַ לענגערער צייט אין אַ בלוטיקן פלאַנטער און דער גרעסטער קרבן איז ווידער געווען אונדזער יידיש פאָלק.

ישראל סאַניס, רויטבורד

אַזי זעכערמאַנס הויז

דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אין גאַס האָט פֿאַרנומען דאָס הויז פֿון אַזי משה־יוסלס זעכערמאַן. דאָס איז געווען אַ גרויס הויז מיט אַן אַריינפֿאָר און מיט וווינונגען פֿון ביידע זייטן פֿון אַריינפֿאָר און מיט אַ לאַבירינט פֿון משונה־גרויסע צימערן אויפֿן אויבערשטן עטאַזש פֿון הויז.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו דערגיין ווען און צו וועלכן צוועק אַזאַ משונהדיק הויז איז בשעתו געבויט געוואָרן. ניט קיין אכסניה איז דאָס געווען און ניט קיין דירות פֿאַר שכנים. ווידער האָט דער „עטאַזש" — אַזוי וועלן מיר רופֿן להבא דעם אייבערשטן שטאָק פֿון הויז — ניט אויסגעקוקט ווי אַ פּאַלאַץ פֿאַר אַ רייכן נגיד, אָדער פֿאַר אַ פּריץ. פֿאַר דעם קאַרגן צענדליק יאָרן, אין וועלכן מיין זיכרון איז געווען געניגנדיק רייף צו פֿאַרגעדענקען די בילדער פֿון דעם אַרומיקן לעבן איידער איך האָב פֿאַרלאָזט די שטאָט און די גאַס, האָט דער „עטאַזש" קיינמאָל ניט געהאַט קיין פּערמאַנענטע איינוווינער. די שכנהשאַפֿט האָט זיך דאָרטן פֿון מאָל צו מאָל געביטן און האָט דורכגעמאַכט פֿאַרשידענע גילגולים.

פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן פּוילישע פּריצים דאָרטן אַ צייטלאַנג געהאַט זייער קלוב, האָבן געמאַכט דאָרטן אָפּטע הוליאַנקעס מיט דער באַטייליקונג פֿון די קריסטלעכע פּני פֿון דער שטאָט. דאָרט פֿלעגט שפּילן מוזיק, מען פֿלעגט דאָרט פֿאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אין קאָרטן־שפּיל און אין שיכרות.

ווען דעם צאַר ניקאָלייס פֿעטער, ניקאָליי ניקאָליאַיעוויטש, האָט אין אָנהייב פֿון דער רוסיש־דייטשער מלחמה זיך גענומען אַרויסטרייבן די יידן פֿון די שטעט און שטעטלעך ביי דער גרענעץ אַלס „פֿאַרדעכטיקע אין שפּיאָנאַזש", האָבן אין זינקאָוו געפֿונען אַ מקום־מקלט אַ סך בעזשענצעס (פּליכטלינגען) און דער „עטאַזש" האָט אויפֿגענומען אַ גרויסן חלק פֿון זיי.

אייניקע פֿון די פּליטים־פֿאַמיליעס האָבן זיך באַזעצט אין שטאָט ווי שטענדיקע איינוווינער. דער גרעסטער טייל פֿון זיי האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין שטאָט נאָר צייטווייליק און אונדזערע זינקאָווער יידן האָבן ערלעך מקיים געווען די גוטע מידה פֿון הכנסת אורחים. זיי האָבן אויפֿגעעפֿנט פֿאַר זייערע פֿאַרוואָגלטע פֿאָלקס־ברידער זייערע אָרעמע און ניט געראָמע היימען און געהאָלפֿן זיי מיט אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט. די פּליטים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין שטאָט, האָבן געבראַכט ניט נאָר אַ נאַטירלעכן צוווּקס פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, זיי האָבן פֿיל מער אַריינגעטראָגן אַן אינטענסיווקייט און לע־

בעדיקייט אין אָרטיקן מסחר און אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זיי זענען באַלד געוואָרן אייגענע מענטשן אין שטאָט און האָבן זיך דערוואָרבן פּריינט צווישן די יידישע תושבים פון שטאָט.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען פון ערגעץ־ווו געבראַכט אין שטאָט אַ קליינע אָפּטיילונג פון געפאַנגענע זעלנער און איינגעקוואַרטירט זיי אויף דעם „עטאַזש״, וואָס איז דעמאָלט ווידער געשטאַנען ליידיק. די געפאַנגענע זענען באַ־שטאַנען פון אַ געמיש פון עסטרייכער, דייטשן און אפילו טערקן. אין די אָוונטן פלעגן זיי זיך אויסזעצן אויף די אייזערנע טרעפּ פון דעם הויז און פלעגן זינגען לידער. אומעטיק און מיט אָריענטאַלישע ניגונים זענען געווען די געזאַנגען פון די טערקישע געפאַנגענע. דער עולם אויף דער גאַס פלעגט זיך אָפּשטעלן און צוהערן, און אַפילו די טעמפּע דייטשן, וועלכע פלעגן זיך האַלטן אָפּגעזונדערט פון די טערקן, פלעגן פאַרשוויגן ווערן און צוהערן זיך צו זייערע געזאַנגען.

עס איז ניט מעגלעך אָנצוגיין מיט אַ גאַנץ געניעם כראָנאָלאָגישן סדר און פעסט־שטעלן וואָס עס האָט פריער פּאַסירט און וואָס שפּעטער. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין משך פון אַזוי פיל יאָרן — און בפרט יאָרן פון פּיין און שווערע איבערלעבענישן — זענען איינצלנע פּרטים מטושטש געוואָרן אין זיכרון. זינקאָוו האָט אין יענע יאָרן פון אומרו, פון רעוואָלוציע און קאָנטררעוואָלוציע דורכגעמאַכט פאַרשידענע אָקופּאַציעס און טייל מאָל געבליבן אפילו אין די צווישן־פּעריאָדן אויסער יעדער מלוכה־מאַכט בכלל. די דאָזיקע פּעריאָדן זענען געווען די טראַגישסטע, וואָס די שטאָט האָט איבערגעלעבט. דאָס זענען געווען טעג און נעכט פון אַנגסט און פּחד, פון הונגער און נויט און פון שווערע מגיפות. רויבער און בלוטדורשטיקע באַנדעס האָבן געבושעוועט, אָנלויפנדיק און שנעל אַרויסלויפנדיק פון שטאָט. אָבער דער אויפברויז פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס די ערשטע צייטן פון דער רעוואָלוציע האָבן מיט זיך געבראַכט, האָט ניט אויפ־געהערט ביי אַלע אומשטענדן, ניט קוקנדיק אויף דער געשפּאַנטקייט פון דער לאַגע אַרום.

און יעדעס מאָל איז דער „עטאַזש״ געווען דער עדות פון אַלע וואַנדלונגען און איבערקערענישן: אָט זענען געקומען די עסטרייכער און האָבן פאַרנומען דעם „עטאַזש״ פאַר זייערע אָפּיצערן, און אָט זענען ווידער געקומען די פּאָליאַקן און האָבן אים אָקו־פּירט פאַר זייערע אָפּיצערן. אגב, ווען די פּאָליאַקן האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין זינקאָוו, האָב איך אויף דער וואָר געזען און געפילט, וואָס הייסט איזדיעקעווען זיך איבער יידן. אַזאַ עפּיזאָד איז פאָרגעקומען אום פּסח. גייענדיק אין גאַס דעם ערשטן טאָג פּסח אין דער פרי האָב איך געזען ווי אַ גרופּע פּוילישע זעלנער האָט אַרומגערינגלט עטלעכע יידן מיט בערד. זיי אַריינגעשטופּט בעזעמער אין די הענט אַריין און באַפוילן טאַנצנדיק צו קערן די גאַס, און דערווייל זיך געטשעפּעט מיט זייערע בערד, געצופּט, געפּליקט מיט חוזק און שפּאָט. צוקוקנדיק דאָס, האָב איך דערפילט דעם מצב פון שרעקלעכער אָנמאַכט און הילפלאָזיקייט, אין וועלכן דער יידישער ישוב האָט זיך געפונען. איך האָב מיט אַלע חושים געשפּירט, וואָס עס באַטייט אַ פאַראַליזירטער צאָרן פון שוואַכע און די ניט ווילנדיק איינגעהאַלטענע און דערשטיקטע אויפגעברויזטע שנאה און פאַראַכטונג צו דער חיה אין מונדיר און מיט דער ביקס און צו די נידעריקע ברואים, וואָס זענען, לײַדער, נאָך אַזוי פיל אין צאָל.

טראַכטנדיק, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ קליין שפּילעכל אין פאַרגלייך מיט דעם

וואָס עס האָט פּאַסירט מיט 25 יאָר שפּעטער, איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי די דאָזיקע חיהשע שנאה און פאַראַכטונג קאָן מיט אַמאָל אָפּגעווישט ווערן און ווי מען קאָן פאַרלאַנגען פון אונדזער פאָלק, דעם קאָלעקטיוון קרבן פון די שרעקלעכסטע פאַר־ברעכנס, אַז ער זאָל באַפרייען פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט זיינע נעכטיקע מאַסן־מערדער און לאָזן אומבאַשטראָפט זייערע פאַרברעכנס.

אין דער אַרומיקער פינצטערניש, וואָס האָט אין יענער צייט פאַרשפּרייט אירע פליגל איבער אונדזער שטאָט, האָבן זיך אינצווישן אַרויסגעשלאָגן אויך העלע שטראַלן פון ליכט און פריידיקן אָנזאָג: זעכערמאַנס הויז און דער „עטאַזש" האָבן געפונען זייער תיקון ווען זיי זענען איבערגענומען געוואָרן דורך דער ציוניסטישער יוגנט און זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער פון קולטורעלער און ציוניסטישער טעטיקייט אין שטאָט. די גרויסע צימערן פון „עטאַזש" זענען איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קלאַסן־צימערן. אויף בענק, וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין דער לענג פון לאַנגע טישן, האָבן זיך אויסגעזעצט פלייסיקע תלמידים. מען האָט געלערנט לייענען און שרייבן העברעאיש און יידיש, און עס האָבן זיך געפונען גענוג בעלנים צום לערנען. עס האָבן געפעלט לערנביכער. עס איז געווען אַ גרויסער דוחק אין פּעדאַגאָגן, אָבער ניט קוקנדיק אויף אַלץ, איז דאָס לערנען אָנגעגאַנגען מיט אַ שנעלן טעמפּ. די וואָס האָבן שוין אַ ביסל געקענט לערנען האָבן זיך געטיילט מיט זייערע ידיעות מיט די, וואָס האָבן געקענט ווייניקער פון זיי. לערער, וועלכע זענען פון ערגעץ־ווו אַראָפּגעקומען קיין זינקאָוו, ווי די לערער שטיינבערג און פרידמאַן, האָבן געבראַכט זייער גוטן ביישטייער פאַר דער אויפקלערונג און בילדונג אין שטאָט. אויך סטודענטן, וועלכע זענען פון ערגעץ־ווו דער־שינען, האָבן זיך אָנגעהויבן באַטייליקן אין היגן קולטור־לעבן און זענען דערהויפּט



דראַמאַטישע אַמאַטאָרן־גרופּע אין זינקאָוו

אַרויסגעטראָטן אויף פּאָליטישע פּאַרזאַמלונגען. פון דער פּלאַטפאָרמע וואָס אין דער „פּאַזשאַרנע״, האָבן זיך געלאָזט הערן פלאַמיקע הייסע וויכוחים, וועלכע האָבן זיך געפירט אין אַ פולגעפּאַקטן זאַל פאַר אַן אויפגעברויזטן עולם צווישן רעדנער פון די ציוניסטן און פון דעם „בונד״. פאַר ענגשאַפט האָט מען קיין שפּילקע ניט געקאָנט אַריינוואַרפן אין זאַל. אָבער אויף דעם אייבערשטן „עטאַזש״ פון זעכערמאַנס הויז האָט געהערשט אַ גאַנץ אַנדערע אַטמאָספער. דאָרטן האָט מען געלערנט. דאָרטן האָבן חלוצים געמאַכט זייערע איבונגען און געזונגען לידער. אַמאָטאָרן האָבן דאָרט צוגעגרייט טעאַטער־פאָרשטעלונגען און אַ כאָר האָט זיך דאָרטן געגרייט צו קאָנצערטן. דער קאָנצערט־מייסטער איז געווען אַ סטודענט פון דער אָדעסער קאָנסערוואַטאָריע, וועלכער האָט פאַרלאָזן אָדעס מחמת דעם הונגער, וואָס האָט דאָרט געהערשט. ער האָט געהאַט צוויי מעלות: ער איז געווען אַ קאַמאַשנמאַכער און איז געווען אַ פידל־שפּילער. האָט ער נאָר אַ שפּיל געטאָן אויף זיין פידל, איז באַלד אויסגעוואַקסן אַן עולם צוהערער, און גע־שפּילט האָט ער אַזוי, אַז זיין נגינה איז זיך צעגאַנגען אין אַלע איברים. ער האָט אָפּגע־געבן זיך פלייסיק מיט אָרגאַניזירן אַ כאָר און האָט אויף אַ מערקווירדיקן אופן איינגע־זונגען מיט גרופּעס יינגלעך, מיידלעך און אפילו קינדער פון 10—14 יאָר ווונדערבאַרע מעלאָדיעס. זיין רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון אַזעלכע לידער ווי „קענסטו דאָס לאַנד ווו אתרוגים בליען און ציגן עסן באָקסערן ווי גראָז״, די „התקווה״ און פאַרשידענע וואַריאַציעס פון קלאַנגען מיט אַ דועט. און אַ פּרעלודיע; אַ שבת־מאָטיוו „החמה מראשי־האילנות הסתלקה״; אַ נאַטור־מאָטיוו „חלפה, חלפה עת הסתיו ואל ארצנו אביב שב״ און אַנדערע מעלאָדיעס.

ביי זינקאָווער מענטשן, וועלכע האָבן אין יענער צייט אָנטייל גענומען אין כאָר ליגן נאָך אין זיכרון די מעלאָדיעס פון יענע לידער און זיי ברומען זיי פון צייט צו צייט אונ־טער מיט אַ נאָסטאַלגישער בענקשאַפט, און ווען זיי קומען זיך צונויף, זינגט מען צוזאַמען די אויסגעבענקטע לידער און מען דערמאָנט זיך אין יענער צייט פון קולטורעלער אויפלעבונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ניט קוקנדיק אויף דער אומרואיקייט, וואָס האָט געהערשט אַרום.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז דער צענטער און די הויפּט־קוואַרטיר פון אַלע טעטיקייטן געווען דאָס הויז פון אַזוי זעכערמאַן. אָבער די קולטור־אַרבעט האָט זיך ניט באַגרענעצט מיטן „עטאַזש״ אַליין. זי האָט זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. צוויי גרופּעס חלוצים האָבן זיך געהאַט געגרייט פאָרן קיין ארץ־ישראל און זייער עובדה האָט זיך געלאָזט פילן אין דער גאַנצער שטאָט. אויף דער גאַס און אויף זייערע שפּאַצירן האָט מען זיי תמיד געזען גיין צוזאַמען גרופּנווייז. זיי האָבן געזוכט אַרבעט, און וואָס פאַר אַן אַרבעט איז דעמאָלט געווען אין שטאָט סיידן צו האַקן אַ פורל האָלץ, האָט מען געהאַקט האָלץ. לעבן שלמה העלמאַנס שטוב אין עק שטאָט איז געווען אַ ליידיקער פּלאַץ פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז און אַרומגענומען מיט אַ הויכן פּאַרקן. חברה, וואָס האָבן זיך געגרייט צו חלוצישער אַרבעט אין ארץ־ישראל, האָבן זיך דערוויייל פאַרנומען מיט דער אַזוי גערופענער הכשרה און האָבן געקראָגן די דערלויבעניש צו מאַכן אויף יענעם פּלאַץ אַ גאָרטן. זיי האָבן זיך גענומען פלייסיק צו דער אַרבעט. זיי האָבן אויס־גערייניקט דעם פּלאַץ, צעאַקערט די ערד מיט טעמפּע גראַבאייזנס און פאַרזעצט אויף אים אַ גאָרטן. מען האָט געבראַכט פון דער היים וועך אַ ביסל קאַרטאָפל, וועך עטלעכע

ציבעלעס און קנאָבל, אַ ביסל קוקורוזע־קערנער און אוגערקעס־זריעה האָט מען אויך פון ערגעץ געקראָגן. קיינער פון די פּלייסיקע חלוצים האָט ניט געקענט די מלאכה פון גערטנעריי און עס איז אויך ניט געווען ווער עס זאָל זיי לערנען, אָבער מען האָט געאַר־בעט מיט ליבשאַפט און מיט ענטוזיאַזם און מען האָט דערגרייכט געוויסע רעזולטאַטן. אויפן פּלאַץ האָט מען אויסגעגראָבן אַ גרויסע „זעמליאַנקע", ווו מען האָט געקאָנט האַלטן זאַכן און כלים און אויך זיך אויסבאַהאַלטן פאַר אַ רעגן און אפילו איבערנעכטיקן אַ נאַכט. מען האָט געהיט די יונגע פּלאַנצונגען פון די ציגן, וואָס האָבן געהאַט גרויס חשק כאַטש צו פאַרזוכן פון דער חלוצישער פּראַצע. צוויי זומערן האָט דער גאָרטן עקזיס־טירט. די גוטע אוקראַינישע שוואַרצערד האָט געגעבן אַ גוטע גערעטעניש און עס איז געווען געווען גענוג גרינס אויף צו טיילן אַן געלט יעדערן וואָס איז נאָר געקומען נעמען, און מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז דער גאָרטן האָט געגעבן אַ גוטע הילף פאַר דער דערנערונג פון די אָרטיקע אָרעמע און ניט נאָר אָרעמע פאַמיליעס פון שטאָט.



אגודת „הזמיר" בזינקוב. באמצע — המנצח זיגרמן

צום סוף פון צווייטן זומער האָט דאָרטן שיעור ניט פּאַסירט אַן אומגליק. איינער פון די כוליגאַנישע באַנדעס, וועלכע האָבן געבושעוועט אין דער געגנט, האָט זיך פאַר־גלוסט אַריינצושיסן אַ באָמבע אין שטאָט אַריין. די באָמבע האָט געטראָפן גראָד אין גאָרטן אַריין, נאָר צום גליק האָט זי ניט אויפגעריסן און קיינער איז פון איר ניט באַ־שעדיקט געוואָרן. צוליב די אומרוען איז אָבער דער גאָרטן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט יענע פריידיקע און פּראָדוקטיווע אַרבעט, אין וועלכער מען האָט געפילט דעם געזונטן טעם פון ערדאַרבעט, צו וועלכער די יוגנט האָט געשטרעבט. עס איז צום באַדויערן געוואָרן אויס מיט דער „הכשרה", הגם מען האָט נאָך דעמאָלט דאָס וואָרט נישט געהאַט באַנוצט.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען נאָך אַן אונטערנעמונג פון יענער צייט — די אַזוי גערופענע „פּלאַנטאַציעס" פון טאַבאַק. דאָס איז געווען די צייט, ווען עס איז אויסגע־בראָכן ממש אַן עפּידעמיע פון פּלאַנטאַציעס. ווו עס איז נאָר געווען אַ שטיקל ליידיקער פּלאַץ איז אויסגעוואַקסן אַ טאַבאַק־פּלאַנטאַציע. אויסער דער שטאָט זענען פּלוצלונג

אויפגעקומען גרויסע גערטנער מיט פאַרפלאַנצטן טאַבאַק. חברה חלוצים האָבן זיך באַלד אָנגעבאָטן אויף אַרבעט, און מען האָט „געהרגעט טאַטינדלעך". מען האָט נאָך אמת ניט געקאָנט און ניט געוווּסט ווי אומצוגיין זיך מיט דער סאָכע און אָנשטאָט אונטערצושאַרן די איידעלע פלאַנצן האָט מען זיי גאַנץ אָפט איבערגעהאַקט. און ווען דאָס האָט איינעם פּאַסירט האָט דאָס אַרויסגערופן אַ פאַדרוס און אַ געשריי — „געהרגעט אַ טאַטינדל" — און דאָס וואָרט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שפּריכוואָרט, וואָס עס געדענקען נאָך אַ סך זינקאָווער פון אונדזער דור.



אַ גרופּע זינקאָווער עמיגראַנטן אויפן וועג קיין אַמעריקע

פון דעם „עטאַזש" אַרויס איז אויך אָרגאַניזירט און קאָאָרדינירט געוואָרן די פּאָליטישע אַרבעט אין שטאָט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און די וואַלן גופא. עס זענען אויך פאָרגעקומען די ערשטע וואַלן פון אַן אָרטיקער שטאָט־פאַרוואַלטונג. די קאַמפּאַניע פאַר די וואַלן איז געווען אַ לעבהאַפטע און אַ היציקע. יעדע גרופּע און פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט איר צעטל קאַנדידאַטן. משה דעם סטאַראָסטעס האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ דרוק־מאַשין. דאָס איז געווען, גלייב איך, די ערשטע דרוקעריי אין זינקאָוו. האָט ער באַלד געקריגן גענוג אַרבעט. ער האָט געדרוקט פלוגבלעטלעך און אויפרופן. עס איז געוואָרן לעבעדיק און פריילעך אַרום זיין דרוקעריי. דאָס ראָד פון דער דרוק־מאַשין, וואָס מען האָט געדרייט מיט דער האַנט, האָט ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן.

די אויסגעקליבענע שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אָבער געהאַט,ליידער, נאָר עטלעכע שטורמישע זיצונגען און זי האָט ניט פאַרמאָגט ווייטער צו פונקציאָנירן. די אומרוען פון די פּעטליורע־באַנדעס און פון אַנדערע האָבן רואינירט דעם גאַנג פון נאָרמאַלן לעבן און האָבן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער פאַרגרעסערט דעם פּחד און די אימה פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

די יוגנט האָט ערנסט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן תכלית און פיל האָבן באַשלאָסן, אפילו מיט דער הסכמה פון די עלטערן, צו לאָזן זיך אין וועג אַריין און דער עיקר — קיין ארץ־ישראל (דעמאָלט פּאַלעסטינע).

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז ביי דער פאַרצווייגטער און לעבהאַפטער אַרבעט פון די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען און קרייזן אין שטאָט אין יענער צייט האָבן זיי אַלע (אַחוץ אפּש רדער „בונד") ניט געהאַט קיין געקרוינטע פירער. עס זענען געווען גענוג אַקטיווע טוער, אָבער קיינער האָט ניט געגעבן קיין באַפעלן און קיינער איז ניט געווען אונטערגעוואָרפן דעם אַנדערן.

עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויסשיילן מיט אַ גענויער קלאָר־קייט פאַרשידענע אידעאָלאָגישע גרופּירונגען. די חלוצים־גרופּע האָט זיך געשטעלט פאַר איר אידעאַל די פּראָדוקטיווע אַרבעט און די „פּראָלעטאַריזאַציע". זיי האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון באַשעפטיקונג מיט מסחר. קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפט איז געווען זייער אידעאַל און סאָציאַליזם — זייער ענדציל.



משפּחה פון זוסיא און באַבע סגל אין יאָר 1926

די שטאָטישע בעלי־בתים, וועלכע האָבן זיך שוין בשעת די וואַלן געהאַט אָפּגע־טיילט מיט אַ באַזונדער צעטל, האָבן ראשית אין זינען געהאַט, אַז די פירערשאַפט פון דער שטאָט זאָל אויך אויף להבא בלייבן אין זייערע הענט און זיי האָבן געקוקט קרום אויף די קינדער, וואָס ווילן זיי פאַרלאָזן.

די טעטיקייט פון אָרטיקן „בונד" איז געווען קאָנצענטרירט אַרום די וואַלן און זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי זענען די אמתע מחותנים מיט דער רעוואָלוציע און זיי זענען די וואָרטזאָגער פון היגן פּראָלעטאַריאַט אין קעגנזאַץ צו די בעלי־בתים. אָבער קיין פּראָלעטאַריער אין פולן זין פון וואָרט זענען ביי אונדז אין שטאָט ניט געווען. עס זענען געווען בלויז בעלי-מלאכות, האַנטווערקער, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר זיך און אַ

טייל פון זיי זענען געווען אַפילו אַרבעטסגעבער בעלי־בתּים פון עטלעכע געזעלן. אידעאָלאָגיש זענען זיי געשטאַנען שאַרף קעגן די ציוניסטן, האָבן אָבער ווייניקסטנס אין אונדזער שטאָט ניט פאָרמולירט קיין ווײַטגייענדיקע פּראָגראַמען.

מען קאָן ניט פאַרענדיקן דעם קאַפּיטל וועגן זינקאָווער געזעלשאַפטלעכן לעבן קורץ נאָך דער רעוואָלוציע ניט דערמאָנענדיק איין שיינעם טאָג, וולכן מיר האָבן אין יענער צייט געהאַט איבערגעלעבט — דאָס איז געווען די פייערונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פון סאַן־רעמאָ. די אָרגאַניזירונג פון דער פייערונג און אַלע צוגרייטונגען צו איר זענען אויך געמאַכט געוואָרן אינעװייניק אויפן „עטאַזש״, וועלכער האָט זוכה געווען, אַז פאַרביי אים זאָל דורכמאַרשירן פייערלעך דער גרויסער עולם און אַז פון זיין באַלקאָן, וואָס קוקט אַרויס אויף דער גאַס, זאָלן זיך אויסשטעלן צווישן פלאַטערנדיקע בלאָ־ווייסע פענער אַלע אָנגעזעענע מענטשן פון דער באַוועגונג, לערער און טוער. זייערע אלעמענס פּנימער האָבן אויפגעלויכטן גלייך ווי די גאולה איז שוין באמת געקומען און אַלע צרות האָבן זיך געענדיקט. די יוגנט, וואָס האָט זיך דעמאָלט באטייליקט אין דעם מאַסן־מאַרש, האָט זיכער געפילט, אַז באַלד קומט די צייט, ווען אויף „אָדלער־פליגלען״ וועט מען איבערפליען אין יענעם לאַנד, איבער וועלכן מען האָט געזונגען אַזעלכע שיינע לידער און געוועבט וווּנדערלעכע חלומות אויף דער וואָר.

עס געדענקט זיך גוט ווי עס איז דורכגעפירט געוואָרן די פייערונג: אַ צענדליק יוגנטלעכע מיט נחום ישפה אַלס אָנפירער אין דער שפּיץ האָבן זיך אַװעקגעלאָזט אַ פּאָר טעג פאַר דער פייערונג גאַנץ פרי אין וואַלד אריין. דער וואַלד, וועלכער האָט זיך געפונען אויפן וועג צו די דערפער ריווענטשקא און בעבעך, איז געווען בערך ווייט אַ האַלבן קילאָמעטער פון שטאָט. געגאַנגען אַהין איז מען מיט אַ שמאָלן וועג און מיט אַ סטעזשקע צווישן די פעלדער. מען איז געגאַנגען און געזונגען. אַ ליבער זומר־טאָג איז זיי געקומען אַנטקעגן. די זאַנגען אויף די פעלדער האָבן געגריסט די פריילעכע חברה, וועלכע האָבן מאַרשירט אויפגעפלאַמטע מיט צעשפּילעטע העמדער. ווען מען איז אָנגעקומען אין וואַלד אריין איז שטיל געוואָרן אויס מורא פאַר דעם וואַלד־וועכטער, וועלכער האָט געקאָנט זיי אָנטאָן רשעות פאַר דעם שטיקל אַרבעט, וועלכע זיי האָבן זיך געקליבן צו טאָן. זיי זענען אַפילו עלול געווען צו קריגן שמיץ. פאַר סתּם שקצים האָט חברה ניט מורא געהאַט. טאָמער וואָלט דאָ געקומען צו א געשלעג, איז דאָך דאָ נחום, וועלכער איז בכלל ניט געווען קיין שוואַך ייִנגל און האָט געקאָנט דערלאַנגען דעם ריכטיקן קלאַפּ. אויך די איבעריקע וואָלטן ניט געשוויגן.


שטיל און פאָרזיכטיק האָט זיך חברה גענומען צו די יונגע בוימלעך. אַ בייג געטאָן אַ יונג ביימל ביז צו דער ערד. די קאָרע פון ביימל האָט אַ פּלאַץ געטאָן, און דאָס איבעריקע האָט מען מיט קליינע מעסערלעך דורכגעמאכט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען געמאַכט אַ ויברח און גענומען מאַרשירן אַרויס פון וואַלד מיט די אָנגע־בראָכענע בוימלעך אין די הענט און מיטן פעלד גענומען גיין צוריק אין שטאָט אַריין. די בוימלעך האָט מען אויפגעפלאָכטן אין קרענץ און אַװעקגעטראָגן אין דער ווייבערשער שול ארויף און צווישן די אויסשניטן, וואָס זענען געווען אין די ווענט, ווי ברייטע פענצטער, האָט מען אויסגעהאָנגען די קרענץ און אַזוי דעקאָרירט די גאַנצע שול. זינט די שול איז געשטאַנען האָבן אירע ווענט אַזאַ דעקאָראַציע ניט געהאַט. נחום ישפה איז געווען אַ נאַטירלעכער קינסטלער־דעקאָראַטאָר. ער פלעגט מאָלן גאַנץ שיינע בילדער

און האָט פאַרמאָגט אַ קינסטלערישן חוש. אַ חוץ די קרענץ פון יונגע בוימלעך זענען פון זיין האַנט אויסגעוואַקסן פאַרשיידענע באַפּוצונגען אויפן בעלעמער און אויף דער מנורה.

נחום האָט אויך צוגעגרייט אַן אָפּטיילונג פון חברה אין קאָסטיומען אין ווייס־בלאָע היטעלעך און האָט זיי אויסגעמושטירט. אין דעם באַשטימטן טאָג איז מען זיך צונויפגעקומען אין גאס ביי אַזי זעכערמאַנס הויז. די עריי־וואַד אין די קאָסטיומען האָט זיך אויסגעשטעלט מיט פענער און פלאַקאַטן. אויפן באַלקאָן פון דעם „עטאַזש" זענען געשטאַנען אַלע חשובע אָנפירער. אַן עולם האָט זיך פאַרזאַמלט און דער מאַרש איז אַוועק צו דער שול. קומענדיק אין שול האָבן זיך די מאַרשירנדיקע מיט די פענער אויסגעשטעלט אַרום דעם בעלעמער און אויף אייבן זענען אַרומגעגאַנגען די רעדנער. די שול איז געווען גענוג גרויס און זי איז געוואָרן פול געפּאַקט פון עולם. די גאַנצע שטאָט איז אַהין געקומען.

אַזוי האָט זינקאָוו אויפגענומען די ערשטע בשורה, אַז אין פּאַלעסטינע וועט געשאַפן ווערן אַ יידיש היימלאַנד און האָפנטלעך אַ יידישע מדינה.

אין יאָר 1918 און אפשר ערשט אין יאָר 1919 האָבן זיך פון זינקאָוו אַרויסגעלאָזט צוויי גרופּן חלוצים. זיי זענען אַרויס פון שטאָט אָן געלט און אָן פּאַספּאָרטן אָדער דערלויבענישן און האָבן זיך געלאָזט אויף גאָטס באַראָט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן געשוואַרצט די גרענעץ קיין גאַליציע און האָבן זיך דערשלאָגן פון דאָרטן קיין ווין און פון דאָרטן זענען זיי טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין ארץ־ישראל דורך די אַנשטאַלטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.



קבוצת זינקובאים בחיפה בשנת 1922—1923: ברל סליטרניק, מונע אורבוך, פישל זאלצמאַן, פינע אוורבוך, שיעיה שטיינבאַס, שלמה גולדנברג, שמאי שור, מנדל ווייסמאַן, אבא נסיס, מינץ, אליעזר שוואַרצמאַן ואשתו, יצחק פיידרמאַן, דוד פוקס

די ערשטע גרופע חלוצים איז באשטאַנען פון די חברים:

נחום ישפה
יצחק פרענקעל
בתיה שטערנטאל
בערל סאליטערניק
מונע אווערבוך
אברהם שענקעלמאן
ישראל שווארצמאן
יונה זאיאנטשיק
מענדל קורצמאן
משה זאלצמאן
פישל זאלצמאן
דוד פעלדמאן
יצחק פעדער
חיקה פרענקעל
ישראל וועקסלמאן

מיט דער צווייטער גרופע האָבן עולה געווען:

מענדל ווייסמאן
דוד פוקס
שלמה גאלדבערג
שמאי שור
ראובן רוזנטל
וועלוול נעסים
האבע נעסים
אהרקע נעסים
יונה זאיאנטשיק
בוניע פעדער
פיניע אווערבאך
אליעזר שווארצמאן
רחל ראפאפארט
פעסיע פייערמאן
שמואל דעם רבס, קארין

גאנצע פאמיליעס פון שטאָט האָבן נאָכגעפאָלגט די חלוצים־גרופּן און האָבן עמיגרירט דאן קיין ארץ־ישראל. דאָס זענען געווען:

די פאמיליע בלינדער
דער לערער פרידמאן
די פאמיליע זאלצמאן
די פאמיליע פון אהרקע שענקעלמאן
שמעון סאליטערניק מיט זיין פרוי
די גאנצע פאמיליע סאליטערניק (שמעונס פאָטער)
אהרקע פרענקעל מיט דער פרוי און פאמיליע
די ברידער ווערצמאן
חייקע יוסף־לאזערס (קצב)
די ישפה־פאמיליע
נחום כץ

די איבעריקע, וועלכע איך האָב גיט פאַרגעדענקט נאָך די פיל יאָרן אָדער וועלכע איך האָב ניט געקאָנט וועלן מיר זיכער מוחל זיין.

די מערסטע פון די דערמאָנטע זענען איצט גוטע איינגעזעסענע בירגער פון ישראל מיט פאַרצווייגטע פאַמיליעס, און נאָר א קליינער טייל האָט צוליב פארשיידענע אומ־שטענדן און סיבות פאַרלאָזט שפּעטער ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין אַמעריקע. אייניקע פון די זענען אין ארץ־ישראל קראַנק געוואָרן און זענען יונגערהייט געשטאָרבן. ערע זייער אָנדענקען!

די קינדער פון אונדזערע ישראלים און אויך די פּאַטערס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד בעת ישראל איז געוואָרן זעלבשטענדיק און די אַראַבער זענען זיי באַפאַלן. זיי האָבן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פאָלקס־ברידער און בירגער געבראַכט זייערע קרבנות פאַרן לאַנד אַלס פאַרוווּנדעטע, און נחום ישפה האָט פאַרלוירן אין דעם באַפרייאונגס־קריג זיין איינציקן געראָטענעם זון, אַ יונגן בחור פון זיבעצן יאָר. אייניקע פון אונדזערע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן באַזוכט ישראל און זענען געקומען זען זיך מיט נחומען, האָבן געפונען אין זיין הויז אַ ספּעציעלן ווינקל צום אָנדענק פון דעם געפאַלענעם געליבטן זון. צו זיי זכר איז דאָרטן אויסגעשטעלט געוואָרן זיין ביקס, זיין העלמעט און אַנדערע חפצים, וואָס זענען געבליבן נאָך אים. כבוד צו זיין העלדישקייט, צו דעם הייליקן קרבן, וועלכן ער האָט געבראַכט פאַרטיידי־קנדיק דעם כבוד פון זיין פאָלק און די עקזיסטענץ פון דער ישראל־מדינה.*

* ראה אזכרות: יחיאל דוד ישפה.

משה גרינמאַן

זינקאָוו אין די יאָרן פון רעוואָלוציע און בירגער־קריג (1921—1917)

די יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען אויסערגעוויינלעך שווערע יאָרן, וואָס לאָזן זיך ניט פאַרגעסן. דאָס זענען געווען יאָרן פון רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע, יאָרן פון שחיטות אויף יידן, ווי די שחיטה אין פראָסקוראָוו, אין פילשטין און אויך אין קלענערע שטעט אין דער גאַנצער געגנט פון יידישן תחום־המושב. דאָס זענען פאַריינס געווען יאָרן פון הונגער, עפּידעמיעס (טיפוס און סקאַר־



משה גרינמאַן

לאַטינע), יאָרן, אין וועלכע יידיש לעבן איז געווען בכלל הפקר, יידישע פרויען זענען געוואָרן געשענדעט און געפייניקט און יידיש פאַרמעגן צעראַבירט.

דאָס אַלץ זענען פאַקטן, וועלכע מיר זינקאָווער, וואָס האָבן דאָס געהאַט איבער־געלעבט, קאָנען מיר נאָר מיט ווייטאָק דערמאָנען און איבערדערציילן פון דור צו דור מיט אַלע איינצלהייטן.

איך וועל פּרובירן פאַרצייכענען אַ ביסל זכרונות פון יענער צייט.

עס איז שווער צו שילדערן ווי די זינקאָווער יידן איז אויסגעקומען צו מאַנעווורירן צווישן די פאַרשידענע „וולאַסטיען" (מאכטן), וועלכע האָבן זיך געביטן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, כדי צו ראַטעווען זיך פון לעבנס־געפאַרן, וועלכע האָבן געלויערט אויף

זיי כמעט יעדן טאָג. באַוואָפנטע באַנדעס, אויסגעשטאַטע מיט אַמוניציע מצד דער אויסער־לעכער וועלט און אויך מיט וואָפן, וועלכע די סאָלדאַטן האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך בעת די אַרמיי פון צאַרישן רוסלאַנד איז זיך צעפאַלן, — האָבן זיי געמאַכט איין איבערפאַל נאָך דעם צווייטן אויך איבער אונדזער שטאָט. געהייסן האָט עס, אַז די אַלע נייע מאַכטן זענען נאָר אויסן צו דערשטיקן און צו דערטרינקען אין בלוט די רעוואָלוציע און אויסצוראָטן די „יידישע באָלשעוויקעס". זיי האָבן זיך אָבער פאַרנומען בלויז מיט רויבן און מאָרדן און טעראָריזירן אין זייער שיכורדיקער פאַרזויפטקייט די ציווילע באַפעלקערונג, אָבער ניט איינפירן וועלכע ניט איז אָרדענונג אָדער אַ רעזשים פון נאָרמאַלן לעבן און אַרבעט.



פאַמיליע אברהמקע נעסיס, זון פון נטע בעלהוס מיט זיין פרוי און קינדער

און ווען איין רעזשים האָט זיך שוין איינגעגעבן צו באַפעסטיקן ביי אונדז אין שטאָט אויף אַ לענגערן שטיקל צייט, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער גרויסער אומגליק פאַר די זינקאָווער יידן. אין די הענט פון דעם קאָמענדאַנט און זיינע „אַפּהיטער פון אָרדענונג", די אומדיסציפּלינירטע הפקר־מענטשן און באַנדיטן, איז געלעגן דער גורל פון לעבן און טויט און פון דעם ביסל פאַרמעגן פון אונדזערע זינקאָווער פאַלקס־ברידער און שוועסטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון פאָדערונגען און אולטימאַ־טומס. דערביי איז דער אַפּעטיט פון דעם קאָמענדאַנט אָדער אָטאַמאַן אַלץ ווייטער געוואַקסן נאָך יעדן אויסקויפן זיך. ווען מען האָט שוין צייט געהאַט אויסצופירן טיילוויז זייערע פריערדיקע פאָדערונגען, האָבן זיי ווידער פאַרלאַנגט שפּייז פאַר די סאָלדאַטן, שפּייז פאַר די פערד, שטיוול, שטאָפן, ועל כולם — ספּעציעלע געלט־סומעס און אַנדערע זאַכן פאַרן קאָמענדאַנט אַליין בכבודו ובעצמו.

כדי צו פאַרהאַנדלען מיט די באַנדעס און מיט זייערע פירער האָבן זיך געפּאָדערט מענטשן מיט קוראַזש און מיט שטאַרקע נערוון, מיט אָפּפערוויליקייט און גרייטקייט אויף אַלעמען. עס האָט זיך אויך געפּאָדערט אָפּפערוויליקייט מצד די שטאָטישע מענטשן און גרייטקייט אַרויסצוווייזן אַ פולע פאַרטרויטקייט צו די עסקנים, וואָס זענען געגאַנגען אויף דער געפערלעכער שליחות. עס האָבן זיך געפּאָדערט מענטשן, וואָס זאָלן האָבן גענוג מוט צו גיין אין דעם גוב־האריות, אין דעם לייבן־גרוב, זיך דינגען מיט די באַנדיטן, אַמפּערן זיך מיט זיי, כדי אָפּצוווענדן די שווערע גזירות, ווייל נאָכגעבן אַלע פאָדערונגען איז געווען ממש אוממעגלעך.

אין די דאָזיקע שליחותן האָבן זיך אַממערסטן באַטייליקט מאָטי פייערמאַן, — וועלכער איז, אַגב, צוזאַמען מיט זיין שוואָגער דערהרגעט געוואָרן אויפן וועג פון דעראַזנע קיין זינקאָוו שוין נאָענט צו דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אָפּצופאָרן דורך גאַליציע קיין ווין און זיין פרוי און קינד זענען שוין געווען אויף יענער זייט גרענעץ ביי לעמבערג. ישראל איינקויפער, מיין פאָטער ע״ה — דער צאָן־דאָקטאָר גוסאַקאָוו, דער אַדוואָקאַט אוסטראַוניק, טראַכ־טענבערג און דער קריסט מארקיוווסקי, וועלכער האָט געוווינט אין שטאָט און האָט געלעבט גוט מיט זיינע יידישע שכנים.

דער „הויפּט־שטאַב״, פון וועלכן די שלוחים צום קאָמענדאַנט פלעגן געשיקט ווערן און ווו עס פלעגן פאָרקומען די הויפּט־באַראַטונגען, איז געווען ביים רבין רבי משהלען ז״ל אין הויז מיט דער באַטייליקונג פון רבין ר׳ משהלען אַליין, וועלכער איז געווען אַ זייער ליבעראַלער מענטש און אַן אמתער מנהיג פון דער עדה. ער איז געווען באַליבט פון אַלעמען אין שטאָט און זיין הויז איז געווען אָפן פאַר יעדערן, פאַר בעלי־בתים, בעלי־מלאכות, סטודענטן און יוגנטלעכע בכלל. אין די באַראַטונגען פלעגן אָנטיילנעמען חיים רויזעס, אַרקע שענקעלמאַן, סאַני אַלתר סאַניס, איציק בינעמס, יחיאל ישפה, יהושוע פייערשטיין, בוכהאַלטער פוקעלמאַן, דער סטאַראָסטע בערל קובריק און נאָך אַנדערע, די נעמען פון וועלכע עס איז מיר נאָך אַזאַ לאַנגער צייט שווער צו פאַרגעדענקען. עס פלעגן פאָרקומען באַראַטונגען אויך ביים צאָן־דאָקטאָר גוסאַקאָוון אין הויז.

וואָס די דעלעגאַציעס האָבן געהאַט אויסצושטיין איז ניט מעגלעך אויסצודערציילן. איין זאַך איז זיכער: זינקאָוו האָט אין יענער צייט נאָך אָפּגעשניטן ניט שלעכט. די קרבנות זענען, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שטעטלעך, געווען בערך קליין און די „דעלעגאַציעס״ האָבן ניט איין מאָל געראַטעוועט אונדזער שטעטל פון אַ מאַסן־שחיטה.

צייטנווייז האָט ביי אונדז פונקציאָנירט אויך אַן אויסגעווילטער קאָמיטעט אָדער אַ שטאָט־ראַט. אין דעם ראַט האָבן זיך באַטייליקט אויסדערוויילטע פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — קרעמער, בעלי־מלאכות, סוחרים און אַרבעטער. די פאָרשטייער פון די בעלי־מלאכות זענען געווען שמואל־ליפּע, אידל קאָוואַל, אַבראַ־מאָוויטש, וועלכער איז געווען אויך דער אָנפירער פון „בונד״, לוי סטאָלער און דער דענטיסט גוסאַקאָוו, וואָס האָט זיך אידענטיפיצירט מיט די אַזוי גערופענע „לינקע״ עלעמענטן אין שטעטל און איז געווען זייער וואָרטזאָגער, רעדנער און פאַרטרעטער. בכלל זענען ניט באַשטאַנען קיין חילוקי־דעות און קיין געוואַלטיקע קעגנזעצלעכע אינטערעסן אין דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג. די סוחרים און קרעמער, אַ חוץ

עטלעכע איינצלנע אויסנאַמען, די בעלי־מלאכות און גזעלן — זענען אַלע געווען די זעלביקע קבצנים, ווער מער און ווער ווייניקער און קיין גוואַלדאָוונע קלאַסן־קאָנפליקטן האָבן ניט עקזיסטירט.

נאָך אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך געשאַפן אין שטאָט אַ גרויסע נויט. מער פון אַלעמען האָבן געליטן נויט די פרויען און קינדער פון די מאָביליזירטע סאָלדאַטן און אויך די פרויען, וואָס זייערע מענער זענען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע פאַר דער מלחמה און זענען געבליבן אָפּגעריסן צוליב דער מלחמה פון זייערע פאַמיליעס און ניט געקאָנט זיי שיקן קיין געלט צום לעבן. עס איז געשאַפן געוואָרן אין שטאָט אַ קאָמיטעט פאַר הילף. יעדע וואָך פלעגן זיך אַרויסלאָזן איבערן שטאָט פאַרלעך מיט אַ רשימה פון די, וואָס האָבן זיך באַשטייערט צו וועכנטלעכע אָפּצאָלונגען פאַר הילף פאַר די פרויען (גערופן האָט מען זיי „די אַמעריקאַנער ווייבלעך"). די באַשטייערטע זענען געווען כמעט אַלע איינוווינער פון שטאָט און די פאַרלעך פלעגט פאַקטיש גיין פון שטוב צו שטוב און צוזאַמענקלייבן דאָס געלט, וואָס פלעגט פאַרטיילט ווערן צווישן די וואָס האָבן זיך גענויטיקט.



בערל קובריק, דער סטאַראָסטע, און זיין משפּחה

אין דער צייט פון די אומרוען נאָך דער מלחמה איז די לאַגע געוואָרן אָן אַ שיעור שווערער. די שטאָט איז אָפּגעריסן געוואָרן פון דער סביבה. די פּויערים זענען ניט געווען אין שטאַנד צו ברענגען די פּראָדוקטן אין שטאָט אַריין און די סוחרים און קרעמער האָבן ניט געקאָנט אַרויספירן אין די דערפער די נויטיקע סחורות, וועלכע פלעגן פאַרקויפט ווערן צו די אַרומיקע פּויערים אין אויסטויש פאַר זייערע פּראָדוקטן. אַפילו אַזאַ פּראָדוקט ווי זאַלץ האָט מען ניט געקאָנט קריגן. איין צייט איז געווען אַזאַ מאַנגל אין זאַלץ, אַז גרויסע עפּידעמיעס האָבן זיך פאַרשפּרייט, ווייל עס האָט געפעלט זאַלץ צום עסן אין די דערפער און פיל קרבנות זענען געפאַלן. עס איז ניט געווען קיין

צוקער, קיין נאַפט און אויך ניט קיין ברויט. צו דעם אַלעמען איז נאָך געווען אין שטאָט אַ צופלוס פון פליכטלינגען („בעזשענצעס"). דאָס זענען געווען די יידן, וועלכע דעם קייסערס פעטער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, אַלס קאָמאַנדיר פון מיליטער, האָט געהאַט אַרויסגעטריבן פון די גרענעץ־געביטן פון אַמאָליקן עסטרייך און רוסלאַנד, ווייל זיי זענען אַלע באַטראַכט געוואָרן דורך אים אַלס „שפּיאָנען". די אַלע אָנגעקומענע זענען געווען הויל און נאַקעט, פאַרהונגערט און דערשראָקן און ניט געוואוסט ווו זיך אַהין צו טאָן. יידן זענען דאָך אָבער יידן, די זינקאָווער יידן האָבן אַריינגענומען זייערע ברידער און שוועסטער אין זייערע אַזוי אויך געניג אָרעמע און ענגע דירות, געטיילט זיך מיטן ביסן.

דער קאָמיטעט פאַר הילף איז געווען באַלאָדן מיט אַרבעט. אין אים האָבן זיך באַטייליקט ווידער די עסקנים וואָס פריער. אויך דענטיסט גוסאַקאָוו איז געווען אין קאָמיטעט און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טעטיקייט. דער קאָמיטעט פון זיין זייט האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ צענטראַלער הילפס־אָרגאַניזאַציע אין קאָמענעץ. און די הילף איז געקומען: געלט און קליידער. ניט צו פיל, אָבער פאַרט הילף. מעגלעך, אַז דאָס איז געקומען מצד אַ יידישער הילף־אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, אָדער פון רוסלאַנד גופא.

ווי אַזוי די שטיצע האָט געגרייכט צו אונדז און האָט זיך געקאָנט דורכשלאָגן דורך פיל פראָנטן און אומרואיקע וועגן איז אונדז ניט אינגאַנצן דערציילט געוואָרן. מעגלעך, אַז דער רויטער קרייץ האָט געהאַט עפּעס דערמיט צו טאָן.

לויט דער איניציאַטיוו פון די פירער, פון אבראַמאָוויטשן און גוסאַקאָוון, און זייער גרופּע און מיט דער הילף פון די בעלי־מלאכות און אַנדערע איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווע קלייט, וועלכע האָט באַוויזן, ביי די שווע־סטע אומשטענדן, צו קריגן פאַר דער באַפעלקערונג אַ ביסל מעל, זאַלץ, צוקער, זייף און אַלע נויטיקע פּראָדוקטן, וואָס מען האָט נאָר ערגעץ ווו געקאָנט קריגן און אַזוי צו לינדערן וויפל ניט איז דעם דוחק אין די עלעמענטאַרסטע פּראָדוקטן.

אַזוי האָט געלעבט זינקאָוו אין די שווערע טעג נאָך דער ערשטער מלחמה, טעג פון רעוואָלוציע און קאָנטר־רעוואָלוציע.

אָבער די שפּעטערדיקע און נאָך פיל גרעסערע צרות פון דער היטלער־צייט, ווען דער טויט האָט געלויערט פון שטוב צו שטוב אָן אויסנאַם, האָבן געלאָזט כמעט פאַרגעסן די פריערדיקע דחקות און ליידן. עס איז געוואָרן אַ תל פון די אַלע בראַווע און איבער־געגעבענע עסקנים פון זינקאָוו: מיין פאָטער איז צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפחה אומגעקומען פון דער האַנט פון די נאַצישע מערדער, חיים רויזעס, אַבראַמאָוויטש און מאָטי פייערמאַן זענען אומגעקומען, ווי עס דערציילט זיך פון זיי אין געדענקבוך. דער רבי ר׳ משהלע איז נפטר געוואָרן אין זינקאָוו נאָך גאָר ניט קיין אַלטער מאַן.*) אַרקע שענקעלמאַן מיט דער פאַמיליע האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ישראל, סאַני אַלטער סאַניס מיט דער פרוי זענען אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע צו זייער זון ישראל. גוסאַקאָוו מיט דער פאַמיליע האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע. דאָ אין אַמעריקע איז

---

*) זיין פאַמיליע איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד און האָט זיך געראַטעוועט דורך עוואַקואירן זיך פון זינקאָוו אין טיף רוסלאַנד.

אים געווען שווער צוצופּאַסן זיך פּראָפעסיע צו די היגע אומשטענדן. דערצו איז דאָ דעמאָלט געווען אַ גרויסער קריזיס. צו קהלשע אַרבעט האָט ער אויך ניט געפונען דעם וועג. עס האָבן אים געפעלט די שפּראַך, די פריינט, די סביבה און ער איז דאָ פאַרבליבן צוריקגעצויגן, אַנטוישט און פאַרביטערט. ער איז געשטאָרבן דאָ אין אַ הויכן עלטער. די זינקאָווער דאָ אין ניו־יאָרק האָבן אים אָפּגעגעבן אַ פּלאַץ אויף זייער בית־הקברות, הגם ער האָט זיך ניט געהאַט אָנגעשלאָסן אין אונדזער היגער אָרגאַניזאַציע. דער זכות פון זיין פריערדיקער אַקטיווקייט און איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז אים בייגעשטאַנען.

ערע דעם אָנדענקען פון אַלע טרייע טוער און עסקנים פון זינקאָוו!

זינקוב לפני החורבן - זינקאוו פארן חורבן

זכרונות אישיים על החיים בעיר

פערזענלעכע זכרונות פון דער היים

שמואל קורין

זכרונות מעיר מולדתי זינקוב

קשה עלי מאוד להעלות לאחר תקופת־חיים כה ארוכה את זכרונות ילדותי והתבגרותי באותה עיירה, שבה גדלתי וחונכתי. הלא כבר עברו 44 שנים מאז יצאתי מתחומה ועליתי ארצה יחידי מכל המשפחה. כל בני־ביתי נשארו במקומם והמשיכו לחיות את חייהם בתנאי־המשטר הסובייטי.

המשכתי לעמוד אתם בחליפת מכתבים כמעט עד ימי חורבן העיירה בידי הצורר הנאצי ימ״ש.

רוב בני־משפחתי ובכללם אבא ואמא היקרים נרצחו. נשאר בחיים רק אחי, אשר היה בזמן המלחמה בשורות הצבא האדום, וכמו כן אחותי, שגרה באותו זמן בסביבת לנינגראד ושהספיקה להמלט על נפשה קודם שנכנסו הצוררים לאותה סביבה. מפי אחי ואחותי אף נודע לי התאריך המדוייק, אשר בו הושמדו בני־משפחתי וגם רבים אחרים מבני־העיירה. — זה קרה ב־4 באבגוסט 1942.

אבא, ששמו היה מאיר יוסף קורין, הוזמן על ידי הרבי ר׳ משה׳לה וחסידיו מבני־העיירה לשבת על כסא הרבנות ולשמש מורה־הוראה ופוסק־דינים לבני־עדתם.

אני הייתי הבן הבכור במשפחה והייתי בערך בן חמש שנים בזמן בואנו יחד עם אבא לשבת בזינקוב, ומאז עד גיל הגיעי לבגרות גדלתי וחונכתי בעיירתנו.

בתפקידו בתור רב היה אבי ז״ל לא רק פוסק בענייני־כשרות, איסור והיתר, כי אם היה גם דיין ופוסק בעניינים שבין אדם לחבירו והיה גם מסור לאנשי־עדתו, סועד לחולים ועוזר לאלמנות וליתומים. ביתנו היה בית פתוח לרווחה ובמשך היום היו יוצאים ונכנסים בו אנשים רבים ושונים. האחד בא לבקש עצה והשני בא לבקש סעד לחולה או להשיג עזרה לשם תשלום שכר־לימוד בעד יתומים. היו באים גם אנשים, שהיו ממנים את אבא ז״ל בתור בורר בסכסוכיהם. ויש גם שבשעת סכסוך שהיה פורץ בין יהודי לנכרי היו שני הצדדים נמנעים ללכת להישפט בפני שופט־המדינה אלא פונים אל אבא ומתדיינים לפניו וכל אחד היה בטוח, כי אצל אבא ימצא דין אמת וצדק.

זכורני פרט אחד חשוב ומעניין. ארבע משפחות נכבדות מבנות־העיירה, שהחזיקו בחכירה בסביבת־העיר טחנת־קמח גדולה, הסתכסכו ביניהם וחלק מהם רצה להתדיין בפני בית־משפט־המדינה. אבא ידע, כי צעדם זה יכניס אותם לסבך קשה, העלול להביא אותם לידי התרוששות גמורה ולכן מנע מהם בכוח השפעתו את המעשה ההוא ובמשך חודש ימים עשה לילות כימים עד שהביא לידי חיסול הסכסוך והקמת שלום ביניהם. ובמשך זמן רב הזכירו לו כל השותפים את מעשהו הטוב והיו אסירי תודה לו על כך.

אנשי־עירנו אמנם לא היו עשירים ורובם עמלו קשה למצוא את פרנסתם, אך בכל זאת היו כולם נדיבי־לב והיו תורמים לכל דבר בעין יפה לפי מידת־יכולתם.

עלי להזכיר מבחינה זו פרט אחד: עם פרוץ מלחמת־העולם הראשונה בשנת 1914 יצאה פקודה מאת הגנרל איבנוב, מפקד החזית הדרום־מערבית, כי עם היות היהודים חשודים בריגול לטובת־האויב, על כל אלה מהם הגרים בטווח של חמישים ורסטאות מקוו החזית לעזוב במשך 24 שעות את מקומות מגוריהם ולהתרחק מן החזית. הדבר היה ביום החמישי בשבוע כשמכל הסביבה הקרובה לעיירתנו התחיל נוהר זרם של פליטים. מאות משפחות עם ילדיהם ורכושם באו בעגלות־איכרים והיו זקוקים למחסה. אנשי־העיר ללא יוצא מן הכלל נענו לצוו־השעה וכל בית הכניס כמה משפחות.

זכורני, כי בביתנו מצאו מקלט חמש־שש משפחות. בעזרת כמה נכבדים מבני־העיר אירגן אבא תיכף ומיד ועד־עזרה, אשר ניגש לאיסוף כספים לטובת המשפחות, שהיו מחוסרות כל רכוש. למחרת היום, ביום השישי בבוקר, יצאנו אנחנו בני־הנוער מצויידים בשקים על גבינו לאסוף חלות לשבת מכל בתי־העיר על מנת לספקן לעניים שטרם הספיקו להסתדר. רק לאחר השבת יצא חלק מן הפליטים אל העיירות הסמוכות וכמעט בכל בית נשארה לגור משפחה של פליטים, שלא עזבה את מקומה עד שהתרחקה מאתנו חזית־המלחמה והפליטים היו יכולים לחזור לבתיהם.

כדאי גם לציין, כי בזינקוב ישבו יוצאי־חלציו של הרבי מאפטא. יש שהיו אומרים, כי הם בחרו בעיירתנו בתור מושב להם מכיוון שבה לא היו קיימות שום כנסיות נוצריות כדרך שאר העיירות שבסביבתנו, שבמרכזן, בכיכר־השוק היתה ניצבת כנסיה של נוצרים. לא כן בעיירתנו: בה נמצאו כנסיות הקאטולים והפרבוסלבים בעמק ליד המבצר הטורקי והיו נסתרות מעיני היהודים; ומדי פעם כשהיה בא יהודי מן החוץ לבקר אצל הרבי או אצל אחד מאנשי־העיר או מדי פעם כשיהודי מקומי היה הולך להתפלל בבית־הכנסת או להשתטח על קברי הרבנים בימים של ראש חודש אלול לא היה מוצא בדרכו שום סמל מסמלי דת־הגויים.

כידוע, היו בזינקוב שתי חצרות של חסידים של הרבי ר׳ משה׳לה ושל הרבי ר׳ פינחס׳ל, שהיו אחים, אך לא היה קיים שלום ביניהם, ולמחלוקת שהיתה קיימת בין האחים נצטרפו חסידיהם ואף אנשי־העיירה בכלל. העיירה היתה, איפוא, מפולגת לשניים: לפלג חסידיו וידידיו של הרבי ר׳ משה׳לה ומשפחתו ולפלג חסידיו וידידיו של הרבי ר׳ פינחס׳ל ומשפחתו. אבי ובני־משפחתו השתייכו לחסידיו של ר׳ משה׳לה. נמצא שכל ידיעותי על חצר הרבי הצטמצמו רק בחצרו של ר׳ משה׳לה בלבד. כידוע, היו באים מחוץ לעיר בימי חג ומועד עשרות ומאות חסידים, רבים מהם בלוויית משפחותיהם, כדי לבלות את החג בחצר הרבי. אך מכלל בני־העיר היו מצטרפים לפלג האחד או השני לא רק חסידים אדוקים, כי אם גם רבים מבעלי הדעות החפשיות ומן המשכילים ואף הנוער היה בא להתחמם לאורה של חצר־הרבי. הרבי ר׳ משה׳לה הצטיין באצילותו הנפשית ורבים היו ידידיו וידידי־משפחתו, והרבי ובני־משפחתו היו משיבים אהבה וידידות לכולם.

זכורני, כי הייתי כבר בן שמונה וידעתי להתפלל באופן חפשי וגם הבינותי את פירוש רוב התפילות. אותה שנה הלכתי עם אבא לתפילת כל נדרי בבית־הכנסת, שהיה בחצרו של הרבי ר׳ משה׳לה. בית־הכנסת המרווח היה מלא מתפללים מכל הגילים, מזקן עד נער. דלקו בו הרבה נרות־נשמה. סמוך לעמוד התפילה ליד ארון־הקודש ישב בתוך כורסה הרבי זצ״ל כשהוא לבוש קיטל לבן וטלית על גבו, על ראשו כיפה לבנה מעוטרת חוטי־כסף, וקהל רב של חסידיו ומעריציו מתכנס סביבו ורבים מגישים לו פתקים ובקשות. ופתאום השתרר שקט והרבי קם מכסאו, ניגש אל עמוד התפילה ופתח

בפסוקי „כל נדרי", והיה משהו מיוחד בקולו ובדברים הנרגשים שיצאו מפיו והקהל התרשם מארשת שפתיו. ומדי כניסתי עד היום הזה לבית־הכנסת בליל „כל נדרי" קמה מחדש לנגד עיני התמונה הנרגשת ההיא ודמותו האצילה של ר' משה'לה מופיעה מחדש לפני בתפארתה כמו בימי ילדותי הרחוקים.

לא היו קיימים בעיירתנו מוסדות־חינוך רבים מטעם המדינה. היה בעירנו בית־ספר ממלכתי אחד, שבו למדו בני־האיכרים שבסביבה ואף חלק מילדי־היהודים, על פי רוב בנות. את הבנים לא היו מכניסים לאותו בית־ספר משום ששם היו לומדים גם בשבת ולא היה שום מקצוע יהודי נכלל בתכנית הלימודים, ולא היו לומדים שם דבר פרט לשפת־המדינה ומעט חשבון.



בית־הספר העברי בזינקוב, מוריו ותלמידיו

ההורים התאמצו לתת לבניהם חינוך יהודי על חשבון עצמם ולא תמיד היתה ידם משגת לשאת בעול ההוצאות הכרוכות בכך, אף כי לימוד התורה היה אצל כולם קודם ללחם. הקהילה היתה מקיימת על חשבונה את בית ה„תלמוד־תורה", אשר שימשו בו מורים בעלי־השכלה. היו קיימים בעיירתנו גם חדרים פרטיים של מלמדים, שהרביצו בהם תורה עשר שעות ביום. אפילו בשבת אחר הצהריים לא היו פוסקים הלימודים. היו לומדים פרקי־אבות. ואף בחול המועד של פסח וסוכות לא שבתו הלימודים בחדרים. חדרים היו מסוגים שונים והיו מותאמים לגיל הילדים משש עד חמש עשרה. היו לומדים בהם רק לימודי־קודש ואת תורת־החשבון ואת שפת־המדינה היו לומדים אצל מורים פרטיים. היו גם מורים משכילים שהצטיינו בידיעותיהם בתורת הדקדוק ובספרות העברית והם שחינכו את הנוער לאהבה ולדבקות בשפה העברית ובספרות החדשה והם שהקימו דור של תלמידים שלא ביישו את הוריהם, ובבוא הקריאה הראשונה לעלות ארצה נענו עשרות מבני הנוער הזינקובי, קמו ועלו והצטרפו למחנה החלוצים ובוני־הארץ.

ישראל פאניס, רוויטבורד

זכרונות וועגן מיין הויז אין זינקאָוו

(אין די יאָרן 1900—1930)

„אוי אַהין, אַהין ערגעץ ווייט, גאַנץ ווייט
האָט מיך קינדיש האַרץ שטומערהייט געגלוסט
און אַזוי געבענקט —
— — — — — — — — — — — —
וואָס כ׳האָב געוואָלט? כ׳ווייס אַליין ניט וואָס.
איך ווייס נאָר, אַז ס׳קומט קיינמאָל ניט צוריק״.

חיים נחמן ביאליק

געשטאַנען איז אין זינקאָוו, פּאָדאָליער גובערניע, אין דער אוקראַינע, אַ הויז. געשטאַנען איז עס דאָרטן מקדמונים. ווען מען האָט געוואָלט זיך נעמען די מי אין אַ נישטער טאָג צווישן די גאָר אַלטע מצבות אויפן בית עלמין, האָט מען געקאָנט געפינען די נעמען פון די זיידעס פון דער פאַמיליע, וועלכע האָבן אין דעם דאָזיקן הויז געוווינט. און געהאַט געבויט דאָס הויז האָבן זיי, ווי מען האָט מיר דערציילט, מיט די אייגענע הענט.

שטאַרק און מאַסיוו איז דאָס הויז געווען, פון האַרטן שטיין געבויט, און דיק זענען געווען די ווענט. ס׳דוכט זיך מיר, אַז דער בנין איז דאָרטן געבליבן שטיין נאָך עד היום, ווייל עס גלויבט זיך מיר ניט, אַז מען האָט געקאָנט אים חרוב מאַכן.

דער אַריינגאַנג צום הויז איז געווען פון אַ בערגל ביים אָנפאַנג פון אַ שמאָל לאַנג געסל, וועלכע מען האָט גערופן „די צווישן קליימן״. אַ ווינקל־שטוב איז דאָס געווען; אונטן אַ שטוב און אויבן אַ גאָרן מיט פענצטער צו ביידע זייטן פון דער גאַס.

אַרויסקוקנדיק פון די פענצטער צו מזרח־זייט, האָט מען געקענט זען ניט נאָר די גאַס, נאָר אויך די פעלדער, ווייט אַריבער דעם טאָל אויף די שיפּועים פון די בערג, וועלכע האָבן זיך געצויגן צו דעם טאָל און צו דעם טייך אושיצע.

זימער־צייט איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זען בייטן זיך די קאָלירן דאָרטן אויף די בערג, פון שוואַרץ אַקער־ערד צום גרינעם גראָז, פון גרינעם גראָז צום דעם גאָלד פון צייטיקער כוואַליענדיקער תבואה. מען האָט אויך געקאָנט זען טשערעדעס שעפּעלעך קלעטערנדיק גאַנץ פרי אויף די געשלענגלטע ווייסע סטעזשקעס צווישן די פעלדער

און פאַרנאַכט זיי זען ווידער קייקלען זיך אַראָפּ, ווי אַ פאַנטאַסטישער באַוועגלעכער טעפּיך פון וואָל.

אָסיען־צייט זענען די פעלדער געוואָרן אָפּגעשוירן און פיינע סטויגלעך פון צונויפגעלייגטע סנאָפּעס פלעגן זיך אויסשטעלן אין גלייכע שורות ווי סאָלדאַטן בשעת אַ מושטירונג. ווען די סנאָפּעס פלעגן פאַרשווינדן און נאַקעט פלעגט בלייבן דאָס פעלד, פלעגט מען וויסן, אַז דער ווינטער קומט אָן און די גאַקעטקייט ווערט באַלד צודעקן אַ קלאָר ווייסע קאָלדרע פון קרישטאָל־ריינעם שניי. אין שטוב פלעגט מען דאַן אָנהייבן גרייטן זיך פאַרן ווינטער, איינקויפן אַלץ וואָס עס איז געווען נייטיק און איינפּאַסן די טאָפּלטע פענצטער, אָנשיטן זאַמד צווישן זיי און אויסרייניקן די קוימנס פון דער הרובע.

זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן פאַר די קינדער אשר לא ידעו את זינקאָוו, אַז בלויז פון דער וויטן האָבן די זינקאָווער יידן געקאָנט געניסן פון דער שיינקייט פ.ון די פעלדער אַרום און פון די סעדער און וועלדער, אָבער ניט פון זייערע נאַטור־מתנות גופא. ניט צו די יידן פון זינקאָוו האָבן געהערט די ברייטע פעלדער. די שטאָט איז געווען אָפּגעגרעניצט פון דער דאָרפישער סביבה און אויסער דער בראָם האָבן יידן ניט געטאָרט באַזיצן קיין איינציקן שפּאַן ערד. זיי האָבן באַדאַרפט זייער ברויט קויפן און זייער געלט פאַרדינען נאָך דורכן אָרעמען מקח וממכר, צושטעלנדיק דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אַ־ום זייערע באַדערפענישן.

ווי באַקאַנט, דינען פענסטער ניט נאָר צום אַרויסקוקן. מען קאָן דורך זיי אויך אַריינקוקן. לאָמיר זשע זיך אַריינכאַפּן אויף אַ ווײַלע אין שטוב אינעווייניק. דאָס ערשטע וואָס מען האָט געקאָנט דאָרטן באַמערקן איז געווען, אַז די שטראַלן פון דער זון האָבן דאָרטן געפונען אַ פרייעם צוגאַנג און אַז בעת זיי האָבן דורכן פענסטער אין שטוב אַריינגעשיינט, האָבן זיי זיך צו אַלעם ערשטן אָנגעשלאָגן אָן דער פאָלירטער שאַפע, וועלכע האָט פאַרנומען אַ האַלבע וואַנט. די דאָזיקע שאַפע איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ היימישן סטאָליער יוסף טעסיס. היינטיקע צייטן וואָלט אַזאַ שטיק אַרבעט באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַנטיק, ווי אַ קונסטווערק. לאַנגע טעג האָט יוסף טעסיס געהובלט און געגלעט דאָס האָלץ פון דער שאַפע, געמאַכט עס ווי זייד גלאַט, דערנאָך לאַקירט, געריבן מיט צעקלאַפּטע ניס אין אַ שמאַטע פאַרוויקלט, געפּוצט מיט דינע פּאַסיקלעך פּאַפּיר די טירלעך או געקרוינט די שאַפע מיט אַן אדעלן אויסגעטאָקטן של ראש. דער מאַטער גלאַנץ האָט געפלעפּט דאָס אויג און אַנטקעגן דער זון געוואָרפן אַ בליאַסק ווי פון אַ געשליפענעם גלאָז. איי, יאָסל טעסיס! וויפיל פרייד האָסטו פאַרשאַפן חברה קליינוואַרג, וועלכע דו פלעגסט זיי לאָזן קומען און שטיין זען ווי דו אַרבעטסט אין דיין וואַרשטאַט. באַוווּנדערט האָבן זיי די לעבעדיקע זיך קייקלענדיקע הובלקעס, וועלכע זענען אַרויס־געקומען פון דעם הובל און געכאַפּט גאַנצע זשמעניעס פון זיי און אויך פאַרגאַפט נאָכ־געפאָלגט די באַוועגונג פון דער זעג, וועלכע האָט מיט אַ ריטמישן בראַזג געשניטן די ברעטער.

אַחוץ דער שאַפע, געמאַכט דורך יאָסל טעסיס, האָט זיך אין צימער געפונען אויך אַ גרויסער פירעקיקער טיש מיט אויסגעשניצטע בייכיקע פיס. ביים טיש זענען געשטאַנען די אומפאַרמיידלעכע „ווינער״ שטולן, אַ קאַנאַפּקע מיט אַ פון אַ שטרוי־נעץ געדעקטן זיץ. אויף דער וואַנט זענען געהאַנגען צוויי גרויסע פאָטאָגראַפיעס פון דעם זיידן און

דער באָבען. די פּאָטאָגראַפיעס האָט געמאַכט לכתחילה יהושוע פּאָטאָגראַפּטשיק. אויפן פאַרלאַנג פון פעטער שלמה האָט מען זיי איבערגעשיקט קיין אַמעריקע און פון דאָרטן האָט ער זיי צוריק איבערגעשיקט קיין זינקאָוו פאַרגרעסערט און אין קאָלירן. אין מיטן צווישן די בײדע בילדער איז אויף דער וואַנט געהאָנגען דער וואַנט־זייגער. דער זייגער איז שוין געווען אַ מאָדערנער, מיט אַ גרויסן ציפערבלאַט און ער איז געגאַנגען דורך אַ ספּרונזשינע, וועלכע מען האָט געדאַרפט „אָנציען" אַלע 24 שעה מיט אַ שליסל און ניט מער מיט דער הילף פון די שווערע וואָגן, וועלכע מען פלעגט דאָס רוב האָבן ביי וואַנט־זייגערס פון יענער צייט. אגב, האָט זיך מיר קיינמאָל ניט איינגעגעבן אויסצוגע־פינען ווי אַלט דער זייגער איז געווען און זינט ווען ער האָט פאַרנומען דעם בכבודיקן אָרט ביי אונדז אין שטוב. יעדנפאַלס איז דאָס געשען נאָך איידער איך האָב געעפנט מיינע אויגן און דעם ערשטן קוק געגעבן אויף דער וועלט, אין וועלכער איך בין אַריינ־געקומען. דער זייגער האָט דאַמאָלט שוין דייטלעך אָנגעצייכנט די שעה און די מינוט, נאָר ווער האָט דאָס אין זינען געהאַט צו באַמערקן. דער זייגער האָט מסתמא דאָס זעלבע געטאָן און ער האָט געוויזן די שעה און די מינוט ווען איך האָב דאָס הויז פאַרלאָזט אום קיינמאָל דאָס ווידער ניט צו זען. און ווידער האָט דאָס קיינער ניט באַמערקט... נאָר דער זייגער אַליין האָט דאָס געוואוסט און האָט מיט זיין טיק־טאַק אויסגעשלאָגן די לויפנדיקע צייט און שאַרף און דייטלעך אויסגעקלונגען די שעהען ביי טאָג און ביי נאַכט.

אַזוי האָט זיך דאָס לעבן געצויגן געמיטלעך און פרידלעך, אָבער בלויז נאָר אין משך פון עטלעכע געציילטע יאָר. דער זייגער פלעגט אויסקלינגען די שעהען פון די פרייטיק־צונאַכטן. זומערצייט, באַלד נאָך דער סעודה, פלעגט זיך דער עולם אַרויסלאָזן אויף דער גאַס. ווייבער פלעגן זיצן אויף די פריזבעס און איבערשמועסן מכוח דער חלה ווי זי איז געראָטן די וואָך און ווי טייער עס זענען געווען דאָס מאָל די פיש אויף שבת וכדומה אַזעלכע זאַכן. יונגע לייט מיט זייערע ווייבלעך פלעגן זיך אַרויסלאָזן שפּאַצירן. יונגוואַרג פלעגט אוודאי זיין דרויסן. אין ווינטער־צייט זענען די שפּאַצירער געווען באַזונדער גרויס אין צאָל בלויז שבת צו נאַכטס. פרייטיק אויף דער נאַכט פלעגט מען דאָס רוב בלייבן זיצן אין שטוב. אין די קלאָרע לבנה־נעכט, אַ ביסל שפּעטער אין אָוונט, ווען די בענטש־ליכט פלעגן שוין האָבן לאַנג אויסגעגאַנגען און דער קנויט אין לאָמפּ פלעגט שוין האָבן אויסגעצויגן דאָס לעצטע ביסל נאַפט און דאָס ליכט האָט זיך געהאַט אויסגעלאָשן — דאַן פלעגט זיך די לבנה פון ערגעץ־וואו אַרויסרוקן און אויסשפּירעריש אַריינוואַרפן אַ שטראַל ליכט אין שטוב אַריין.

שטיל איז אין שטוב. אַלע אָנוועזנדיקע, די בני־בית, שכנים און פריינט האָבן אין דער לעבעדיקער פינצטערניש שוין אויסגעליידיקט אַלע רייד. מען זיצט אַזוי אַרום דער וואַרעמער הרובע, יעדערער פאַרטאָן אין זיינע מחשבות. דאַמאָלסט וואַרפט די לבנה אַ פּאַס ליכט אין חלל פון צימער אַריין, פאַרטרייבט פון די ווינקלעך שטיקער פינסטערניש, באַגיסט זיי מיט לבנה־שיין און פאַרוועבט מיט אַ שלייער אַלץ אַרום, און באַלד קוקט זי אַריין מיט איר קיילעכדיקן פּנים אין די פענסטער אַריין. זי האָט אָנגעשפּיגלט זיך אין די מעשענע אויסגעפּוצטע לייכטער אויפן טיש און אָט לאַכט זי שטיפעריש צו דער שבת־מלכה, וועלכע איז דאָ אַן אורחטע ביז צו מאָרגן נאָך הבדלה און צעטרייסלט אַ ביסל דעם עולם. דער שמועס לעבט ווידער אויף. אַרקע שענקעלמאַן צעלאָזט זיך מיט אַ שטילן מזמור ערגעץ פון דאַוועגען, זינגט שוין מיט דבקות, און וויטער ציען זיך די

שעהען פון דער לאַנגער ווינטער־נאַכט. מען באַמערקט דערביי ניט, ווי די לבנה איז פאַרשוואונדן, ווי זי האָט זיך באַהאַלטן הינטער דעם שפּיץ פון דעם שול־דאַך.

אַ רופנדיקער שאַל פון אַ טראָמפּייט שניידט זיך פּלוצלינג פון ערגעץ ווייט אַריין אין דער לופט, שאַרף און אומהיימלעך־טרויעריק. ער האַקט זיך אָפּ און ווידערהאָלט זיך ווידער פון צייט צו צייט ביז ער ווערט אין גאַנצן פאַרשוויגן. דאָס האָט דער וועכטער פון דיוווישעקס פאַבריק, וואָס אונטן אין טאָל, געלאָזט וויסן, אַז ער איז וואַך און אַז עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט.

דער שאַל פון טראָמפּייט האָט געמאַכט אומרואיק דעם עולם אין צימער, צעשטערט די אידיליע און דעם כישוף פון פולקאָמער רואיקייט. מען האָט אויפגעוואַכט און יעדערער האָט געכאַפּט זיין פּעלצל מיט דער קוטשמע און איז אַרויס אין דער קאַלטער גאַס אַריין. יעדערער איז געגאַנגען צו זיין ווינקל. דער פראָסט האָט אַ צופּ געטאָן יעדנס פּנים, האָט אים אויפגעהייטערט. פאַרפראָרענע, אונטער אַ ניט־באַרירטן בתולהדיקן שניי זענען געלעגן די נאַכטלעכע גאַסן. די דעכער פון די הייזער און די צווייגן פון די ביימער זענען אָנגעטאָן אין ווייסן און געשטאַנען ווי איינגעדרעמלט דורך דער האַנט פון כישוף־מאַכער. פאַרהילטע אין טונקעלע שאָטנס האָבן די הייזער זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע. אַ דינער רויך האָט ערגעץ וואו אַרויסגעשלאָגן פון אַ קוימען און זיך געצויגן גלייך אין הימל אַריין. דאָס האָט אַ ניט־דערברענטע האָלעוועשקע אויסגעהויכט איר לעצט ביסל פייער אָדער אַ כישופמאַכערין האָט דערקאָכט איר בריי.

אַלע פענסטער פון די הייזער, פינסטער אָן אַ בליאַסק ליכט. אַלץ שלאָפט. בלויז דאָס דערשראָקענע בילן פון אַ הונט קומט פון ערגעץ־ווו. ער בילט יאָמערלעך און ווערט באַלד פאַרשוויגן. אַ שפּאַן, אַ סקריפּ. די פיס הויבן זיך פון זיך אַליין לעבעדיקער, דרייסטער. ס׳גלוסט זיך אַזוי צו שפּאַנען ביז עק וועלט...

ווי פרידלעך מנוחהדיק זענען איצט די געסלעך, ווי געבענטשט דיינע געצעלטן, יעקב. שלאָפט מענטשן, היימישע, האַרציקע. עס ווילט זיך מיר אייך געדענקען אַזעלכע ווי איר האָט געלעבט אונטער דער ממשלה פון שבת־מלכה און ניט פון אַנדערע...

יצחק פרנקל

זכרונות מבית־אבא בזינקוב

איתנה ניצבה זינקוב על פסגת גבעה רמה, — עיר ואם ליהודים שברחבי פלך פודוליה שבאוקריינה. שאינם יהודים בין תושביה — נער יספרם: שופט־השלום, הרופא, החובש, מנהל־הדואר ומספר קטן של עובדי־בית־החולים. ה„פריסטאב", ה„אוריאדניק" ופיקודיהם השוטרים גרו מחוץ לעיר.



יצחק פרנקל

את הגבעה, אשר עליה ניצבה זינקוב, מכתרת כטבעת בקעה זרועה כפרים אוקראיניים. בין בתי־הכפרים זורם לו בנחת נחל ושמו אושיצה. בדרך זרימתו ועד לנפילתו לנהר דנייסטר מניעים מימיו טחנות־קמח, העומדות לרוב זוגות זוגות בשתי גדותיו. קטעי־הנחל, אשר זרמו בתוך הכפרים ובקצותיהם, נושאים את שמות־הכפרים, כגון: נחל קלינובקה, נחל קריבולי ונחל „הגברים" על שם מימיו העמוקים, המתאימים לשחייה „גברית".

בימות־הקיץ הלוהטים היו יורדים יהודי־זינקוב בזקניהם ובטפם לרחוץ את בשרם המיוזע במימי נחל קלינובקה מעבר לטחנה מזרחה בגלל מימיו הרדודים. הצעירים היו יורדים לשם שחייה לנחל „הגברים" בגלל היות מימיו עמוקים. בדרך לנחל וממנו היו המתרחצים קוטפים להם פירות עסיסיים מעל ענפי־העצים התלויים מעבר לגדרות ולחוץ.

לא מהנדסים מומחים תיכננו את רחובות זינקוב ואת בתיה. בכל זאת היו רחובותיה הראשיים ישרים והבתים משני צידי־הדרך היו רחבים וגבוהים, ולובן־הסיד על קירותיהם היה מסנוור את העיניים בשעות של שמש. החדרים היו מלאים אוויר ואור. שני הרחובות הראשיים היו מצטלבים בכיכר רחבת־ידיים, אשר במרכזה היה תקוע עמוד־עץ גבוה ובראשו פנס „לוקס". זה היה מרכז־העיר.

על אותה כיכר מסביב לפנס היו מתאספים בשעות־הפנאי יהודי־זינקוב והיו משוחחים על ענייני־פרנסה, על החדשות העירוניות ועל מה שכותבים העיתונים. היו מספרים על ענייני דיומא: על מי שמשיא את בנו או את בתו, על ברית־מילה או בר־מצוה, על תפילת־הש"ץ בימי המועדים שחלפו, על מי שזכה ב„שישי" או „מפטיר" בשבת האחרונה או בחגים האחרונים, על מספר החסידים שבאו מן העיירות הקרובות והערים הרחוקות אל „חצרות" הרבי ר' משהל'ה והרבי ר' פנחסל זצ"ל והמתנות שהביאו להם, על המקומות



אהרון פרנקל ז"ל



נחה פרנקל ז"ל

שנאה ביותר לטייל בהם בערבי־הקיץ ובשבתות, מאחורי־בית־הקברות הנוצרי, ה„צוויג־טער" או מאחורי־ה„וולוסטס", ועל מי שנזקק לבית־משפט השלום בשל אי־תשלום חוב או בשל קטטה, ועוד ועוד.

יהודי־זינקוב היו מתפרנסים ממשלוחי־יד רבים ושונים. מהם היו חוכרי־יערות, סוחרי־עצים, חוכרי־טחנות־קמח, סוחרי־קמח סיטונאים וקמעונים, מוכרי־בדים, חנווני־מכולת וסידקית, בעלי אכסניות ומסבאות, בעלי־מאפיות, סוחרי־רפואות, בעלי־בתי־מרקחת, מורים ובעלי־מלאכה שונים. אלה היו בני מעמד „בעלי־הבתים", פני־העיר ויקיריה, רוב מניינה ובניינה של זינקוב. — יהודים אלה היו גרים בבתיהם אשר ברחובות העיר ובכיכריה. ברחוב התחתון היו גרים עניי־העיר, מטליאי־הפרוות ומטליאי־הנעליים, הטוחנים, החייטים התופרים בשביל האיכרים, שמשי־בתי־הכנסת, סתם עניים מרודים וקברן בית־הקברות.

בשנת 1898 בא אבי אהרון פרנקל מהעיירה מיכאלפולי, אשר בה נולד לאביו יונה

ולאמו טובה, לזינקוב, אשר שם נשא לו לאשה את אמי נחה לבית הניך וחיה גורנשטין, זכר כולם לברכה.

אדם גאה ביהדותו היה אבא. הוא היה איש משכיל, אוהב ספר, נוח לבריות ומעורב ביניהם. הוא היה מחונן במידות תרומיות וידו הייתה פתוחה לעניי־עירו ולכל נצרך.

לב אבא היה נתון לצעירים שוחרי־דעת ותרבות. הוא היה מקדיש את זמנו לייעוץ בדבר רכישת־ספרים בשביל הספריה העירונית ותרם מכספו למטרה זו. הלהקה התיאט־רונית הייתה נשמעת לדעתו בנוגע לבחירת־מחזות וצורת־הצגתם.

אבא לא היה מונע את רגלו מה„קלויז" והיה תורם ביד רחבה להחזקתו. בשבתות ובמועדים היה משתתף — ממקום ישיבתו בקיר־המזרח — בחלוקת העליות והיה רוכש לעצמו את ה„שמנות" שבהן.

במקרי סכסוכים, שהיו פורצים בין נותני גמילות־חסד ובין אלה שלא החזירוה או בין חנוונים בעניין פיתוי־קונים או התחרות במחירים ובכל סכסוכי־ממון אחרים, היו הצדדים פונים אל אבא וטוענים לפניו את טענותיהם, וחוות־דעתו הייתה מתקבלת על ידיהם בשביעות־רצון כעין פסק־דין.

את מיטב מרצו הקדיש אבא לחינוך ילדיו ולהשכלתם. הוא היה מקפיד על כך שהילדים יכינו את שעוריהם, היה עוזר להם בהכנתם והיה בוחנם לאחר מכן. בשטח זה הייתה אמא עזר רב־תועלת כנגדו.

מקור־פרנסתו מצא אבא מניהול שתי טחנות־קמח שעל גדות נחל קלינובקה, שהיו חכורות על ידו מאת הרשות הממלכתית. בטחנות אלו היו עובדים כ־10—12 פועלים.

חייהם של יהודי־זינקוב היו מתנהלים על מי־מנוחות. פרנסתם הייתה מצויה. תנאי־דיורם היו טובים, הילדים היו בריאים ושמחים, מלבושיהם ונעליהם היו שלמים ונקיים. בשבתות ובחגים הייתה שרויה שמחה ושביעות־רצון בבתיהם. בשבתות־הקיץ — לאחר הסעודה והשינה שלאחר הצהרים — היה יוצא כל בית־אב אל מחוץ לעיר לשאוף אוויר צח, אל מעבר ל„צווינטער" (בית־הקברות הנוצרי) וה„וולוסט" ואל כיכר המצודה העתיקה (ה„שלאס"). גם אל הכפרים הקרובים היו מגיעים המטיילים. הם היו נכנסים שם בשיחות עם איכרים מכירים, שהיו עומדים שעונים על פתחי־הגדרות ושהיו מעניקים להם מתנות מתוצרת משקיהם — פרחים, תפוחים, שזיפים, חמניות. היחסים עם אנשי־הכפרים היו תקינים.

עם פרוץ מלחמת־העולם הראשונה בשלהי הקיץ של שנת 1914 חל שינוי־מה ביחסים עם השלטונות. לא כל חייבי־הגיוס מבין היהודים מיהרו להתגייס להגנת ה„מולדת" החורגת, והיו להם נימוקים משכנעים לכך. חיפושים אחרי חייבי־הגיוס מבין אנשי־זינקוב הפכו חזיון נפוץ והדריכו את מנוחתם של התושבים ביום ובלילה. פרנסי־העיר עמדו במשא ומתן מתמיד עם ה„פריסטאב" וה„אורייאדניק" בעניין זה והתנו אתם, שיפסיקו את החיפושים לגמרי או שיודיעו, לפחות, עליהם בעוד מועד...

בשנים הראשונות של המלחמה עוד זרמה האספקה של מיצרכי־מזון לעירנו בצורה המניחה את הדעת והמסחר התנהל עוד כסדרו. בסוף שנת 1916 התחיל להיות מורגש מחסור בנפט, במלח ובטקסטיל. בקשר לכך התחיל עולה המתח ביחסים עם האיכרים: הם האשימו את יהודי־זינקוב אשמת־שוא בהעלמת המיצרכים. אי־שביעות רצון ואותות מבשרים מהפכה קרובה נראו גם בזינקוב.

כאשר הגיעו לזינקוב הידיעות הראשונות על מהפכת פברואר 1917 נעלמו בן לילה ה„פריסטאב" וה„אורייאדניק" ואף השוטרים שעמדו לפקודתם. העיר נשארה ללא שלטון.

פרנסי־העיר החליטו לארגן הגנה עצמית מבלי לשאול את דעת הציבור, אשר ברובו היה סבור, כי מוקדם עוד לעשות מעשה עצמאי מכיוון שאין עוד ביטחון ביציבותה של המהפכה וכי ייתכן שהשלטון הממוגר עוד ישוב, חלילה, לקדמותו והמעשה הנחפז ימיט עוד אסון על העיר.

ואמנם באחד הלילות נשמעו דפיקות על דלת בית־אבא. הביתה נכנס ה„פריסטאב" בלוויו רב־שוטר ויציעו לאבא שישמור תחת ידו את חרבותיהם ואת מעט הרובים שהיו ברשותם עד יעבור זעם. וכשיבוא היום והם ישובו, כדבריהם, לשלטן הם יזקפו את המעשה הרב הזה לזכות היהודים.

אבא שלח את כותב הטורים הללו לקרוא לעורך־הדין אבסטרייאניק, לרופא השיניים גוסאקוב, למוטייה פיארמן ולמספר קטן של צעירים. לאחר התייעצות קצרה הוחלט לקבל את הנשק, לחלקו בין צעירי־העיר ולהעמיד את אבא בראשם. בו בלילה העניק גם הרבי ר' משה'לה את ברכתו למעשה זה.

בבוקרו של אותו יום קשה היה ליהודי־זינקוב להאמין למראה־עיניהם: יהודים חגורי־חרבותיהם של השוטרים יצאו לרחובות־העיר לראשונה בהיסטוריה היהודית, רוויית הסבל וההשפלה.

הרעיון הציוני והכמיהה למולדת ההיסטורית של עמנו, שהיו כמוסים בלב אבא שנים רבות מחשש עינא בישא מצד השלטון המתנכל בתנועת שחרור לאומית, פרץ עכשיו חוצה כמעיין המתגבר. הציונות הפכה לנחלת רבים בעירנו. ההטפה לרעיון הציוני התנהלה בבתי הכנסת, ברחובות ובבתים וכבשה את לבותיהם של אנשי־זינקוב; וכאשר



זינקובאים עובדים בסלילת כביש בראשון לציון:
1. יצחק פרנקל, 2. ראובן רוזנטל, 3. נתנאל פרנקל

באו לזינקוב חברי „הוועדה הציונית המחוזית" לאסוף תרומות למען ארץ־ישראל היה כבר הקרקע מוכשר לעשייה: נשי העיר התפרקו מעדיים והגברים מטבעות־הקידושין ושעוני־הזהב. מובן מאליו, שאבא ואמא היה חלקם עם ראשוני־התורמים.

הנוער מצידו התחיל להתארגן בקבוצת־„החלוץ". לשם מימון צרכיו של הארגון הצעיר התגייסו הנערים לחטיבת עצים להסקה בבתי־העיר, ואבא ז"ל היה מנצח על הנוער, מלהיב את דמיונם ומחשל את רצונם לעלייה ארצה.

מהפכת־אוקטובר הכול־רוסית הביאה בעקבותיה הפיכת־נגד לאומנית קיצונית ברחבי־אוקריינה. נפש היהודים ורכושם נעשו הפקר. הקלגסים האוקריינים הרגו, שדדו וחמסו.

יומיים אחרי הטבח בפרוסקורוב רצחו קלגסי־פטליורה את מרבית יהודי פלשטין. לזינקוב הגיעו שליחי ציבור לבקש עזרה לשם קבורת־המתים וטיפול בפצועים. צרת־הרבים עשתה רושם מדכא על אנשי־זינקוב, ואבא אירגן יחד עם שאר פרנסי־העיר משלחת של 10 צעירים ושתי צעירות, אחת מהן רופאה מתחילה והשנייה רוקחת, גם חלקי היה בין המגוייסים. למרות הסכנה שהייתה כרוכה בנסיעה דרך הכפרים השוקקים כנופיות צמאות דם יהודים, נסענו על מנת להגיש עזרה לאחינו ואחיותינו בפלשטין.

ארגון „הגנה עצמית" של יישובנו הפך צורך חיוני ביותר ולכך התנדבו והתגייסו טובי־התושבים וצעירי־העיר עם נחום ישפה בראשם והוא המספר על מעשה רב זה בסקירתו המפורטת בקובץ־זכרון זה.

כשנתיים חיו יהודי־זינקוב בצל שלטון „ההגנה", כשהם מנותקים ממרכזי־המדינה



קבוצת זינקובאים בבניין בחיפה: 1) דוד פוקס, 2) זבולון רונד (מחוץ לזינקוב), 3) שלמה גולדנברג, 4) לא ידוע, 5) ניסן מהוסיאטין, 6) זאב נסיס ז"ל, 7—9) לא ידועים, 10) מאַנדל, 11) מנחם ווייסמאַן, 12) שמואל קורן, 13—14) לא ידועים, 15) שמאי שור

וחסרים כל ידיעות מוסמכות על המתרחש. הם היו גם מנותקים ממקורות האספקה והרגישו מחסור רב בנפט, מלח, סוכר ומיצרכים חיוניים אחרים. ערך המטבע ירד, הסחורות שהיו עוד מצויות נעלמו אף הן וניתן לרכשן בשוק השחור רק תמורת תבואה או מטבעות כסף וזהב.

עננים שחורים כיסו את שמי עיירתנו ומקורות הפרנסה כמעט שנסתתמו כליל.

מבית־אבא חזרה ונשנתה ביתר עוז הקריאה: אל תצפו, אחים, כי סיר הבשר שהתרוקן יתמלא בקרוב שוב. הבו נצא כל עוד נפשנו בנו ונעלה לארץ ישראל.

ואכן קמה והתפתחה בעירנו תנועה חלוצית, אשר התגברה על כל המכשולים החיצוניים והתלאות, אשר סיפר עליהם חלוץ־החלוצים נחום ישפה בסקירתו המפורטת.

קבוצות חלוצי־זינקוב הגיעו זו אחר זו ארצה. קשים מנשוא היו חבלי־התאקלמותם והסתגלותם לעבודה המפרכת בסלילת הכבישים ועוד יותר מזה — לחוסר־העבודה, שבא אחריה. הם היו מוכרחים להסתפק במנות־רעב עד שנזדמנה להם עבודה מחדש.

על כל אשר עבר עלינו בשעת צעדינו הראשונים בארץ הודענו במכתבינו לאבא, לא הסתרנו ממנו דבר. הקשיים הרבים וכל פרשת־הסבל שעבר עלינו לא הרתיעו את אבא, ובשנת 1923 עלה ארצה יחד עם אחי נתנאל, ולאחר שנה עלתה בעקבותינו גם אמא עם ארבעת ילדיה האחרים.

במרץ רב ובכוחות נעורים ניגש אבא לבנות את ביתו החדש על אדמת־המולדת. הוא חכר 10 דונם אדמה אצל הקרן הקיימת לישראל, קנה סוס ומחרשה ובמו ידיו ובעזרת־ילדיו שתל טבק. אמא תרמה אף היא את חלקה לביסוס המשפחה על ידי טיפולה בצריף הצנוע במבואות ראשון לציון, אשר בו קבעה המשפחה את מגוריה. במשך השנים נשאו להם הבנים נשים והבנות נישאו לאנשים וכולם כאחד טרחו להכות שרשים בארץ. גם לאחר צאתם לחיים עצמאיים לא נטשו הבנים והבנות את הוריהם ועזרו להם בקניית האדמה, אשר עליה היה בנוי צריף מגוריהם. אבא שתל על אדמתו עצי־פרי, קנה פרות והתקיים בכבוד מיגיע כפיו. בימי־חג ומועד היו הבנים והבנות וכל בני־ביתם מתאספים בצריף המשפחה ואושרם היה מלא. שאיפת־אבא למולדת התגשמה. מטרת חייו הושגה.

אבא נאסף אל עמיו בגיל של 72 שנה. אמא האריכה ימים 14 שנה אחריו. יהיה זכרם ברוך ומבורך לעד!

וזאת היא רשימת החלוצים יוצאי־זינקוב שעלו ארצה:

בקבוצה הראשונה:

1. נחום ישפה, ממארגני הקבוצה הראשונה, עלה עוד בשנת 1920.

עלו בשנת 1921:

2. דוד פלדמן (הנגר) ז"ל עם אשתו
3. פרל פלדמן
4. מנדל קורצמן ז"ל, ממייסדי קיבוץ עין־חרוד
5. ישעיה שטיינבס, מושב כפר ויתקין
6. משה (מוני) אברבוך, מושב חבצלת
7. חיה פרנקל־וקסלמן, תל־אביב

8. ישראל וקסלמן, תל־אביב
9. יצחק פרנקל, חיפה
10. בתיה שטרנטל, קיבוץ אילת־השחר
11. ישראל שוורצמן, חיפה
12. יונה זיינצ׳יק, ירד לאמריקה
13. יצחק פיידרמן, ירד לאמריקה
14. אברהם שנקלמן, ירד לאמריקה

בקבוצה השנייה:

15. שלמה שפירא ז״ל, מחלוצי סוללי הכבישים
16. זאב נסיס ז״ל, נפטר באמריקה
17. אבא נסיס ז״ל, נהרג באונת־דרכים בכביש ראשון לציו
18. מנדל ווייסמן ז״ל, חיפה, נפטר בשנת 1956
19. שלמה גולדברג, חיפה
20. ראובן רוזנטל, חיפה
21. דוד פוקס, ירד לאמריקה
22. שמאי שור, ירד לארגנטינה
23. דוב סליטרניק ז״ל, מראשוני עין־חרוד
24. שמואל קורן, מושב נטעים

נוסף על הקבוצות המאורגנות הללו עלו ארצה בזמנים שונים מעיר זינקוב חלוצים בודדים ומשפחות שלמות. בכללם גם אלה שהוגלו בזמנם לסיביר. רובם המכריע הכו שורש בארץ והשתתפו, כל אחד לפי יכולתו, בבנין הארץ.

משה גארבער

אונדזער שטאָט זינקאָוו

אָ, גאָט! לייטער מיין כוח־הדמיון און שטאַרק מיין פען, איך זאָל קאָנען מיט דער פולער קראַפט נאָך אַמאָל ברענגען צום לעבן דיך, מיין טייערע, טייערע אַלטע היים און איך, מיינע הייס געליבטע קדושים מאַרטירער.

וויל איך אויך צו אייער ספר־מאָנומענט אַ פּאָר ציגל צולייגן. ציגל געמישטע און געקנאָטענע מיט בלוט פון מיין האַרצן און מיט טרערן פון מיינע אויגן.

מיין שטאָט זינקאָוו זינט דעם יאָר 1921 און ביז צום אומקום האָב איך שוין ניט געקענט. ווי אַזוי זי האָט געלעבט אונטער דעם סאָוויעטישן רעזשים, צי בעסער, צי ערגער, ווייס איך ניט און נעם מיך ניט אונטער צו אורטיילן, ווייל איך האָב ניט וועגן דעם קיין איינדרוקן און קיין זכרונות. אָבער זינקאָוו און די זינקאָווער פון מיינע ערשטע קינדער־יאָרן ביז דעם טאָג אין וועלכן איך האָב מיין שטאָט פאַרלאָזן, ענדע 1920 אָ, דאָס געדענק איך שוין גאַנץ גוט. עס איז טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, אין מיין האַרצן און יעדן איבר מיינעם.

אָפט ווען איך בלייב אליין מיט זיך דערפילט מיין הארץ אזא נאָגנדיקע נאָסטאלגישע בענקשאַפט און איך רייס מיך אָפּ פון דער גאַנצער אַרומיקערווירקלעכקייט. איך פאַרמאַך מיינע אויגן און פאַל אריין אין אַ מין טראַנס. איך טראָג מיך אַוועק אין מיין מחשבה מיט לאַנגע, לאַנגע יאָרן צוריק, ווייט, ווייט אַהין צו מיין ליבן אָרעמען שטעטל, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן, וווּ מיין וויגל איז געשטאַנען, וווּ טאַטע־מאַמע האָבן געציטערט און געוואַכט איבער מיר און וווּ איך האָב איבערגעלעבט אַזוי פיל לייד און פרייד צוזאַמען מיט מיינע אייגענע, חברים און שכנים.

ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל קומט דאָס צו מיר אַלץ נענטער און נענטער ביז איך דערזע אַלץ אזוי קלאָר, ממש מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן.

איך זע זיי די הייזער, די גאַסן און געסלעך, די וועגן און שטעגן און די פעלדער און בערג, איבער וועלכע איך בין אין מיינע קינדער־יאָרן אַרומגעלאָפן און געשפּילט זיך מיט מיינע חברים.

ווי אויף אַן עקראַן פון אַ קינאָ־טעאַטער לויפן פאַרביי פאַר מיינע אויגן די בילדער, די מענטשן און די פאַרשיידענע פּאַסירונגען, וועלכע זענען מיר עד היום אַזוי ליב, אַזוי טייער.

אָט איז מיין אייגענע היים אויף דער טאַראַוויצע, נאָענט צום פעלד, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן און געלעבט ביז צום לעצטן טאָג, אין וועלכן איך האָב זי פאַרלאָזן.

כדי שוין קיינמאָל, קיינמאָל זי מער נישט צו זען. עס האָט קיין מענטש ניט געזען ווי אין דער קאַלטער, פינצטערער ווינטער־נאַכט, איידער מיר זענען געהאַט אָפּגעפאָרן, בין איך געשטאַנען אין דרויסן אָנגעשפּארט אין דער וואַנט, זיך געזעגנט מיט מיין היים און געוויינט מיט בלוטיקע טרערן.

איך זע זיי אַלע שכנים, וואָס האָבן געלעבט מיט אונדז אונטער איין דאך: מיין פעטער יהושע סענדערס, אָדער שיע פּאָטאָגראַפטשיק. אין זעלבן הויז האָט אויך געוווינט אפרים באַטשקעס און זיין שווער דער קורנאָסער שמש, וואָס פלעגט רופן אין שול אַריין. דאַן קומען די הייזער פון הערש פּוידניק, שמואל סטאָליער, מרדכי בויקעס, שמואל מישאַנדזעניק, ישראל שניידער, צלאי לייבעלעס, איצי מאיר כמעלענקער, בן־ציון שייעס, יענקל האריטאָן און נאָך און נאָך.



גאַרבער, שמואל ליפע סענדערס און זיין פרוי רחל ז״ל
די עלטערן פון משה גאַרבער

איך זע מיין חדר מיט מיין גוטן מלמד סאַני עליו השלום, און באַלד נאָך דעם קומט מיר אַנטקעגן די תלמוד תורה אויף דעם יאַטקע־לאַן און מענדל שוחטס הויז און די לערער מיינע בראַנפמאַן, קויפמאַן, קרעטשמאַר, אשר אלטמאַן און אַנדערע.

דאָרטן, אין דער תלמוד־תורה האָב איך פאַרבראַכט די פריידיקסטע און שענסטע קינדער־יאָרן. דאָרטן איז פאַרלייגט געוואָרן דער סאָלידסטער פונדאַמענט פון וויסן און לערנען, אויף וועלכן עס האָט זיך שפּעטער מיין ווייטעריקע קולטורעלע דערציאונג אויסגעבויט.

איך האָב געהאַט אַן אומבאַגרענעצטע ליבשאַפט צו דער אַרומיקער שיינער נאַטור. ווען די זאַנגען אויף די פעלדער פלעגן שוין זיין הויך און רייף און פלעגן זיך כוואַליען ווי אַ ים פון גאָלד, פלעג איך ליב האָבן אַוועקצוגיין מיט אַ שמאָלן שטעג צו דער „ליבאקער דאָלינע״. אַן אָפּגעזונדערטער פון דער גאַנצער וועלט פלעג איך מיך אויסציען אויף דעם ווייכן שמעקעדיקן גראָז מיטן פּנים אַרויף צום בלאָען לויטערן הימל און טראַכטן און טרוימען חלומות פון גאָלדענער יוגנט און באַוווּנדערן די שיינקייט פון גאָטס וועלט. אוי, ווי גוט עס איז דאַן געווען צו זיין יונג און זאָרגלאָז!

איך דערמאָן מיך אָן די זומערדיקע הייסע שבתים. נאָכן דאַווענען האָט מען אָפּגעגעסן דעם גוטן מיטאָג מיטן טשאָלנט און דעם פעטן קוגל. די עלטערע מענטשן האָבן זיך געהאַט צוגעלייגט און געכאַפּט אַ דרעמל, און מיר יונגוואַרג זענען אַוועק איבער פעלדער און וועלדער, איבער טאָלן און בערג. ווען מיר זענען שוין געווען גוט פאַרשוויצט און מיד, האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט קלעטערן איבער דער געפּערלעכער שמאָלער סטעזשקעלע פאַרביי דער אַלטער טערקישער פעסטונג העט, העט אַרונטער צום קוואַלעכל. דאָרטן האָבן מיר געשטילט אונדזער דורשט מיט דעם אייז־קאַלטן קרישטאָל־קלאָרן וואַסער, וואָס האָט געפּלאָסן פון דעם באַרג אַראָפּ אין אַ שטיינערנער קאָרעטע.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך דערקוויקט און דערפרישט האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אין שאָטן פון די ווערבעס, אונטער וועלכע עס זענען געלאָפן און געמורמלט לעבעדיקע, צאַפּלדיקע ריטשקעלעך. מיר האָבן אָנגעשטופּט אונדזערע קעשענעס מיט פּוטער־קרייט (אַזאַ מין ווייכער בלוילעכער שטיין, פון וועלכן מיר פלעגן שניצן פאַרשידענע שפּי־לעכלעך).

ערשט נאָך דעם אַלעם האָט חברה פאַרטראַכט צו כאַפּן אַ שווים. דער טייך איז געווען ניט ווייט פון דאָרטן, זענען מיר אַוועק אָדער צו דער גרעבלייע אָדער צום מענערשן טייך. אוי, האָב איך מקנא געווען די וואָס האָבן געקאָנט אַריבערשווימען די ברייט פון דעם טייך. אין מיינע קינדערישע אויגן זענען זיי געווען גרעסערע העלדן ווי די וואָס שווימען היינט אַריבער דעם קאַנאַל לאַ־מאַנש.

און צי געדענקט איר, ליבע לאַנדסלייט, די שבתדיקע פאַרנאַכטן, ווען יונג און אַלט, אויסגעפּוצטע אין די שענסטע מלבושים וואָס מען האָט פאַרמאָגט, זענען זיך אַזוי געמיטלעך געגאַנגען שפּאַצירן אויף די גרינע בערג אונטערן וואַלאַסט, אונטערן צווינטער אָדער גאָר אויף די פעלדער ביז צום שוואַרצן צלם און צוריק. מען האָט זיך געקוויקט מיט דער פרישער שמעקעדיקער לופט. מען האָט אָנגעזעטיקט דאָס אויג מיט דעם שיינעם זון־אונטערגאַנג און מיט דער פּרעכטיקער פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבערן גאַנצן טאָל, איבער וועלכן עס זענען געווען צעוואָרפן די דערפער און אין מיטן פון וועלכן עס האָט זיך געשלענגלט דער טייך מיט די קאָלירפולע כאַטקעס, סעדער און גערטנער.

און עס לויפן ווידער פאַר מיינע אויגן די אויסטערלישע בילדער. זיי לויפן שנעל איינס נאָכן אנדערן אָן אַ סדר. אָט קומט אויף פאַר מיינע אויגן דער גרויסער, מאַסיווער בנין, די באַרימטע שול אונדזערע, די שול, וואָס האָט שטענדיק אַרויסגערופן ביי מיר אַזוי פיל באַוווּנדערונג און וואָס איז געווען פאַר מיר שטענדיק אַ גרויסע און אומפאַר־שטענדלעכע רעטעניש. עס האָט זיך מיר אַזוי שטאַרק געוואָלט וויסן פון וואַנען האָט זיך גענומען אין אַזאַ קליין אָרעם שטעטל אַזאַ ריזיקער, קאָלאָסאַלער בנין, אַזאַ מייסטער־ווערק פון אַרכיטעקטור, און ווער זענען עס געווען די קינסטלער, וואָס האָבן געשניצט דעם אומבאַשרייבלעך שיינעם אָרון־קודש, וואָס איך האָב נאָך קיין גלייכן צו אים ביז היינט ניט געזען. ווער זענען פאָרט געווען די בויער און שאַפער פון אַזאַ קאָסטבאַרער אונטערנעמונג ? קיין צופרידנשטעלנדיקן ענטפער האָבן איך קיינמאָל ניט באַקומען. אויף זיכער האָט קיינער גאָרניט געוווּסט.

פון די ווייטסטע ווינקעלעך פון מיין זכרון שווימט אַרויס דער מאַרק מיט די קלייטן און קלייטלעך, מיט די קרעמער און קרעמלעך. די גויעס זיצן אויסגעזעצט מיט זייער

גרינוואַרג און פרוכטן צום פאַרקויפן. ווייטער אין מאַרק זענען די יידישע מאַרק־זיצערקעס און די געבעק־שטעלן און אין דער זייט איז א לאנגע רייע מיט די ליימענע טעפּ, וואָס האָבן בארימט געמאכט זינקאָוו.

מער פון אַלץ זעט זיך אַרויס צווישן די זינקאָווער הייזער יוסל שייעס מויער און חיים קליגערס אומגעלומפערטע גרויסע געביידע מיט די קלייטן אַרום. ניט ווייט פון דעם זע איך די רונדיקע קערניצע לעבן שלמה שאר און שרה יוסי מעכצים. די קערניצע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן און האָט קיינמאָל קיין וואַסער ניט געגעבן.



איציק הערש וואלפביינס פרוי ז״ל



איציק הירש וואלפביין ז״ל

אַלץ, אַלץ זע איך אויפסניי פאַר מיינע אויגן. איך זע זיי די טיפע בלאָטעס און די קאַלטע, פינצטערע ווינטערדיקע טעג און נעכט. דער גרעסטער טייל פון דער באַפעל־קערונג האָט געלעבט אין גרויסער אָרעמקייט, נויט און האָפנונגסלאָזיקייט, אָבער פון דעם וויל איך לאַנג ניט טראַכטן, עס ווילט זיך נאָר געדענקען דאָס שיינע, דאָס גוטע, דאָס טייערע, וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט די ראָמאַנטישע, טרוימערישע יונגע יאָרן מיינע.

עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער נאָך ווייטער דעם פייף פון דיווישעקס ברויערײַ, וואָס האָט געוועקט די אַרבעטער זעקס אַ זייגער פאַרטאָג. דער נאָמען דיווישעק און זיין ביר האָבן אויך גענוג פּאָפּולער געמאַכט אונדזער זינקאָוו.

ניט ווייט פון דער ברויערײַ האָבן זיך געפונען די גאַרבאַרניעס מיט זייער שאַרפן ריח פון דעם קוואַס, אין וועלכן מען פלעגט ווייקן די פעל, וואָס מען פלעגט אויסאַרבעטן פאַר פויערישע פעלצן און פאַר לעדער.

און אָט איז די באָד אונטער דעם משופּעדיקן באַרג, די באָד, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין לעבן פון די זינקאָווער מענטשן. דאָרטן האָבן זיך די זינקאָווער אָרעמע לייט יעדן פרייטיק געוואַשן, געפּאַרעט און דערפרישט זייערע מידע קערפּערס, און פון דער אייבערשטער שוויץ־באַנק האָבן זיי דערקוויקטע געשריען מיט באַנומענע קולות: „פּאָדאַוואַי פּאַרו!" (דערלאַנג פּאַרע!).

און די זינקאָווער פייערלעשער (פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע) געדענקט איר, ליבע לאַנדס־לייט, דאָך זיכער מיט זייערע גראָע מונדירן און גלאַנציקע מעשענע קאַסקעס. איר געדענקט ווי זיי פלעגן מיט זייער גאַנצן קלאַפּערגעצייג זיך אַרויסלאָזן אויף מאַנעווערעס, קריכן אויף דעכער און שפריצן וואַסער פון זייערע „נאַסאָסן". אָבער קיין פייער האָבן זיי בעצם קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרלעשן, ווייל עס איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין וואַסער, וואָס מען האָט באַדאַרפט שלעפּן פון אונטער דעם הויכן לאַנגן באַרג.

דער צענטער פון די פייערלעשער האָט געהייסן „פּאָזשאַרנאַיע דעפּאָ", און אויפן אויבערשטן גאָרן איז געווען אַ זאַל, ווו מען פלעגט איינאָרדענען חתונות. געסט־אַקטיאָרן פלעגן שפּילן דאָרט טעאַטער, און אויך מיר, די יונגע אַמאַטאָרן (ליוביטעלעס), האָבן מיט גרויס התלהבות דאָרטן געשפּילט און אַריינגעבראַכט אַ ביסל ליכט און פרייד אין דעם שטילן, מאָנאָטאָנעם לעבן פון די זינקאָווער מענטשן.

*

און פּלוצלונג איז געקומען אַ טאָג, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם שטילן, רואיקן, אָרעמען לעבן פון זינקאָוו און צו דעם רעגולערן לעבן פון דער גאַנצער וועלט. דאָס איז געווען דער טאָג, ווען עס איז דערקלערט געוואָרן דער ערשטער וועלט־קריג.

צוויי קיילעכדיקע יאָר האָט אָנגעהאַלטן די בלוטבאָד און די שחיטה פון פעלקער ביז רוסלאַנד איז געקומען צום אָפּגרונט פון פולקאָמענעם צוזאַמענברוך. דאַן האָט אויסגעבראָכן די דעמאָקראַטישע קערענסקי־רעוואָלוציע און געמאַכט אַן ענד צום צאַר מיט זיין צעפוילטער אומפעאיקער קליקע און מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, זיך געפרייט, געמאַכט דעמאָנסטראַציעס און געהאַלטן שיינע רירנדיקע רעדעס. אָבער די קערענסקי־רעגירונג איז געווען שוואַך און האָט ניט געוווסט ווי אָנצוהאַלטן און צו באַפעסטיקן איר מאַכט. זי האָט פאָרגעזעצט די פאַרלוירענע זינלאָזע מלחמה, און דאָ זענען געקומען די באָלשעוויקעס און צוגעזאָגט צו מאַכן באַלד אַן ענד צו דער מלחמה. דאָס האָט שטאַרק אימפּאָנירט דעם פאַרמאַטערטן פאָלק און נאָך מער די הונגעריקע בלוטנדיקע אַרמייען, וואָס האָבן געפוילט אין די טראַנשייען. אַזוי אַרום איז געלונגען די באָלשע־וויקעס מיט לענינען און טראָצקין אין דער שפּיץ צו קומען צו דער מאַכט. די קאָנטר־רעוואָלוציע פון אינעווייניק און פון דרויסן האָט זיך ניט אַזוי גרינג געוואָלט אונטער־געבן און געמאַכט איין פאַרזוך נאָכן צווייטן צוריק צו קומען צו דער מאַכט. עס זענען געקומען דעניקין, קאָלטשאַק, פעטליוראַ, די פּאָליאַקן און נאָך און נאָך באַנדעס און באַנדעס. יידיש בלוט און יידיש פאַרמעגן זענען געוואָרן הפקר. מיר האָבן כסדר געלעבט אין שאָטן פון טויט און שרעק, געלעגן אין די קעלערס און אויף די בוידעמס ווי איבערגעשראָקענע געבונדענע שאָף, וואָס וואַרטן אויף דער שחיטה. די באַנדעס האָבן געבושעוועט, גערויבט, געמאָרדעט און געשענדעט יידישע טעכטער. עס איז געווען שווער צו שטאַרבן און נאָך שווערער צו לעבן. דער הונגער און די טיפוס־עפּידעמיע האָבן שוין דערטאָן דאָס איבעריקע.

ענדלעך האָט זיך דער שדים־טאַנץ אַ ביסל איינגעשטילט. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט איז געלאָפן ווי עס לויפן דערשראָקענע חיות פון די פאַרצוקנדיקע פייער־פלאַמען. מיר זענען געלאָפן און פאַרלאָפן אין אַלע עקן פון דער וועלט, קיין אַמע־

ריקע, קיין קאַנאַדע, קיין אַרגענטינע, קיין ארץ־ישראל און וווהין עס האָט זיך נאָר געלאָזט...

*

אָבער ווען עס איז געקומען די שרעקלעכע היטלער־מגפה האָבן שוין אונדזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער ניט געקאָנט מער לויפן, ווייל דער בלוטיקער שונא איז געווען טיכטיק, שטאַרק און גרויזאַם. ער האָט מיט אמתער דייטשער פּינקט־לעכקייט פולקאָם פאַרניכטעט אויף אייביק אונדזער זינקאָוו, זינקאָווער מענטשן און זינקאָווער לעבן.

און איצט זענען מיר די שארית־הפליטה פון זינקאָוו. מיר רופן זיך „לאַנדסלייט״. אין דעם וואָרט „לאַנדסמאַן״ ליגט אַזוי פיל ליבשאַפט, נאָענטקייט און ברודערשאַפט. מיר זענען פאַרבונדן אין סאָסיעטיס און פאַראיינען, וועלכע טראָגן דעם נאָמען זינקאָוו, פון זינקאָווער מענטשן, פון זינקאָווער לעבן.


און אפילו ווען עס קומט דער אומפאַרמיידלעכער סוף, געפינען די זינקאָווער זייער אייביקע רו אויף דעם בית־הקברות, וואָס איז זינקאָווער ערד און וואָס אויף דעם אַריינגאַנג־טויער זיינעם שטייט מיט גרויסע יידישע אותיות די אויפשריפט „זינקאָווער— פאָדאָליער״.

אונדז האָט גאָט אַרויסגעראַטעוועט פון העלישן פייער און עס איז אונדז באַשערט פאָרצוזעצן דעם המשך פון זינקאָוו און דעם קיום פון יידישן פאָלק.

מיר טוען עס און וועלן פאָרזעצן דאָס צו טאָן מיט ליבשאַפט און געטריישאַפט ביז צו דעם לעצטן אָטעם פון אונדזער לעבן.

י. בן־דוד

זכרונות מימים שעברו



יוסף בן־דוד

שני כבישים שתי וערב ביתרו את העיר זינקוב לארבעה חלקים. במרכז ההצטלבות היה קבוע עמוד גבוה ועליו פנס גז, אשר יצר בשעה שדלק עיגול־אור מסביב לעמוד. לאותו עיגול היו הילדים נמשכים כפרפרים, כדי להמשיך ולסיים את משחקיהם שנפסקו עם ערוב היום.

הימים היו ימי מלחמת־העולם הראשונה. פיקוח ההורים והמורים על הילדים התרופף. בתי־הספר היו נסגרים מזמן לזמן משום שהבניינים היו מוחרמים על ידי הכנופיות למיניהן, שהיו מצליחות להשתלט על העיר, ובנייני בתי־הספר כאילו היו מיועדים מתחילתם לצרכי־שיכון חיילים בלבד. הילדים הושפעו מחיי־הסביבה ובמשחקיהם ניסו לחקות את הגדולים. המשחק החביב עליהם ביותר היה משחק בחיילים. כל רחוב ורחוב היה מארגן לעצמו יחידה צבאית עם סגל של מפקדים, אשר מטרתה הייתה לנהל קרב עם ילדי הרחוב השכן. במלחמות שבין יחידה לחברתה היו שבויים ופצועים, ולעיתים גם פצועים לא מדומים כלל.

השלטון בעיר היה מתחלף לעיתים קרובות. מפעם לפעם הייתה מופיעה בעיר כנופיה, שהייתה מתארגנת בסביבה. לפתע היו כדורים שורקים בחלל־העיר. התושבים היו מתחבאים בבתיהם עד יעבור זעם. כך היו מתנהלים החיים בעיר באותם הימים. דאגות פרנסה, מצד אחד, וסכנת חיים, מצד שני.

בהשוואה לעיירות שבסביבה לא היו אבדותינו בנפש מרובות. כפי הנראה, סייעה בידינו „ההגנה העצמית", שהייתה מאורגנת יפה ושהיא הרתיעה את השודדים והבריונים. גרעינו של גדוד ההגנה היה מורכב מסטודנטים, שחזרו לבתיהם מאודיסה והביאו אתם נשק. נוסף על כך היה מצוי נשק אישי בבתים רבים. בביתנו, למשל, היה אקדוח „פרבלום" בעל קנה ארוך, ולא פעם הוצאתיו מן המגרה שבה היה טמון והסתכלתי בו. מי דמה לי אז, כאשר החזקתי בידיי הקטנות את ה„כלי" הגדול ואף הייתי מנסה להפעילו. אינני יכול להבין עד היום כיצד יצאתי שלם מאותם תמרונים.

*

לילה, כפור, שלג בחוץ. פתאום פרצו יריות בלתי־צפויות. בהיותנו למודי־נסיון

ומוכנים לפורענויות התרכזנו בחדר פנימי בבית, אשר קירותיו לא היו גובלים עם הרחוב והיו מוגנים מפני כדורים מכוונים או כדורים תועים.

עם חלוף רגעי הבהלה הראשונה הטינו אוזן להקשיב ולעמוד על מידת היריות וכיוונן ונוכחנו לדעת, כי הן באות מצד ביתו של הרב רבי משה׳לה. משפסקו היריות ונרגעו הרוחות במקצת נתברר לנו, כי בבית־המרזח אשר מאחורי בית הרבי ר׳ משה׳לה התכנסה כנופיה, אשר זממה להשתלט על העיר, אך משנודע הדבר לאנשי ההגנה היהודית, החליטו להפר את המזימה. ניטשה מלחמה פנים אל פנים בין אנשי־הכנופיה וחברי־ההגנה. בחורינו הלכו והתקדמו וכבשו מידי הבריונים חדר אחר חדר בבית־המרזח ועד עליית־הגג הגיעו. כך הם הצליחו להשתלט על הכנופיה ולשימם במעצר בבניין מכבי־האש. וכאן התעוררה שאלה חשובה: לא היו כבלים בידי בחורינו, כדי שיוכלו לאסור בהם את בני־הכנופיה השבויים בידם. השאלה מצאה את פתרונה על ידי משפחת ישפה, אשר חבריה היו מפעילי ההגנה. היא פתחה בלילה את חנותה, הביאה משם שרשראות־ברזל ואנשי־כנופיה נכבלו בהן.

*

ליל שבת. מנוחה ושלווה היו שרויות בעיירה. אך טרם הספקנו לסיים את סעודתנו, והנה פרצו שוב יריות. תוך שניות ספורות חזרו והדהדו מכל פינות העיר הדי יריות וקולות־נפץ. אבא ז״ל אחז בנשקו ויצא.

כל מאמצי אמא להכניסנו למיטות לא עלו בידה. חמקנו מיצועינו, גלשנו ממדרגות־הבית ונעמדנו בקומת־הקרקע, בחדר האורחים. מרובה הייתה סקרנותנו. רצינו גם אנו לדעת מה מתרחש בחוץ.

בשעה מאוחרת בלילה נודע לנו, כי בפרבר העיר שקראו לו „קלינובקה״ התארגנה כנופיה, שמגמתה הייתה להשתלט על העיר וכי רק הודות להתנגדותם המזויינת של בחורי „ההגנה העצמית״ נהדפו אנשי הכנופיה והעיר ניצלה מידם.

*

התרגלנו כבר במשך הזמן לשמועות, שהיו פושטות מפעם לפעם, כי בעיר פלונית או בעיירה אלמונית אירעו מעשי־שוד ורצח מצד הכנופיות השונות. אלו היו כבר בשבילנו חוויות ילדות שיגרתיות עד שפעם, בערב שבת אחת נתבשרה עירנו על סכנה הקרובה לבוא.

השמש עוד עמד במרומי־השמים. קראו אותנו להכנס הביתה. סבתא נ״ע פקדה עלינו להתרחץ, להחליף את בגדינו וללבוש בגדי־שבת. אבל סרבנו תחילה למלא את פקודתה, כי השעה הייתה עוד מוקדמת ואפשר היה עוד לשחק במקצת בחוץ. אך מצב הדברים נתברר לי לאחר שהגיעו לאזניי שיחות סבתא עם הבוגרים. היא אמרה להוריי: „אם נגזר עלינו למות, לפחות נבוא לקבר ישראל רחוצים ולבושים בגדים נקיים״. לפי השמועה החליטה הכנופיה המתקרבת לעיר לערוך טבח בזינקוב כדוגמת הטבח שערכה קודם בפרוסקורוב.

*

לילה. היינו כבר שכובים במיטותינו, והנה פתאום הואר הקיר אשר על יד מיטתי.

להבה שפרצה מאחד הבתים הסמוכים האירה את כל הסביבה. מייד קמה תנועה ברחוב, עגלות הכבאים מיהרו נחפזו לכיוון השרפה. מכל צד ועבר רצו אנשים מבוהלים וניסו להיוודע בדרך מרוצתם מה קרה. לאחר זמן קצר נתברר, כי ביתו של לוי הנגר עולה באש. פעולת ההצלה התארגנה יפה והכבאים ניגשו לפעולות הכיבוי, אך פתאום נפסקה עבודתם, מכיוון שמעליית־הגג פרצו קולות־נפץ, נתברר, כי בעל־הבית, שהיה מחברי־ההגנה הטמין בעליית־הגג משום „עינא בישא" צרכי־תחמושת שונים, ועד שלא נשרפו אלה אי־אפשר היה להמשיך בכיבוי־השרפה.

*

יום אחד נתבשרנו, כי נפסקו הלימודים בבית־הספר. כנופיה שהתבצרה בעיר השתכנה לנוחותה בבית הגדול של בית־הספר ובחדריו הנוחים.

משארכו ימי־הפגרא החליט אבא ז"ל, כי עליי להשלים את הפער אשר נתהווה בלימודיי בעזרת מורה פרטי. ידיד משפחתנו שמואל פרידמן ז"ל נבחר להיות מורי הפרטי. מדי יום ביומו הייתי בא אליו לבית־דירתו, שהיה סמוך לבית־המטבחיים. יום אחד, כשבאתי לקבל את שעורי הסדיר, קידם המורה את פניי בתמיהה: „היום באת ללמוד? כיצד נתנו לך לצאת מן הבית במצב השורר בעיר?" פניי הביעו פליאה ותימהון ובטוב לבו התחיל המורה פרידמן מייד לפייסני ולהסביר לי, כי כנופיה נכנסה לעיר ויש סכנה בדבר להסתובב ברחובות העיר ומה גם לעבור דרך כה ארוכה, שהיה עליי לעבור מבית אבא ז"ל עד ביתו. עם כל אצילותו וגודל־נפשו קשה היה לו להבין לרוחי. וכי מה אשמתי אני הילד, כי מלחמה בעולם וכנופיות מתגודדות בערים ובעיירות? האם בשל כך עליי לוותר על תשוקתי ללימודים?

*

בשכנותנו היה ביתו של הרבי ר׳ משה׳לה זצ"ל. הבית היה גדול ורחב־מידות. אגף אחד של הבית עמד שומם, כי נפגע על ידי שרפה. קומתו התחתונה שימשה למגורי הרבי ומשפחתו הענפה, ואילו הקומה העליונה שימשה בית־כנסת עם עזרת־נשים, והיה בו חדרו הפרטי של הרבי עצמו. בית־הכנסת היה רחב ידיים ומלא אור, ועל אורו החיצוני הוסיף הרבי מאורו הוא. צעיר לימים היה הרבי ר׳ משה׳לה. הוא היה צנוע בהליכותיו ונוח לבריות. הוא היה מקבל כל אדם בסבר פנים יפות בין שהיה זה מפשוטי־העם ובין אחד מתלמידי־החכמים, זקן או צעיר או סתם יהודי, שהיה בא לשאול בעצתו של הרבי. כל אחד ידע, כי הרבי ימצא תשובה לשאלתו ופתרון לבעייה המטרידה אותו. בייחוד אהב הרבי ז"ל ילדים, והיה מקבל אותם בצביטה ידידותית על לחיים.

*

ליל־ההקפות בחצרו של הרבי. עם רב היה מתאסף שם על אף השעה המאוחרת. חסידיו היו ממתינים ביראת־כבוד לצאתו מחדרו. בבית־הכנסת הייתה רבה הצפיפות. ובהופיע הרבי היו חסידיו פורצים בקול שמחה ורינה. כל הקפה הייתה מושכת למעגל הרוקדים גל חדש של רוקדים עליזים ומשולהבים. הרבי עצמו היה מצטרף לרוקדים במאוחר. הוא היה מחזיק בידו ספר־תורה קטן ורוקד לכבוד התורה וקהל חסידיו היה רוקד עמו יחד עד לשעות המאוחרות של הלילה. אכן גם לשמוח ידעו אנשי־זינקוב, ולו אך בשמחת־תורה.

דוד פוקס

מיינע קינדער־יאָרן אין זינקאָוו

ווען גאָט זאָל האָבן געטאָן אַ נס און באַפוילן, אַז די פיר שטעטלעך: זינקאָוו, מעכעלפאָליע, ווינקאָוויץ און סאלאפקאָוויץ זאָלן ווערן איין שטאָט און צונויפרוקן זיך איינע צו די אַנדערע אויף דעם האַלב־רונדן שטח אויף דעם פלאַכן באַרג־הויך ביי דער אַמאָליקער טערקישער פעסטונג, וועלכע מען האָט גערופן „דער שלאָס", וואָלט זינקאָוו געווען אַ גרויסע שטאָט, און איך וואָלט געווען גליקלעך צו קענען פאַררופן זיך מיט אַ פולן מויל: „איך בין אַ זינקאָווער". זענען אָבער די פיר שטעטלעך צעשפרייט געוואָרן איבער אַ גרעסערער שטרעקע און ווינקאָוויץ איז אָפּגעטיילט געווען פון זינקאָוו מיט אַ גרויסן געדיכטן וואַלד און סאלאפקאָוויץ מיט אַ טאָל און דערנאָך מיט אַ באַרגיקן וועג אַרויף, און דער עיקר איז וואָס מעכעלפאָליע איז געווען אָפּגעטיילט פון די אַנדערע דריי ישובים מיט אַ קליינער אָזיערע, וועלכע מען האָט באַדאַרפט פארבייפאָרן ביים אריינקומען אין שטעטל אַריין דורך אַ ליימענעם וועג, וואָס האָט זיך געצויגן באַרג ארויף. דער וועג איז געווען די מערסטע טעג פון יאָר באַדעקט מיט אַ צעווייקטער ליימענער בלאָטע, וועלכע פלעגט זיך ניט אויסטריקענען צווישן איין רעגן און דעם אַנדערן. ווער שמועסט נאָך אין ווינטער־צייט. דאַן פלעגט דער שטארקער פראָסט פארוואנדלען דעם נאַסן ליים אין שפיציקע הרודעס אזוי אז עס איז ווידער געווען שווער זיי אַריבערצושפרייזן.

אין דעם דאָזיקן „ליימעדיקן שטעטל" האָט מיין מוטער, וועלכע האָט געהאט איר גאַנצע משפחה אין זינקאָוו, דווקא אויסגעקליבן צו ברענגען מיך אויף דער וועלט. מיין פאָטער פייוויש ע"ה איז באַלד איבערגעפאָרן מיט דער משפחה אין דאָרף פאקוטעניץ, וואָס איז געלעגן עטלעכע וויאָרסט ווייט פון זינקאָוו, און ער האָט געשמט מיטן נאָמען פייוויש פון פאקוטעניץ. אין יענעם דאָרף איז שוין מיין עלטער־זיידע געווען א ישובניק.

ווען איך בין געווען אַ בחורל פון גאַנצע דריי יאָר האָבן מיינע עלטערן מיך אָפּגעפירט קיין מעכעלפאָליע, ווו כ'בין געבוירן געוואָרן, און איבערגעגעבן צו מיין זיידן אליהו דעם חזן, ער זאָל מיך דערציען און לאָזן גיין אין חדר צוזאמען מיט אַנדערע ידישע קינדער, אַזוי אַז איך זאָל ניט אויסוואַקסן חלילה אַ שייגעץ. אַהיים אין דאָרף אַריין פלעגט מען מיך נעמען נאָר פאַר יום־טובים און גלייך נאָך יום־טוב פלעגט מען מיך אָפּפירן צוריק.

די ערשטע פונדאַמענטן פון מיין ידישן לערנען זענען פאַרלייגט געוואָרן אין

יענעם פאַראייניזאַמטן יידישן שטעטל מעכעלפאָליע און איך וועל אים מיין גאַנצן לעבן געדענקען מיט ליבע.

היטלער, ימח שמו, האָט פון די אַלע יידישע שטעטלעך געמאַכט איין גרויסן חורבן, אָבער אין יענע שטילע געמיטלעכע צייטן האָבן זיי אַלע געלעבט אין אַ גוטער שכנהשאַפט.

טיפער פון אַלץ האָט זיך אָבער אין מיין האַרצן איינגעקריצט די שטאָט זינקאָוו, וווּ איך האָב פאַרבראַכט זענען געווען די שענסטע יאָרן פון מיין יוגנט. ווייל די עטלעכע יאָר, וועלכע איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט זענען געווען די שענסטע יאָרן פון מיין יוגנט.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן מיינע עלטערן זיך באַזעצט אין דעם דאָרף פּאַקוטעניץ, אַרום 5 וויאָרסט פון זינקאָוו. אין יענעם דאָרף האָבן געוווינט עטלעכע יידישע פאַמיליעס און ווען די קינדער זענען שוין אַביסל אונטערגעוואַקסן, האָט מען אַראָפּגעבראַכט אין דאָרף אַ לערער. עס זענען געווען דעמאָלט די פרידלעכע יאָרן, איידער עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. עס האָט זיך גוט געלעבט אַ קליינעם ייִנגל אין דאָרף. אין סאָד הינטערן הויז זענען געוואַקסן עפּל און באַרנעס לרוב, ווי אויך זאַפּטיקע פלוימען. איבערן גראָז איז געווען אַ מחיה אַרומצולויפן מיט באָרוועסע פיס, און כאָטש עס איז נישט געווען קיין אייגענע דירה און קיין אייגענער סאָד, וועמען האָט דאָס געאַרט?

ביי די אַנדערע יידישע דאָרפסלייט זענען אויך געווען קינדער, מיט וועלכע מען האָט געקאָנט גוט פאַרברענגען. איז וואָס פאַר אַ באַטרעף איז געווען צו לאָזן זיך לויפן ביז צום צוויטן עק פון דאָרף ביז צו דער מיל (דער מילנער איז געווען אַ ייד) און באָדן זיך דאָרטן מיט דער גאַנצער חברה אונטער די „לאַטאַקעס”, די וואַסער־פאַלן, וואָס איבער די רעדער פון דער מיל אין דער קליינער ריטשקע.

מיט די שכנהשע פויערים האָט מען אויך געלעבט בשלום.

מען האָט, דאַכט זיך, געקאָנט אַזוי זיך אויסלעבן לאַנגע יאָרן אין פרייד, איז אָבער אָנגעשיקט געוואָרן די מלחמה און דערנאָך די אומרוען פון די באַוואָפנטע באַנדעס, וועלכע האָבן, קודם כל, אויסגעלאָזט זייערע רציחה־אינסטינקטן אויף די יידן.

אין משך פון דער צייט, וואָס איך בין געווען מיט מיינע עלטערן אין דאָרף פלעגן מיר צוזאַמען אָדער איך אַליין קומען אָפט קיין זינקאָוו. מען פלעגט פאָרן אין שטאָט איינקויפן פּראָדוקטן אָדער פאַרקויפן עפּעס, וואָס מען האָט געהאַט געקויפט ביי די פויערים. מיר האָבן דאָרטן געהאַט אויך משפחה. דאָרטן האָט געלעבט מיין מומע גיטל ע״ה מיט איר משפחה, צווישן וועלכע עס איז געווען אויך איר טאָכטער סאָניע, מיין איצטיקע פרוי. זיי האָבן פריער געוווינט ביי דער גרענעץ צווישן עסטרייך און רוסלאַנד און נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה זענען זיי איבערגעפאָרן קיין זינקאָוו און זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ הויז אויף יענער גאַס, וועלכע איז אַזוי אויספירלעך באַשריבן אין אונדזער געדענקבוך דורך פריינט ישראל רויטבורד. דער ערשטער פריינט, וועלכן איך האָב געהאַט פאַרשאַפן אין זינקאָוו, איז טאַקע געווען ישראל סאַניס (רויטבורד). ערשטנס, איז זיין הויז געווען אַן אָפּן הויז פאַר יוגנט. ישראלס פאָטער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען און פריינטלעך אויסצולעבן זיך מיט יוגנט. ביי זיי אין הויז האָט זיך אויך אויפגעהאַלטן ישראלס אַ קרובה, אַ שיין מיידל מיטן נאָמען

בתיה, וועלכע איז געווען אַ קיילעכדיקע יתומה און איז געווען אַ גוטע חברטע פון מיין קוזינע סאָניע. צווישן אונדז האָט זיך פאַרבונדן אַ גוטע חברשאַפט.

אין סאָנים הויז האָט זיך אויך אָנגעהויבן די תקופה פון מיין גייסטיקער אויס־בילדונג. סאָני פלעגט פירן מיט אונדז שמועסן איבער פאַרשיידענע פראַגן און ישראל פלעגט שוין דאַן באַקומען דעם רוסישן אילוסטרירטן זשורנאַל „ניווא", וועלכער פלעגט געבן אַלס פרעמיעס די ווערק פון די בעסטע רוסישע שרייבער. די ביכער האָב איך געלייענט מיט גרויס חשק און זיי האָבן געהאַט אַ דעציזידירנדיקע ווירקונג אויף מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג. איך פלעג פון צייט צו צייט אויך קאָנען אַריינקוקן אין די טעגלעכע יידישע צייטונגען „מאָמענט" און „היינט", וועלכע דער פאָטער ע"ה האָט געהאַט אויסגעשריבן פאַר זיך אין דאָרף, ווי אויך אין דער „קייעווסקאייא מיסל", וועלכע איינער פון די יידישע דאָרפסלייט האָט געהאַט אויסגעשריבן.

*

דאָס פריערדיקע שטילע לעבן האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שווערע טעג פון געראַנגל צווישן רעוואָלוציע און קאָנטררעוואָלוציע. עס האָבן אָנגעהויבן בושעווען אין אונדזער געגנט די מערדערישע באַנדעס. אויף די עלטערנס הויז אין דאָרף איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאָגראָם, אַלץ וואָס אין הויז איז צעראַבירט געוואָרן און מיין ביבליאָטעק, וועלכע איך האָב אָנגעזאַמלט מיט אַזוי פיל מי, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַרג שמות, וועלכע זענען צעטראָגן געוואָרן אין אַלע זייטן דורכן ווינט, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן אין שטוב אַריין דורך די צעבראָכענע שויבן.

דער הערשנדיקער מצב האָט געבראַכט דערצו, אַז די גאַנצע משפחה איז אַריבערגעקומען קיין זינקאָוו, ווי מען זאָגט, „מיט דער בייטש".

בשעת מיינע פריערדיקע באַזוכן אין זינקאָוו האָב איך מיך שוין געהאַט באַקאַנט מיט די אַלע חברים, וועלכע זענען געווען פאַרטאָן מיט אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. מיר האָבן זיך איצט נאָך מער דערנענטערט, און איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון „החלוץ", און הגם פאָטער און מוטער האָבן פראָטעסטירט, ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך דעם בן יחיד ערגעץ אין דער אומבאַקאַנטער וועלט אַריין, האָט זיך זיי בלויז איינגעגעבן אָפּצוהאַלטן מיך פון אוועקפאָרן מיט דער ערשטער גרופּע חלוצים פון זינקאָוו. מיט דער צווייטער גרופּע בין איך שוין אַרויסגעפאָרן, ניט קוקנדיק אויף מיינע עלטערנס פראָטעסטן. איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז איך וועל זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל ביי דער ערשטער מעגלעכקייט. ליידער איז מיר דאָס ניט געווען באַשערט: מיין פאָטער איז געשטאָרבן אין זינקאָוו מיט אַ נאַטירלעכן טויט, מיין מוטער איז אומגעקומען ביי די מערדער — די נאַציס. זאָל זייער אָנדענקען בלייבן געערט אויף אייביק צוזאַמען מיט דער שטאָט זינקאָוו, אין וועלכער איך האָב מיין יוגנט פאַרבראַכט.

משה גרינמאַן

מיינע קינדער-יאָרן אין זינקאָוו

מיין פאָטער ישראל ע״ה איז געווען אַן אַקטיווער כלל-טוער אין אונדזער שטאָט זינקאָוו צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּריינט, וועלכע האָבן זיך מיט אים געחברט און פאַרנומען זיך מיט צרכי-ציבור.

אין יענע יאָרן זענען געווען אין זינקאָוו עטלעכע חדרים מיט מלמדים, וואָס האָבן געלערנט מיט די זינקאָווער קינדער חומש מיט רש״י און אויך גמרא. עס איז אויך געווען אַ תלמוד-תורה, וואָס איז געווען מער פּראָגרעסיוו ווי די חדרים, אָבער אַלץ כמעט אויף דעם זעלביקן שטייגער. האָבן די געזעלשאַפטלעכע טוער צוזאַמען מיט מיין פאָטער איינגעזען, אַז מען דאַרף מיט די קינדער לערנען אויך די רוסישע שפּראַך און זיי געבן אַ וועלטלעכע דערציאונג. האָט מען באַשלאָסן צו בויען אַ נייע תלמוד-תורה נעבן דער אַלטער און צו ברענגען קיין זינקאָוו לערער פון די גרעסערע שטעט, וואָס זאָלן קאָנען געבן אַ נייע ריכטונג דער דערציאונגס-אַרבעט.

אויך איז באַשלאָסן געוואָרן צו בויען אין שטאָט א נייע באָד, כדי יידן זאָלן ניט דאַרפן גיין ווינטער אין די קעלטן ווייט אַוועק אויסער דער שטאָט אין דער אַלטער באָד.

צו דעם צוועק זענען אויסגעבויט געוואָרן צוויי גרויסע געביידעס אויף דעם אַלטן לאַן נעבן דער אַלטער תלמוד-תורה. אָבער בלויז די ווענט זענען פאַרטיק געוואָרן און מען האָט ניט געקאָנט פאַרענדיקן די בנינים, ווייל עס האָבן זיך אויסגעשעפּט די געלט-מיטלען אין דער שטאָטישער קאַסע. דאַן האָבן זיך די עסקנים פון דער גרופּע כלל-טוער געלאָזט איבער דער שטאָט זאַמלען געלט צום פאַרענדיקן די געביידעס. צוערשט האָט מען זיך געווענדעט צו די עטלעכע גבירים אין שטאָט און מען האָט פון זיי פאַרלאַנגט אַ גרעסערע באַשטייערונג צו דעם דאָזיקן צוועק. אָבער, ווי עס איז באַוווסט, זענען גבירים ניט קיין שטאַרק מילדע לייט. האָבן זיך אַ פּאָר פון זיי אין גאַנצן אָפּגעזאָגט צו געבן געלט.

וואָס קאָן מען אין אַזאַ פאַל טאָן? האָט מען געפונען אַ מיטל: „אויב די גבירים ווילן ניט געבןביים לעבן, וועלן זיי געבן נאָך זייער טויט״. דאָס מיינט פשוט, אַז מען וועט זיי ניט מקבר זיין ביז זייערע יורשים וועלן ניט דערפילן דעם געזעלשאַפטלעך וויכטיקן חוב, וואָס די שטאָט האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט — צו פאַרענדיקן די צוויי געביידעס, וואָס זענען אַזוי שטאַרק נייטיק פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. גראַד אָבער האָבן זיך די גבירים-קמצנים ניט געאיילט צו שטאַרבן און די צוויי בנינים זענען געשטאַנען אַ לענגערע צייט ניט פאַרענדיקט. דערפאַר אָבער האָבן מיר קליינוואַרג

געוווּנטשן די גבירים־קמצנים אריכות ימים, ווייל מיר האָבן זיך געהאַט באַנוצט מיט די צוויי ניט פאַרענדיקטע בנינים אַלס פעסטונגען בעת מיר האָב זיך געשפּילט אין „מלחמות״: איין גרופּע קינדער האָט זיך געהאַט באַפעסטיקט אין איין געביידע און די אַנדערע גרופּע קינדער אין דער צווייטער, און מיר פלעגן קלעטערן אויף די ווענט און אויסשפּירן דעם „שונאס״ פּאָזיציעס. אין משך פון דער צייט זענען די ווענט אויף אַזאַ אופן צעשפּליטערט געוואָרן.

מיין פאָטער ע״ה האָט איינגעזען, אַז מען קאָן ניט לאַנג וואַרטן ביז די מאָדערנע תלמוד־תורה וועט פאַרטיק ווערן, האָט ער זיך געווענדעט צו דער איינציקער רוסישער שקאָלע, וואָס האָט עקזיסטירט אין זינקאָוו. דאָ איז אָבער געשטאַנען אין וועג די פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידישע קינדער. איבער דער דאָזיקער גזירה האָט דעם פאָטער זיך איינגעגעבן גובר צו זיין דורך דעם באַקאַנטן מיטל, וואָס איז באַשטאַנען בשעת דער צאַרישער צייט... און דער פּרינציפּאַל פון דער רוסישער שולע סימנעוויטש האָט פאַר מיר געעפנט די טירן פון דער שקאָלע.

און דאָ וויל איך דערציילן איין עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט אין דער שקאָלע: צווישן די עטלעכע יידישע תלמידים און תלמידות, וואָס האָבן געלערנט אין שקאָלע, האָט זיך געפונען אונדזער חבר נחום ישפה. ער איז יחיאל איצי מאַנישעס זון און לעבט שוין לאַנגע יאָרן אין ישראל. זיין איינציקער זון, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז געפאַלן בשעת דער באַפרייאונגס־מלחמה אין ישראל (כבוד זיין אָנדענק!). נחום ישפה איז דאַן געווען נאָך אַ יינגל פון אַרום 12 יאָר אַלט. האָט פּאַסירט איין מאָל מיטאָג־צייט בשעת מען לאָזט אַרויס די קינדער פון שקאָלע עסן, האָט נחום ישפה אויסגעשטעלט אַ „פייג״ דעם בילד פון קיסר ניקאָלאַי דעם צווייטן, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. איינער פון די קריסטלעכע תלמידים האָט דאָס באַמערקט און האָט וועגן דעם דערציילט דעם פּרינציפּאַל סימנעוויטש. סימנעוויטש האָט אַריינגעבראַכט נחומען אין אַ באַזונדער צימער און האָט אים שטאַרק צעמזיקט. ווען נחום איז אַרויס פון צימער, איז ער געווען בלאָ פון קלעפּ. מיר יידישע קינדער זענען געזעסן און געציטערט פון שרעק פאַר ווייטערדיקע גזירות אויף יידישע קינדער. אָבער סימנעוויטש האָט זיך בעסער באַנוצט מיט דער געשעעניש, כדי אַרויסצופּרעסן געלט ביי נחומס פאָטער פאַר דעם „פאַרברעכן״, מישטיינס געזאָגט, וואָס זיין 12־יאָריקער יינגל איז באַגאַנגען.

דאָס איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד פון יידישן לעבן אין דער צאַרישער תקופה אין זינקאָוו, און ניט נאָר אין זינקאָוו אַליין.

דאָס לעבן און אומקום פון אַ יידישער משפחה

איך וועל אָנהייבן מיט מיין אייגענער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, מיט מיין אייגענער משפחה.

מיין טאַטע, עליו השלום, איז געווען ישראל איינקויפער, און ווער אין זינקאָוו האָט נישט געקענט ישראל איינקויפער? מען האָט אים אַזוי גערופן דערפאַר, ווייל ער פלעגט פאָרן אין די גרעסערע שטעט פון אונדזער געגנט, ווי פּראָסקוראָוו, קאַמענעץ און אפילו

קיין אָדעס און איינקויפן סחורה פאַר די זינקאָווער קרעמער און אויך אַנדערע זאַכן, אין וועלכע אונדזער שטעטל פלעגט זיך נייטיקן און ניט קאָנען באַקומען.

ווען אַ קרעמער פלעגט זיך נייטיקן אין אַ ביסל סחורה, כדי אויסצופילן די פּאָלי־צעס פון זיין קלייט, האָט ער זיך ניט געקאָנט דערלויבן צו פאָרן און עס איינקויפן, פלעגט ער מאַכן אַ צעטל און ברענגען צו מיין טאַטן. ווען עס פלעגט זיך אָנזאַמלען אַ געהעריקע צאָל פון אַזעלכע באַשטעלונגען, פלעגט מיין פאָטער דינגען אַ פּאָר פויער־ישע פורן און פלעגט פאָרן אין די גרעסערע שטעט, דאָרט אַלץ איינקויפן און ברענגען קיין זינקאָוו. עס פאַרשטייט זיך, אַז מיין פאָטער פלעגט באַקומען אַ באַשטימטן לוין פאַר זיין טירחא, וואָס מיר וואָלטן דאָ גערופן „קאָמיסיאָן״. אויך פלעגט מיין פאָטער באַזאָרגן די תלמוד־תורה, די רוסישע שולע און אַלע די, וואָס האָבן געלערנט פּריוואַט, מיט די נייטיקע לערנביכער. איך זע זיי נאָך היינט די בערג מיט ביכער, וואָס פלעגן זיין אויסגעלייגט אין אונדזער שטוב. ביכער פון פאַרשידענע קאָלירן און שפּראַכן, אין וועלכע איך האָב תמיד געזוכט צופרידן צו שטעלן מיין נייגעריקייט.

אַפילו מיט פּסחדיקן שנאַפּס האָט אויך מיין פאָטער פאַרזאָרגט די זינקאָווער יידן. אַלץ, אַלץ האָט ער געבראַכט, וואָס מען האָט נאָר ביי אים באַשטעלט, און דערפאַר האָט מען מיין טאַטן גערופן „ישראל איינקויפער״, און ניט מיט זיין אמתן פאַמיליע־נאָמען ישראל גרינמאַן, ווייל זינקאָוו האָט בכלל ניט געהאַלטן פון קיין פאַמיליע־נעמען.

מיין מאַמע האָט געהייסן מרים און מען האָט זי גערופן אויף איר פאָטערס נאָמען — מרים שלמהס.



די פאַמיליע פון ישראל איינקויפער. חוץ איינעם איז די משפחה פון 30 מיטגלידער אומגעקומען

*

איך הייב אָן מיינע זכרונות פון די פריעסטע קינדער־יאָרן, בשעת מיר זענען געווען נאָך בלויז אַ פּאָר קינדער אין הויז, איידער עס איז צוגעקומען אַ קינד נאָך אַ קינד און דער בוים פון אונדזער משפּחה איז זיך צעוואַקסן און זיך צעבליט און האָט אַרויסגע־שפּראָצט אַ צווייג נאָך אַ צווייג.

מיין טאַטע איז ניט געווען קיין נגיד, אָבער פּרנסה האָט ער געהאַט בהרחבה. ער האָט געשיקט אַלע זיינע קינדער פריער אין די חדרים און דערנאָך אין דער צווייקלאַסי־קער רוסישער שקאָלע. סיי די יינגלעך און סיי די מיידלעך האָט ער געגעבן די זעלבע מעגלעכקייט צו לערנען.

דער טאַטע האָט אויך געהאַט אַן אייזן־קלייט אין חיים קלוגערס שטוב. ווען איך בין עלטער געוואָרן האָב איך צוגעהאָלפן פירן די קלייט און שפּעטער האָב איך כמעט געפירט אַליין דאָס גאַנצע געשעפט און באַפרייט מיין פאָטער ער זאָל קענען זיך פאַר־נעמען מיט זיין איינקויפעריי.

איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה און געמאַכט אַן איבערקערעניש אין לעבן פון דער גאַנצער וועלט און אויך אין לעבן פון מיין משפּחה. עס איז געקומען די צייט, ווען איך האָב מיך גערדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו.איך בין געווען אַ שיינער בחור, געזונט און קרעפטיק. האָט מען געוווסט, אַז „פּאַניע״ וועט מיך אויסכאַפּן מיט ביידע הענט און נעמען פאַר אַ סאָלדאַט. ווי האָבן טאַטע־מאַמע געקענט אַזעלכעס דערלאָזן, אַז זייער זון זאָל גיין אין צאַרישן מיליטער־דינסט, בפרט אין אַ צייט פון מלחמה. די יידן האָבן גוט געוווסט, אַז זיי האָבן ניט פאַרוואָס זייער לעבן אָפּצוגעבן, ווייל זיי זענען געווען צווייטראַנגיקע בירגער און אפשר נאָך נידעריקער. דערצו האָט מען זיי אין דער אַרמיי גופא שלעכט באַהאַנדלט, באַצויגן זיך צו זיי מיט שנאה און פאַרפאָלגונגען. מען האָט באַשולדיקט יידן אין פּשוטער פּחדנות. אָבער די דאָזיקע באַשולדיקונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַבסאָלוט פאַלשע, ווייל עס האָבן זיך באַשיימפּערלעך אַרויסגעוויזן די העלדישע מעשים פון אונדזער יוגנט אומעטום, ווו זיי האָבן געהאַט פאַר זיך אַ באַ־שטימטן ציל, ווי, למשל, שפּעטער אין דער רויטער אַרמיי, אָדער אין אַמעריקע און גאָר באַזונדער אין דער באַפרייערישער ישראל־אַרמיי.

מיין טאַטע האָט דעריבער אָנגעווענדעט אַלע כוחות, כדי ניט צו דערלאָזן איך זאָל גיין אין דער צאַרישער מלחמה.

דערווייל איז אָנגעקומען די שטורמישע צייט פון רעוואָלוציע און קאָנטררעוואָלוציע: אַ געוויסע צייט האָט אין אונדזער געגנט געהערשט כאַאָס און אַנאַרכיע. דער גרעסטער טייל זינקאָווער יונגעלייט איז שוין אין מיליטער בכלל ניט געגאַנגען און מיר האָבן באַקומען די צונעמענישן „טריפהנע האָזן״ און „ליאטשיקעס״. די פּאָליציי האָט אָפּט געמאַכט אין שטאָט אָבלאַוועס, כדי צו כאַפּן דעזערטערן, אָבער יעדעס מאָל האָט מען געלאָזט וויסן פאָרויס וועגן אַזעלכע אָבלאַוועס, ווייל דער פּריסטאַוו האָט באַקומען אַ געהעריקע „מתנת־יד״...

ווען עס האָט זיך אין אַ לענגערער צייט אַרום איינגעשטעלט דער סאָוויעטישער רעזשים, זענען מיר — אַ גרופּע זינקאָווער בחורים — אַוועקגעפאָרן קיין פּראָסקוראָוו און אַריינגעטראָטן אַרבעטן אין דער אָפּטיילונג פאַר פּראָוויאַנטירונג פון דער סאָוויע־

טישער אַרמיי און פאַר דער בירגערלעכער באַפעלקערונג. דאָס האָט אונדז באַפרייט פון אַקטיוון מיליטער־דינסט.

באַלד איז אָנגעקומען אַ מעלדונג, אַז די פּעטליורע־באַנדעס דערנענטערן זיך צו פּראָסקוראָוו. די אַנשטאַלט, ווו מיר האָבן געאַרבעט האָט זיך גענומען שנעל עוואַקוּאירן און מיר האָבן געדאַרפט מיטפאָרן מיט זיי. אָבער מיר, זינקאָווער בחורים, האָבן באַ־שלאָסן דורכשלאָגן זיך און קומען צוריק קיין זינקאָוו.




ר׳בי מאיר יוסף (דער שוואַרצער רב) מיט אַ ט״יל משפחה. די עלטערן און אַ טייל קינדער אומגעקומען
שכנא און שרה וואַסערמאַן, זייער זון יוסף און פאַמיליע. אַלע אומגעקומען

דאָ מוז איך דערציילן אַ געשיכטע, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער כאַאָטישער צייט. די זינקאָווער בעלי־עגלות, וואָס האָבן געפירט פּאַסאַזשירן קיין פּראָסקוראָוו און צוריק, האָבן שוין ניט געוואַגט צו פאָרן צוליב מורא ניט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די פּעטלורישע באַנדיטן. צו פיל צייט האָבן מיר ניט געהאַט צו טראַכטן און מיר האָבן באַשלאָסן גיין צופוס. אין אַ שיינעם זומערדיקן פאַרטאָג האָבן מיר, פיר זינקאָווער בחורים: איך, משה גאַרבער, איזי בייטלמאַן און מיין שפּעטערדיקער שוואָגער ליאָווא פינקעל, געלאָזן זיך אין וועג אַריין קיין מעכעלפאלי. מיר זענען געווען אַזוי נאַיוו, אַז מיר זענען לכתחילה ניט געוואָר געוואָרן פון וועלכער ריכטונג די רוצחישע באַנדעס קומען אָן. מיר זענען אָנגעקומען דערשראָקענע און פאַרשוויצטע אין אַ נאָענטן דאָרף, און ווי פינצטער איז אונדז געוואָרן אין די אויגן, ווען מיר האָבן דערזען, אַז דאָס דאָרף איז פול מיט סאָלדאַטן. צוריקגיין איז שוין געווען צו שפּעט, ווייל מען האָט אונדז שוין געהאַט באַמערקט. מיט ציטערדיקע הערצער זענען מיר געגאַנגען ווייטער, ניט מאַכנדיק זיך וויסן פון דעם, וואָס עס איז געשען. אונדזער שרעק איז נאָך גרעסער געווען צוליב דעם, וואָס מיר האָבן געוואַגט אַרונטערצולייגן אונטערן אונטערשלאַק פון אונדזערע היטלען די באָלשעוויסטישע דאָקומענטן. און דאָ האָט אונדז דערוואַרט אַ פריי־דיקע איבערראַשונג: דאָס איז געווען אַ רויטאַרמייאישע אָפּטיילונג און מיר האָבן געקאָנט רואיק פאָרזעצן אונדזער גאַנג אַרויס פון דאָרף און קיינער האָט אונדז גאָרניט ניט געפרעגט.

שלמה בן־דוד (בלינדר), נתניה

זינקוב — עיר מולדתי!

זוכר אני אותך, עירי, במעורפל כמעט לאחר יובל שנים שעברו משעת עזבי אותך.
לאחר נישואיו של אבי היקר דוד בלינדר ז״ל עם אמנו אהובה בת ר׳ יעקב ורבקה חסיד ז״ל, הם עברו לשבת בעיר־הגבול הוסייאטין, אשר בתור רוקח לפי מקצועו פתח בה בית־מרקחת.
חזרתי אליך, עירי, לאחר פרוץ מלחמת־העולם הראשונה, לכשגורשנו מעיר הגבול, ועזבתי אותך לבלי שוב יותר אליך בהיותי בר־מצוה בדרך עלייתנו ארצה.



והנני מצייר היום, לאחר מרחק של שנים כה רבות את דמותך, עירי, ומעלה זכרונות שהם מקוטעים, אולם אופייניים ביותר.
זכור אני יפה, שעיירתנו היתה מחולקת לארבעה רבעים על ידי הרחובות המרכזיים, שהיו מצטלבים זה עם זה. במרכז הצלב היה ניצב הפנס הגדול, אשר משמש בעיקר בשעת ערב מרכז־החדשות והשיחות העירוניות.
רובע אחד היה משמש מרכז בית הרבי ר׳ משה׳לה זצ״ל, שבו היו מתכנסים חסידיו הרבים. על ידו היה גר גם סבי ר׳ יעקב.
רובע שני שימשה כיכר־השוק הגדולה על אכסניותיה עם הבאר, אשר ממנה היו

בני־העיר נושאי־אסלות על כתפותיהם שואבים מים לצרכי־ביתם וממלאים מהם חביות למשך כל השבוע.

רובע שלישי שימשה חצר הרבי ר׳ פינחס׳ל זצ״ל, אחיו של ר׳ משה׳לה, שהיו לו חסידים משלו.

והרובע הרביעי הוא הרובע העתיק ביותר עם בית־הכנסת, שהשתרע במרכזו ושייחסו אותו לתקופת כמלניצקי. היו קוראים לו „מובשיבקא״, כנראה, משורש תפירה ברוסית על אשר גרה בשכנותו בעיקר דלת־העם ובעיקר חייטים וסנדלרים.

רוב תושבי עיירתנו היו מתפרנסים מן המסחר הזעיר ומן הרוכלות. היו קיימים בעיר גם כמה בתי־מסחר יותר גדולים. בפעילות מסחרית היו מצטיינים, כרגיל בעיירות, ימי־השוק, בכל יום שלישי בשבוע, בו היו איכרים מן הכפרים הסמוכים מביאים העירה למכירה את תוצרתם החקלאית והיו קונים לעצמם צרכי־מרכולת שונים.

לאחר אשר סידר אבא עם שובנו לזינקוב את עסקי הפרנסה האלמנטרית, כביכול, טרח ביותר לארגן את חינוך בניו, ועם היותו ציוני נלהב וציר נבחר לקונגרס הציוני האחד עשר בווינה, לא רצה שנקבל חינוך בחדר הישן, בתלמוד־תורה או בבית־הספר הרוסי, ופתח בתעמולה ובמלחמה לייסוד בית־ספר עברי בעיר. ואמנם לאחר מלחמה קשה ובעזרת קומץ של משוגעים לדבר כמוהו הוקם בית־הספר, אשר בו שימשו בתור מורים ש. .פרידמן ז״ל, ש. שטינברג, אחיו של הסופר יהודה שטינברג, גולדשטין, הימלפרב ועוד. בעיקר נעזר אבא בפעולתו האירגונית בשדה החינוך על ידי המשפחות וורצמן, אברבוך, קפלן, פרנקל, על ידי דודי יחיאל ישפה ז״ל ודודי יצחק סאדיקוב, שהיו פעילי הרעיון הציוני בעירנו.

אותו זמן התארגנה גם קבוצה דרמטית של נוער בוגר, שהעלתה על הבמה הצגות בעברית וביידיש.

באולם מכבי־האש, שהפך למרכז בידור לנוער ולמבוגרים, הקימונו אנחנו הקטנים את אגודת „פרחי־ציון״ ובעזרת החסכונות שהיו לנו ובתוספת תרומות משל אחרים הקימונו את הספריה העברית הראשונה, אשר בה קיבלנו הכשרה ציונית ראשונה ומן החומר שבספריה טווינו את חלומנו על עליה ארצה.

אפתעה מיוחדת לנוער ואמצעי בידור ובילוי בלתי־רגיל שימש לנוער הזינקובאי גם המבצר הטורקי המפורסם עם שביל הנחש שהוביל אל המעיין שבתחתיתו בעומק של 100 מטרים. לא אחת שימש המקום ההוא בימי הקיץ גם מעבר לנהר הקרוב. בשעת לכתנו באותה דרך היו נאלצים לעבור ברחובות הכפר, שבו היו אורבים לנו לא פעם ה„שקצים״ והיו מכבדים אותנו באבנים ובמקלות ולא פעם היינו חוזרים משם קרועים ובלואים, אולם לעתים היינו משיבים להם מכות כהלכה, בייחוד כשהיה עומד בראש חבורתנו בן דודנו נחום ישפה, המכונה בפי ה„שקצים״ „רודוי ג׳ינג׳י״, שמפניו פחדו לא רק נערי־הכפרים הסמוכים, כי אם גם עבריינים מועדים היו נמנעים להיפגש אתו מפחד נחת זרועו. נחום עמד גם בראש ההגנה בתקופת־הפרעות ואנו הקטנים היינו נושאי־כליו.

בהיותנו דרים בשכנותו של הרבי ר׳ משה׳לה היינו בין באי־ביתו הקבועים והיינו משחקים יחד עם ילדי־הרבי. והנה זכורני, כי בערב סוכות אחד תפשני הרבי באזני וביקש ממני בעברית־אשכנזית (מכיון, ששכרגיל דיבר רק ידיש) : „לך אל ר׳ זרח והביא לי את „הסוכה־שר״ חשבתי, תחילה, כי כוונתו למספריים לשם גיזום הסכך, אבל לאחר

שנשלחתי מבית לבית ושבתי ריקם הבינותי, שלא הייתה בפיו אלא הלצה. חזרתי לביתו מבויש, אך הרבי לטפני והבטיחני תמורת זאת להיות בין ראשי הקרואים לחג בביתנו.

ועוד אפיזודה אחת: הרבי, שהיה יהודי יקר, עניו ומשכיל, אהב להתווכח עם אבא על בעיות פילוסופיות. עד כמה שזכרוני אינו מטעני שוחחו השניים על הפילוסופיה של הגל וקאנט ובעיקר על זו של שפינוזה. באופן מיוחד ראיתי בדמיוני את הנרות שהדליקו ובאזני צללו קולות השופר, שהריעו בהם קנאי־אמשטרדם בשעה שגזרו חרם על ברוך שפינוזה, ואת שיחתו היה הרבי מסכם בהערה ביקורתית חותכת: נראה איך תתנהגו שם אצלכם בארץ־הקודש.

אחרי הפרעות שפרצו בפרוסקורוב ובערים אחרות בסביבתנו התחיל אבא ז״ל ללחוץ על סבא וסבתא שיחסלו את עסקיהם ויעלו ארצה.

הכרזת בלפור השאירה רושם עמוק בלבותינו. ראינו בה את פעמי גאולת־העם ולאות אהדה והשתתפות בחוויות הגדולות של השעה ההיסטורית פרקו ציוני זינקוב את עדיים מעליהם ושלחום לקרן הגאולה. אורגנה קבוצת „החלוץ" הראשונה בראשותו של נחום ישפה, בן דודנו ובחורף של שנת 1919 גנבנו את הגבול הפולני בהוסיאטין בדרך עלייתנו ארצה.

לא זכה אבינו היקר להגיע למחוז חלומותיו ומשאת־נפשו, כי נקטף בדמי ימיו בדרך מסענו ונקבר בנכר.

אשרינו אנו, שזכינו להגיע ארצה ולהשתתף במערכות ההגנה בעודה במחתרת, לעמוד אחר כך בשורות צבא ההגנה לישראל ולתרום את חלקנו לשחרור המולדת.

חובתנו הקדושה היא למסור לבנינו ולנכדינו עד דור אחרון מהיכן באו הוריהם ארצה. יידעו ויזכרו, כי באנו ארצה למען שמור על גחלת עמנו שלא תכבה ועל עתידנו בתור אומה חפשית ועצמאית, — כי יקר לנו עד מאוד הפיקדון, אשר הפקידו הדורות בידינו.

רבקה כץ

אונדזער שטאָט

דאָס שטעטל זינקאָוו איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער אַ הויכן באַרג און האָט פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון פינף טויזנט יידן. אַריבערקוקנדיק איבער דעם טיפן טאָל, האָט מען געקאָנט אָנזען אויף זיין אַנדערער זייט נאָך אַזעלכע בערג באַדעקטע מיט גראָז ווי מיט אַ גרינעם פּליושענעם טעפּיך, וואָס האָבן זיך געצויגן ווייט צום האָריזאָנט.

דער טאָל האָט אַרומגערינגלט די שטאָט פון דריי זייטן און איז געווען פאַרבויט דורך הונדערטער פּויערישע שטיבלעך. עס זענען איבער אים געווען בעלייגט פיל סעדער און גערטנער מיט פאַרשידענע פרוכט און גרינס, וואָס האָבן זיך געפלאָכטן אַרום די ברעגן פון אַ שטיל, רואיק פליסנדיקן טייכל מיט דעם נאָמען „אושיצע".

פון דער פערטער זייט שטעטל האָט זיך געעפנט אַ ברייטער שליאַך צווישן גרויסע שטחים פאַרזייטע בליענדיקע פעלדער, וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ ברייטן גאַרטל פון געדיכטע וועלדער. אַזוי האָט די אומגעבונג פון זינקאָוו מיט זיך פאָרגע־שטעלט אַ וווּנדערלעך שיינע פּאַנאָראַמע, וואָס האָט באַצויבערט און פאַרכאַפּט דאָס אויג.

די אַלע וועלדער און פעלדער, פרוכטסעדער און גערטנער האָבן אַריינגעבראַכט דעם שטעטל פיל שפע. אַ סך יידן האָבן געצויגן פון דעם זייער פּרנסה און האָבן זיך אויסגעלעבט גאַנץ באַקוועם און געמיטלעך. די אָרעמערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָבן אויך געפירט אַ האַנדל מיט די פּויערים, וואָס פלעגן טאָג־טעגלעך אַרויספירן זייערע פּראָדוקטן אויפן מאַרק. דאָס זענען געווען פרוכטן, גרינס און אייער. אַזוי, אַז אויפן מאַרק מיט די קראָמען, וואָס האָבן זיך געפונען אין צענטער פונעם שטעטל, האָט שטענדיק זיך גערעשט און אוקראַיִנישע דאָרפסלייט פלעגן זיך שטענדיק טרעפן מיט די שטעטלדיקע יידן.

זינקאָוו איז געווען אויך באַרימט מיט איר אויסאַרבעטונג פון טעפּ. אין דער סביבה האָבן געלעבט די אַזוי גערופענע פּויערים־„אנטשאַרעס", וואָס האָבן פּראָדוצירט ליימענע טעפּ, — אַ ביליקע אָבער וויכטיקע פּראָדוקציע אין יענער צייט. פיל יידן פלעגן ביי זיי אָפּקויפן גאַנצע וועגענער מיט טעפּ און זיי אַוועקשיקן אין ווייטע מקומות, און דאָס האָט זיי אַריינגעבראַכט אַ שיינעם פאַרדינסט.

אַ ביסל ווייט אַרויס פון שטעטל האָבן זיך געפונען „פאָספאָר־גרובנס", און ווער עס האָט זיך נאָר אָפּגעגעבן מיט דער דאָזיקער פּראָדוקציע איז רייך געוואָרן.

ווען מען זאָל זיך אָפּשטעלן אויפן גייסטיקן לעבן פון זינקאָוו, מוז מען אַרויסהייבן

די נעמען פון די צוויי רבנים: ר׳ משהלע און ר׳ פינחסל, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין לעבן פון שטעטל. הגם אין זינקאָוו זענען געווען ווייניק פרומע יידן, האָבן דאָך די רביים אַריינגעטראָגן אין לעבן פון שטעטל אַ גרויסע פילפאַרביקייט און האָבן צוגעצויגן צו זיך אַ שפע פון אָנגעקומענע חסידים פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך.

זינקאָוו האָט אויך פאַרמאָגט אַ שיינע, פעאיקע און אידעאַלע יוגנט, וועלכע האָט זיך נאָך אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט באַרימט געמאַכט מיט איר פּיאָנערישקייט, מיט איר באַפרייען זיך פון אַלע אָבערגלויבעניש פון יענער צייט. זי האָט ראַשיק אויפגעכאַפּט די נייע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן אַהער פון מערב־אייראָפּע, — ווינטן פון פרייהייט, בילדונג און פּראָגרעס. די דאָזיקע יוגנט האָט געוועקט טאָג־איין טאָג־אויס דאָס שטעטל צו אַ ניי לעבן, און שוין אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זינקאָוו שוין דרייסט געקאָנט אָנגערופן ווערן אַ מאָדערנע, ציוויליזירטע שטאָט. יעדער האָט געלערנט, געלייענט, געשטרעבט צו אַ בעסער און שענער לעבן. די שטאָט האָט שוין פאַרמאָגט אַ פּריוואַטע ביבליאָטעק, וווּ יעדער האָט געקאָנט אַריינקומען לייענען, פאַרברענגען און דיסקוטירן וועגן אַלערליי פראַגן. זי האָט אויך פאַרמאָגט אַ מאָדערנע תלמוד־תורה מיט פעאיקע לערער, וועלכע האָט זיך אַרויסגעהויבן איבער די אָפּגעשטאַנענע אַלטע חדרים.

עס זענען באַשטאַנען אין שטאָט פאַרשידענע קרייזן און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, ציוניסטישע, בונדיסטישע און אַנדערע. יעדער האָט זיך ערנסט באַצויגן צו די לעבנס־פראַגן פון זיין צייט.

ווי אינטערעסאַנט יענע צייט איז געווען. ווי שיין, ווי ליב עס איז געווען דאָס לעבן אין אונדזער זינקאָוו. ווי שווער עס איז דאָס אַלץ צו פאַרגעסן!

משה גרינמאַן

פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט

מענטשן און לעבן

איך האָב פאַרנומען אַ היפּש ביסל פּלאַץ מיט דער טרויער־געשיכטע און סענטימענטן פון מיין אייגענער משפחה אין זינקאָוו, ווו עס זענען אַריינגעקומען אויך פּאַסירונגען פון אלגעמיינעם שטאָטישן לעבן. איך קאָן אָבער ניט פאַרבייגיין אייניקע עפּיזאָדן אין לעבן פון מענטשן, וועלכע זענען פאַרבליבן אַזוי בולט אין מיין זיכרון און וואָס זענען ניט דערמאָנט געוואָרן אין אַנדערע קאַפּיטלעך פון אונדזער דאָקומענטאַר־ן בוך.

עס ווערן אייניקע מאָל דערמאָנט די נעמען פון אונדזערע צוויי ברידער רבנים ר׳ משהלע און ר׳ פּנחסל זצ״ל. עס איז אָבער גאָר ניט דערציילט געוואָרן וועגן דעם אַלטן ר׳ ישראלקען, וועלכער איז געווען אַ נאָענטער קרוב פון די דערמאָנטע רבנים.

זיין הויז איז געווען אַלט און אומגעלומפּערט גרויס מיט אַ צעבראָכענעם צעלע־כערטן דאַך. געשטאַנען איז עס פאַררוקט אין אַ ווינקל האַרט ביים אָגראָד, הינטער ר׳ משהס הויף, ניט ווייט פון דעם הויז, אין וועלכן מיר האָבן געוווינט און ניט ווייט פון דעם אָרט, ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען די גרויסע מויער, וואָס האָט אַמאָל געהייסן „די היסטאָריע" און האָט שפּעטער באַלאַנגט צו מארקיוווסקי דעם שענקער.

דער אַלטער רבי ר׳ ישראלקע האָט נאָך געפּרווווט מיט אַלע כוחות אָנהאַלטן די פּירונגען פון רבנות. ער האָט געהאַט אַפילו אַ גבאי, וואָס האָט געהייסן ר׳ מאָטל. דער גבאי און זיין פרוי זענען געווען שטילע האַרציקע מענטשן. קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט. און אַלע יום־טוב פלעגן זיי פאַרבעטן דעם עולם פון שול אויף קידוש און איך געדענק ווי מיין טאַטע פלעגט מיך מיטנעמען און עס איז מיר יעדעס מאָל געווען אַזוי פריילעך אויף מיין קינדערשן האַרצן.

עס איז שוין ערגעץ ווו געשריבן געוואָרן וועגן דער קהילה אין זינקאָוו, די אויפ־גאַבע פון וועלכער עס איז געווען אָנצופירן אַלע ענינים פון דעם שטעטל אין יענע צייטן ווען „נאַטשאַלסטווע" האָט נאָך ניט געשטערט. וויל איך דאָ צוגעבן אַ פּאָר זאַכן און נעמען פון מענטשן, וועלכע יענער שרייבער האָט ניט געוווּסט און ניט געדענקט. צווישן אַנדערע זענען דעמאָלט געווען דערוויילט אין דער קהילה אויך סאַני אלתר סאָניס, ישראל גרינמאַן, דער אַדוואָקאַט אווסטראיאניק, טראכטענבערג און אויך לייבל איצי מייקעס אָדער לייבל שרייבמאַן.

אַ סך זאַכן האָט די קהילה דעמאָלט אויפגעטאָן אויפן געביט פון העלפן די אָרעמע

לייט פון שטעטל. דערהויפּט אָבער איז ווערט דערמאָנט צו ווערן די הילף וואָס איז איינגעטיילט געוואָרן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן צו העלפן די פרויען און קינדער פון די שטאָטישע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אמעריקע און זענען געבליבן אָפּגעריסן פון זייערע משפחות צוליב דער מלחמה פון יאָר 1914. לויט דער איניציאַטיוו פון סאַני רויטבורד, אַרקע שענקעלמאַן, וועלכער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער קהילה, דעם רב ר׳ משהלען און עטלעכע אַנדערע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פון מינימאַלער הילף. עס האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטעטל אַ דעלעגאַציע, וועלכע איז געגאַנגען פון הויז צו הויז און געפרעגט יעדן מיט וויפל ער וויל זיך פרייוויליק באַשטייערן וועכנטלעך לטובת די ליידנדיקע. עס איז אויך באַשטימט געוואָרן אַ גרופּע יונגע לייט, וועלכע פלעגט אַרויסגיין יעדן פרייטיק מיט זעק אויף די פּלייצעס צו זאַמלען חלות פאַר די הונגעריקע, און יידן האָבן זיך ממש געטיילט מיטן ביסן פון מויל.
דערהויפּט ווילט זיך מיר דערמאָנען דעם נאָענטן שכן אונדזערן סאַני אַלתר סאַניס און זיין מילדע פרוי איטע ע״ה. סאַני איז געווען אַ שיינער אָנגעזעענער בעל־הבית אין זינקאָוו. ער האָט געהאַט אַ שיינעם אויסזען מיט אַ קורץ געשאָרענעם בערדל. געקליידט איז ער געווען מאָדערן, האָט זיך אָבער ניט געגרויסט און איז געווען שטאַרק פאָלקס־טימלעך. ער איז געווען אַ ייד אַ פרומער, אָבער ניט פון די פאַנאַטישע פרומאַקעס. ער איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער משכילישער באַוועגונג, איז געווען אַ גוטער העברעאיסט, געווען גוט באַהאַוונט אין דער אַלטער ליטעראַטור און איז געווען אַ וואַרעמער ציוניסט. זיין נאָענטסטער חבר איז געווען אַרקע אברהם אידלס. ער איז געווען אויך אַן אָפטער אַריינגייערביים רב ר׳ משהלען און איז געווען גוט באַפריינדעט מיט דער גאַנצער רבנישער משפּחה.

ר׳ משהלע האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען לאַנגע שעהען מיט סאַנין און פירן מיט אים לאַנגע געשפּרעכן סיי איבער פראַגן פון טאָג־טעגלעכן לעבן און סיי איבער וועלטלעכע פּראָבלעמען און גאַנץ באַזונדער איבער יידישע רעליגיעזע און קולטורעלע ענינים.

סאַני איז געווען אַ ייד, וואָס האָט זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן. ניט געווען קיין תקיף, נישט געשריען, נאָר שטיל און געלאַסן געטאָן גרויסע, נוצלעכע אַרבעט. אַ חוץ זיין אויבנדערמאָנטער אַקטיוויטעט, האָט ער אויך געהאַט אַ גרויסן חלק אין אָרגאַניזירן און אָנהאַלטן די טעטיקייט פון די חברות ״לינת הצדק״ און ״ביקור־חולים״. אין יענע צייטן זענען אין זינקאָוו ניט געווען קיין בתי־חולים און עס האָבן ניט עקזיסטירט קיין קראַנקן־שוועסטער, וואָס זאָלן באַדינען אַ קראַנקן. ווען עס פלעגט אין אַ פאַמיליע זיין אַ חולה און אַ מאָל צוויי און עס פלעגט ניט זיין ווער עס זאָל זיי עפּעס דערלאַנגען און זיצן און וואַכן איבער זיי, פלעגט מען זיך ווענדן צו דער ״לינת־הצדק״ און די חברה פלעגט שיקן דעם קליינעם הערשעלען צו איינעם פון די מיטגלידער פון דער חברה, וועמענס ריי עס איז געווען און יענער פלעגט שוין גיין און דערפילן זיין חוב. עס איז גאָר ניט צו באַגרייפן, ווי גרויס עס איז געווען די מצוה פון אַזאַ הומאַניטאַרן אַקט.

אין דער שווערער צייט, ווען אַלע זענען געלאָפן פון זינקאָוו האָט סאַני פאַרקויפט זיין שטוב און איבערגעלאָזט זיין מסחר מיט תבואה, וואָס איז שוין קיין מסחר ניט

געוועזן און ער מיט זיין טרייער פרוי זענען אַריבער די גרענעץ און פון דאָרטן האָט זיי זייער זון ישׂראל אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע.

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, האָט זיך סאַני ניט געקאָנט גוט צופּאַסן צו דער נייער אָרט לעבן דאָ אין אַמעריקע. עס האָט אים געפעלט יענע אַטמאָספער, צו וועלכער ער איז געוועזן געוווינט אַלע יאָרן. עס האָבן אים געפעלט די פריינט און חברים זיינע, מיט וועלכע ער זאָל קאָנען זיך ווייטער גייסטיק אויסלעבן. צום באַדויערן האָט ער דאָ געלעבט נאָר אַ קורצע פּאָר יאָר און איז געשטאָרבן. זיין אייביקע רו האָט ער געפונען אויפן זינקאָווער בית־עולם.

סאַניס פרוי איטאַ ע״ה איז געוועזן אַ פרוי, וועלכע מען האָט געקאָנט אָנרופן אַ צדקת. זי איז געוועזן אַ גוטע, אַ שטילע און אידעלע. זי האָט יעדן מענטשן פריינטלעך אויפגענומען, קיינמאָל קיין שלעכטס אויף קיינעם ניט געזען. זי איז געוועזן אַן אמתע געטרייע, איבערגעגעבענע מאַמע. זי האָט אַ היפשע ביסל יאָרן געלעבט מיט אירע קינדער און איר גאַנצער טרייסט איז געוועזן איר איינציקער אייניקל משהלע, וועמען זי האָט איר גוט האַרץ און נשמה אָפּגעגעבן. איצט רוט זי זייט ביי זייט מיט איר מאַן, דעם אַמאָליקן פיינעם בכבודיקן בעל־הבית און עסקן פון זייער אַלטער היים זינקאָוו.



עזרא אהרונס קאַגאַן, מיט זיין פאַמיליע אין יאָר 1914

אברהם ארקעס־שענקעלמאַן, פילאַדעלפיע

קורצע שטריכן

עס געדענקט זיך מיר מיין היימיש שטעטל זינקאָוו. ניט קיין פאַרשלאָפן שטעטל איז עס געווען. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זי נאָר געדרעמלט פון מידקייט, פון דעם שווערן יאָך, וואָס אירע איינוווינער איז אויסגעקומען צו טראָגן. הונדערטער פון אירע זין זענען מאָביליזירט געוואָרן פאַר דער מלחמה־צייט, האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס פאַר דעם צאַר ניקאָלאַיס אומגליקלעכע אַוואַנטורעס. אָבער ניט אַלע זענען געווען גרייט דאָס צו טאָן און האָבן געשמאַכט לאַנגע חדשים אין כלעריי באַהעלטענישן, ניט געזען די ליכטיקע שיק. עס איז אַ וווּנדער, אַז מען האָט ניט אויסגעפונען די באַ־האַלטענע. ווי דער צאַרישער מלוכה־אַפּאַראַט איז ניט געווען צעפוילט האָט מען געקאָנט לייכט זיי אויסזוכן, אָבער מען האָט, קאָנטיק, ניט צופיל געזוכט אונדזערע בחורים אויף צו געבן זיי אַ ביקס אין דער האַנט.

באַלד מיטן אָנקומען פון דער רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען ווי אַ וווּלקאַן־אויפרייס אויף דער יידישער גאַס אין זינקאָוו (קיין ניט־יידישע איז אין אונדזער שטעטל כלל ניט געווען). עס האָט זיך מיטאַמאָל דערוועקט אַ פּאָליטיש לעבן. עס זענען אויפגעקומען פּאָליטישע באַוועגונגען.

אַ גאָר אָנגעזען אָרט האָט ביי אונדז פאַרנומען די ציוניסטישע באַוועגונג, בעיקר די חלוצישע. מיר, יונגע בחורים, האָבן זיך דעמאָלט אָרגאַניזירט אונטער דער פירערשאַפט פון נחום ישפה און האָבן זיך גענומען גרייטן צום איבערפאָרן קיין ארץ־ישראל (דע־מאָלט פּאַלעסטינע).

עס איז וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון אונדזער שטעטל עס זאָלן דערמאָנט ווערן מיט ערע און אָנערקענונג די נעמען פון די מיטגלידער פון דער ערשטער גרופּע חלוצים, וועלכע זענען דעמאָלט אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָס ווערט געטאָן אין אַן אַנדער אָרט פון אונדזער געדענקבוך.

פולקלור זינקובאי

זינקאווער פאלקלאר

משה גארבער

א) שמחת־תורה און הקפות אין זינקאָוו

איך מוז מיך מודה זיין, אַז דער אומעט און די מרה־שחורה פון די ימים נוראים איז אונדז, יונגוואַרג, ניט געווען שטאַרק צום האַרצן. דעריבער ווען עס איז געקומען צו נעילה און מיר האָבן דערהערט דעם לעצטן שופר־בלאָז און ווען דער עולם האָט שנעל אָפּגעמורמלט דעם מעריב און מ׳איז אַרויס אין דרויסן מחדש זיין די לבנה, איז אונדז ווי אַ שטיין אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן און עס האָט אונדז אַרומגעכאַפּט עפּעס אַ באַזונדער פריידיקער געפיל.

מיר, קינדער, האָבן געוווסט, אַז באַלד קומט אָן דער פריילעכער יום־טוב סוכות און צוזאַמען מיט סוכות קומט אָן אויך שמחת־תורה און דער עיקר — די הקפות.

ביי אונדז אין שטוב איז מיר, דעם בן־יחיד, צוגעטיילט געוואָרן דער פאַרגעניגן צוצוריכטן און איינצואָרדענען די סוכה. בין איך געקראָכן אויפן דאַך און געעפנט דעם „שליאַך״. איך האָב אויפגעלייגט אַלע קאָטשערעס און לאָפּעטעס און אַנדערע שטעקנס און אויף זיי האָב איך אויסגעשפרייט דעם סכך. פון אַ פּאָר פעסלעך און לאָקשנברעטער האָב איך אויפגעריכט בענק צום זיצן. מיין שוועסטער האָט אויסגעפוצט די ווענט מיט בלומען און עס איז געוואָרן, ווי שלום עליכם וואָלט געזאָגט, „שוין איינמאָל אַ סוכה״.

ווי גרויס איז געווען נאָך דעם מיין שטאָלץ און פרייד, ווען די שכנים, וועלכע זענען געקומען מאַכן קידוש און עסן אין אונדזער סוכה האָבן זיך ניט געקאָנט אָנלויבן און געפונען ווי שיין אונדזער סוכה האָט אויסגעזען.

מיין טאַטע שמואל־ליפּע און מיין זיידע סנדר, און איך מיין, אַז אַפילו מיין עלטער־זיידע איצע טשערקיסעס ע״ה האָבן אַלע אין זייער צייט געדאַוונט אין גדס מנין (עס האָט געהייסן גדס מניין, ווייל דער מאַן, וואָס האָט געהאַט אַוועקגעשענקט זיין הויז צו מאַכן פון דעם אַ שול האָט געהייסן גד). דער מניין האָט זיך געפונען אין צווייטן הויז פון חיים רויזעס, אָדער חיים איציקזאָן, און אויף דער צווייטער זייט גאַס איז געווען מרדכי ווערצמאַנס הויז און צופענאַיס אַלטע קלויז.

ווען עס איז אָנגעקומען דער אָוונט פון די הקפות זענען די בעלי־בתים געגאַנגען צו דער אליהכעס וויינשענק און מען האָט געמיטלעך פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה ביי אַ גלעזל זויערן וויין און פאַרביסן מיט ניס. און ווען עס איז שוין געווען „כי טוב לב המלך ביין״ און דער עולם האָט זיך דערפילט אמת שמחת־תורהדיק, איז מען געגאַנגען מיט פריילעך אויפגעלייגטע געמיטער פראַווען הקפות.

אין גדס מניין איז געווען אַ בעל־הבית פּייסי סיטשקארניק, האָט ער געהאַט אַ שטענדיקע חזקה אויף דעם „אתה הראית״, און אַזוי ווי ר׳ פּייסי איז שוין געווען שטאַרק צעוואַרעמט סיי פון דעם ווייַן און סיי פון דער פרייד, האָט ער מיט אַ הייזעריקן קול אויף דער העכסטער אָקטאַווע אויסגעשריגן „אתה הראית לדעת״... און אַזוי ווייטער. און באַלד נאָך דעם האָט מען זיך געלאָזט גיין מיט די הקפות אַרום דעם שולחן. די קינדערלעך זענען שוין געווען אויסגעשטעלט אויף די בענק מיט זייערע פענער, באַפּוצטע מיט רויטע עפּעלעך און מיט ליכטלעך אין די הענט, און מיט שייַנענדיקע פּנימלעך האָבן זיי געקושט די תורות, וואָס מען האָט פאַרבייגעטראַגן און האָבן מיט זייערע קוויטשענדיקע קולכעלעך אויסגעשריגן: „דערלעבט איבער אַ יאָר! דערלעבט איבער אַ יאָר!״.

ביי מיר איז דאָס געווען בלויז אַ פאָרשפּיל צו דעם אמתן יום־טוב, וואָס האָט באַדאַרפט קומען ערשט שפּעטער, צו די הקפות ביי די צוויי רבנים אונדזערע ר׳ פּינחסל און ר׳ משהלע זצ״ל.

דאָס לעבן אין אַזאַ קליין שטעטל ווי זינקאָוו איז געווען גרוי און מאָנאָטאָן. יונגע מענטשן האָבן זיך אינסטינקטיוו געריסן צום לעבן און געזוכט פאַרוויילונגען און סטימולירונג. דעריבער זענען שמחת־תורה און די הקפות און דאָס אַרויספירן דעם רבין פון דער סוכה געווען ביי אונדז אַזאַ פריידיקע איבערלעבעניש.

קיין הייסע חסידים זענען מיר ניט געווען און, אמת רעדנדיק, האָבן מיר ניט אַזוי געמיינט די הגדה ווי די קנידלעך.

איך שעם זיך היינט אַ ביסל צוצוגעבן, אַז אויף די הקפות האָבן מיר דעמאָלט אַרויסגעקוקט ווי, להבדיל, אויף עפּעס אַ מין קאַרנאַוואַל.

נאָך דעם ווי דער רבי ר׳ פּנחסל האָט זיך אַ ביסל אויסגעשלאָפן האָט מען אַרום 12 דעם זייגער אָנגעצונדן די ליכטיקע בליצלאָמפּן און באַלד איז שוין די קלויז געוואָרן איבערגעפּאַקט מיט אַ פריילעכן יום־טובדיקן, טומלדיקן עולם. די גרויסע צאָל חסידים, סיי די זינקאָווער און סיי די פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, האָבן זיך אויסגעשטעלט פוןביידע זייטן און געמאַכט אַ וועג פאַרן רבין. אַ ביסל שפּעטער האָט זיך באַוויזן די רביצין מיט אירע קינדער אויסגעפּוצט אין בגדי־מלכות, טאַקע גאָר ווי אַ קעניגין, מיט אירע פּרינצן און פּרינצעסינס. דער עולם האָט אויף זיי געקוקט מיט גרויס רעספּעקט און באַוווּנדערונג.

עס איז געוואָרן מיר יעדער מינוט אַלץ פריילעכער און לעבעדיקער. נאָך יעדער הקפה האָבן זיך די חסידים אָוועקגעלאָזט אין אַ ראָד טאַנצן מיט געזאַנג און מיט אַן אמתן חסידישן ברען, מיט פאַררייסענע קעפּ און מיט אויגן געווענדעטע צום רבונו של עולם פול מיט רעליגיעזן עקסטאַז.

דער רבי האָט געטאַנצט אין מיטן. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קליינע ספר־תורה אויפגעהויבן הויך איבער זיין קאָפּ און די צווייטע האַנט האָט געשטעקט אין גאַרטל, און אַזוי האָט ער זיך באַוועגט אונטער דעם ריטמישן פּלעסקען פון די חסידים און פון דעם גאַנצן עולם.

מען איז געשטאַנען אויף טיש און אויף בענק און דאָס אַלץ צוגעקוקט. מיט צעפלאַמטע פּנימער. מיט שיינענדיקע אויגן און מיט קלאַפּענדיקע הערצער האָבן זיך יינגלעך און מיידלעך איבערגעקוקט און פלירטירט.

עס זענען דערביי געווען אויך ווייסע חברהניקעס, וואָס האָבן ליב געהאַט אָפּצוטאָן שפּיצלעך די חסידים. זיי פלעגן אויסשיטן אויף דער פּאָדלאָגע אַ ניסנדיקע און בייסנ־דיקע פודער אָדער אַ שטאָך טאָן מיט אַ שפּילקע אַ טאַנצנדיקן חסיד אין סענסיטיוון זיץ־פּלאַץ. און אַמאָל פלעגן זיי אָפּלאָזן אין קלויז אַ פויגעלע, וועלכע איז איבערגע־שראָקן געוואָרן אויף טויט פון דעם טומל און פון די ברענענדיקע בליצלאָמפּן און איז אַרומגעפלויגן און געפלאַטערט מיט די פליגעלעך פון איין עק סטעליע ביז צום צווייטן און דער עולם האָט זיך אַמוזירט און געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

ווען דער טומל איז געוואָרן גאָר שטאַרק פריילעך, פלעגט זיך פון רבינס מויל אַרויס־כאַפּן אַ זיפץ מיט אַן „אוי!״, האָבן דאָס די חסידים באַלד אונטערגעכאַפּט און איבער־געחזרט אַלץ העכער און העכער, ווי עס חזרט זיך איבער אַ ווידערקול אין די שווייצאַ־רישע אַלפּן־בערג: אוי, אוי, אוי, אוי, אוי!...

און אַז דער רבי האָט געבעטן „שאַ!״, האָבן די חסידים ווידעראַמאָל אונטערגע־כאַפּט: שאַ, שאַ, שאַ, שאַ...

די יידישע בחורים, וועלכע האָבן זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, האָבן געהייסן ביי אונדז „איינאונצוואַנציקער״ אָדער „פּריזיוויניקעס״. פלעגן זיי קומען שמחת־תורה אין קלויז, אויסשטעלן זיך אין אַ רייע און יעדערער פון זיי איז פאַרבייגעגאַנגען דעם רבין און געשטעלט אַ פלעשל וויין צום טיש און דער רבי האָט יעדן איינעם פון זיי צוגע־ווּנטשן, ער זאָל באַפרייט ווערן פון מיליטער־דינסט.

אָט אַזוי איז אַוועק די נאַכט פון שמחת־תורה. אויפן האַריזאָנט האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע ביסל בלוילעכע ליכט פון דעם אָנקומענדיקן טאָג.

דער עולם איז שוין געווען מיד, שלעפעריק און בלייך און האָט שוין ניט געטומלט אַזוי ווי פריער. מיר זענען זיך צעגאַנגען אַהיים אַ ביסל אויסצושלאָפן זיך און אויסצו־רוען זיך און בייטאָג נאָך אַמאָל אומקערן זיך צו די הקפות און ווידער אַרויספירן דעם רבין פון דער סוכה.

די ענגשאַפט און טומלעריי און די פריילעכקייט זענען שמחת־תורה פאָרגעקומען צומייסטנס ביי ר׳ פּינחסלען אין קלויז. אָפטמאָל פלעגן מיר זיך אַרויסכאַפּן און גיין אויך זען וואָס עס טוט זיך ביי ר׳ משהלען. דאָרטן האָבן מיר אָבער געפונען אַ גאַנץ אַנדער בילד. דער עולם איז דאָרטן געווען אַ סך קלענער, מען האָט ניט געטומלט און מען האָט זיך אויפגעפירט מיט מער דרך ארץ און ווירדע.

אַזוי האָבן מיר יונגוואַרג אָפּגעהוליעט דעם גאַנצן יום־טוב סוכות און געוואַרט אויפן צווייטן יאָר אויף נאָך אַמאָל סוכות. נאָך אַמאָל שמחת־תורה און נאָך אַמאָל הקפות. מיר האָבן געגלויבט, אַז אַזוי וועט דאָס שוין אָנגיין אַ גאַנצן לעבן. ווי ווייניק מיר האָבן דאַן געוווּסט, אַז עס וואַרט אויף אונדז אַ מלחמה מיט אירע שרעקלעכע קאָנסעקווענצן און אַז עס וועט קומען אויף אייביק אַן ענדע צו דער געשילדערטער אַרט פון יידישן לעבן.

ב) זינקאָווער במקום „דאָקטוירים״ רופאים

די גאַנצע וועלט ווייס, אַז אויסשטודירן אויף דאָקטאָר דאַרף נעמען יאָרן אויף יאָרן און אַ וועלט מיט מי און שווערע אַרבעט. עס פאָדערט זיך אַ סיסטעמאַטישע בילדונג

פון אָנפאַנגס־שול ביז צו דער אוניווערסיטעט און מען מוז פאַרענדיקן אַ מעדיצינישע שול, און דאַן עטלעכע יאָר נאָך פּראַקטיצירן אין אַ שפּיטאָל, און ערשט דאַן, נאָך אַ שטרענגן עקזאַמען, באַקומט מען די דערלויבעניש צו פּראַקטיצירן אַלס מעדיצינער, מען ווערט אָנערקענט אַלס אַ געזעצלעכער דאָקטער.

ביי אונדז אין זינקאָוו איז עס צוגעגאַנגען אַ סך גרינגער און איינפאַכער. די דאָקטערישע פּראָפעסיע איז ביי אונדז איבערגעגאַנגען בירושה. דער זיידע איז געווען אַ רופא, דער טאַטע איז געווען אַ רופא, נו, איז דער זון שוין במילא אויך אַ רופא. און וואונדער איבער וואונדער! ניט נאָר האָבן זיי ניט שטודירט אין אוניווערסיטעטן און אין מעדיצינישע פאַקולטעטן, נאָר זייער פוס האָט ניט איבערגעטראָטן אַפילו דעם שוועל פון אַן אָנפאַנגס־שול.

דאָך זענען זיי געוואָרן רופאים, געהיילט די שטאָטישע מענטשן פון קראַנקהייטן, פאַרשריבן רעצעפּטן און דווקא אויף לאַטייניש, און אָרעמע מענטשן האָבן אין זיי געגלויבט און געזוכט ביי זיי הילף. (די רייכע פלעגן זיך ווענדן צו דעם געזעצלעכן דאָקטאָר).

וועט איר דאָך פרעגן: ס׳טייטש, ווי איז אַזאַ זאַך מעגלעך? איז דער ענטפער: „אָט זעט איר דאָך".

געווען איז אַמאָל ביי אונדז אַ רופא משהלע, קוים וואָס כ׳געדענק זיין געשטאַלט ווי אַ ווייטן חלום. אַ קורץ געפּאַקטער ייד, מיט געקרייזלטע פאַהלעך און אַ פּליך. אַ שוואַרצער קאַסקעטל אויף זיין קאָפּ און אַ דיקע בריל אויף די אויגן. אין שטיוול מיט באַטיקעס צום שפּרייזן אבער די בלאָטעס און מיט אַ צוזאַמענגעלייגטן ווייבערשן שאַל אויף זיינע אַקסלען פאַרן ווינטער.

דער משהלע רופא האָט געהאַט עטלעכע זין. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען אַלע געוואָרן רופאים. אָבער איך וועל מיך אָפּשטעלן נאָר אויף איינעם פון זיי אַ ביסעלע לענגער. אים האָט מען גערופן שמואל משה רופא׳עס. ער איז געווען אונדזער פאַמיליען־רופא. ער האָט אונדז געשטעלט פּאָקן, געהיילט פון קרופּ און פון קייכהוסט, אָדער וויניקסטנס האָט ער פּרובירט אונדז היילן. ער האָט אונדז אויך אַרויסגעריסן ציין אין פאַל ווען דער ווייטיק איז שוין געווען ניט צו דערהאַלטן.

איך האָב געהאַט זייער שלעכטע מאַנדלען אין האַלדז. מען האָט זיי ביי אונדז אויך גערופן פלוימען (דאָ, אין אַמעריקע הייסן זיי טאַנסעלס). פלעגן זיי באַקומען אַן אָנציבונג און געשוואָלן ווערן יעדן ווינטער, און שמואל משה רופא׳עס פלעגט קומען צו אונדז יעדן טאָג און לאָזן מיר פאַרע פון אַזאַ מאַשינדל, שמירן דעם האַלדז מיט יאָדינע און גליצערין און הייסן מיר אַרומבינדן דעם האַלדז מיט אַ זאָק אַן אָנגעשמירטן מיט חלב.

איך האָב אים אמת ליב געהאַט און ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָב איך זיך מיט אים זייער באַפריינדעט.

אָבער שמואל איז ניט געווען בלויז אַ רופא. ער איז געווען, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע „דריי אין איינס". ער איז געווען אי אַ רופא, אי אַ פריזירער, אי אַן אַפּטייקער.

ער האָט געהאַט אַ קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזינדל און זיין פרוי מרים־פריידע־ראַניעס איז געווען זיין געהילפס־פּראָוויזאָר. בעת מען האָט געהאַט געעפנט די טיר פון זיין שטוב האָט געגעבן אַ קלונג אַ גלעקל און קעגנאיבער דעם אַריינגאַנג איז געהאַנגען דעם קייסערס פּאָרטרעט. ווען אַ פויער פלעגט צו אים אַריינקומען און דערהערן דעם

קלונג פון גלעקל און דערזען דעם צאַרס בילד, פלעגט ער מיט גרויס דרך־ארץ אַראָפּ־נעמען דאָס היטל און מיט אַ שטילן הכנעהדיקן קול זאָגן וואָס ער פּאַרלאַנגט.

לאָמיר אָפּשטאָטן אַ וויזיט צו שמואלס פריזערײַ (צירולניע)) אין אַ פּרײַטיק. אין דרויסן אונטער דער סטרעכע האָט געשטעקט אַ לאַנגער שטאַנג, פון וועלכן עס האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ רויט רונדיק טעלערל. ביים אַרײַנגאַנג איז געווען אַ שילד, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלן אַ מאַן, וואָס זיצט אין אַ שטול אַרומגעוויקלט מיט אַ ווייסן ליילעך און הינטער אים שטייט דער שערער מיט אַ שערל אין האַנט. ביידע, סיי דער מאַן אויפן שטול און סיי דער שערער, זענען געווען ווי אַ צווילינג שטייף, מיט שטייפע געדיכטע האָר אויף די קעפּ און גרויסע פּאַרדרייטע וואָנצעס. איבער זיי איז געווען אָן אויפשריפט אויף רוסיש „פּאַריזשעסקאַיאַ פּאַריקמאַכערסקאַיאַ" („פּאַריזער פריזערײַ"), „סאַלאָן סטריזשקי א בריטיאַ" („אַ סאַלאָן צום שערן און ראַזירן"). אָט אַזוי, ניט מער און ניט ווייניקער.

איצט לאָמיר אַרײַנגייך און זען, וואָס עס טוט זיך אין דעם „סאַלאָן" אינעווייניק. עטלעכע מענטשן זיצן שוין און וואַרטן, נאָר שמואל איז נאָך ניטאָ. אין שטאָט גייט אַרום די אינפלוענצע און שמואל קאָן זיך ניט צורייסן. דערווייל שטייט זיך אַרויסהעלפער און טוט וויפל ער קאָן. איך גלויב, אַז דאָס אז געווען אָדער מרדכי בוקעס אַ זון, אָדער שמואל סטאָלערס.

באַלד לויפט אָן שמואל אַ פאַרסאַפּעטער, אַ פאַרשמייעטער, ליידיקט אויס אויף גיך זיין קעשענע מיט אַ היפּש ביסל גריוונעס און פּערציקערס און גיט עס איבער זיין מרימען.

אַחוץ אונדז וואַרטן אויף אים אַ פּויער מיט אַ פּויערטע. ער נעמט זיי אַריין אין קיך, און באַלד האָט ער שוין געשטעלט דעם דיאַגנאָז, וואָס זיי פעלט, און איידער איך קוק מיך ארום, ליגט שוין די גויע מיט אַ וואַלד פון באַנקעס אויף איר פּלייצע און דער פּויער זיצט מיט אַ מחנה פּיאַווקעס אויף זיין האַלדז, וואָס ליגן געמיטלעך און זייגן דאָס בלוט פון אים.

אָפּגעטאָן די דאָקטאָרשע אַרבעט נעמט ער זיך צום שערן און גאָלן. בשעת מעשה רעדט ער און רעדט און וויצלט זיך און דערציילט פאַרשיידענע מעשיות. יעדעס מאָל ווען אויפן ראַזיר־מעסער זאַמלט זיך אָן צו פיל זייף גיט ער עס אַ וויש מיטן פינגער און אַ שליידער אויף דער וואַנט נעבן אים. די זייף, וואָס האָט זיך אויף דעם שטייגער אָנגעזאַמלט פאַר דער צייט אויפן וואַנט ווערט פאַרטריקנט און זעט אויס ווי אַ פיזישע געאָגראַפישע קאַרטע פון די הימאַלאַישע בערג אין אַזיע.

דערווייל דערמאָנט זיך שמואל, אַז ער דאַרף האָבן אַ רעצעפּט פאַר אַ קראַנקן פּאַציענט און אַזוי ווי ער איז שטאַרק פאַרנומען מיטן שערן און גאָלן, גיט ער אַ רוף זיין העלפערין, וואָס שטייט אין קיך ביים אויוון א פאַרשוויצטע און זאָגט צו איר אַזוי: „מרים, סערדצע, זיי אַזוי גוט און מאַך מיר די מיקסטורע". און ער נעמט איר דערקלערן דעם צוזאַמענשטעל וואָס און וויפל, אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן און אַז עס זאָל מאַכן דעם געהעריקן איינדרוק, און אַלץ אויף לאַטייניש: למשל, „אַצידום סאַליציליקום", „אַצידום צענזאיקום", אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס קלינגט זייער און זייער מיסטעריעז און געלערנט. אין דער מעדיצינישער פּראַפּעסיע, ווען מען שטעלט צונויף אַ רעצעפּט און עס פאָדערט זיך א געוויסע מאָס וואַסער, נוצט מען דעסטילירטע וואַסער. דאָס איז

וואַסער געמאַכט פון דאַמף (פּאַרע), וואָס איז אָפּגעקילט און צוריק פאַרוואַנדלט אין וואַסער. אויף לאַטיין הייסט דאָס „אַקוואַ דיסטילאַטאַ", אָבער שמואל גלויבט ניט אין אַזאַ נאַרישקייט ווי דיסטילירטע וואַסער. גיט ער אַזוי אַ זאָג צו זיין מרימען: „האָסט שוין אַלץ אָפּגעוווגן? איצט מיש עס אויס און גיב צו זעקס אונצעס „אַקוואַ דישקאַליס". אויף פּראָסט מאַמע־לשון מיינט דאָס וואַסער פון דער דייזשע.

מער פון אַלץ האָט זיך שמואל מיר איינגעקריצט אין זיכרון פון דער צייט, ווען אין זינקאָוו האָט געבושעוועט די שרעקלעכע טיפוס־עפּידעמיע אין יאָר 1919. הונדערטער לעבנס האָט זי אַוועקגערויבט. מיין פאָטער ע"ה איז דאַן געשטאָרבן און איך אַליין האָב פינף וואָכן געשוועבט צווישן לעבן און טויט און נאָר דורך אַ נס בין איך לעבן געבליבן. און די גאַנצע צייט האָט שמואל געוואַכט איבער מיר ווי אַ געטרייער ברודער. די שטאָטישע יוגנט האָט דאַן אָרגאַניזירט אַ „לינת הצדק" און יעדער איינער פון אונדז האָט גענעכטיקט ביי קראַנקע אַמווייניקסטן צוויי מאָל אַ וואָך. עס זענען געווען הייזער, ווו די גאַנצע פאַמיליע איז געלעגן קראַנק און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זיי אַפילו אַ ביסל וואַסער דערלאַנגען, און שמואל האָט געאַרבעט אומדערמידלעך בייטאָג און ביינאַכט, געלאָפן פון הויז צו הויז און געטאָן אַלץ וואָס ער אין שטאַנד געווען צו טאָן. ער האָט ניט געגעסן אין דער צייט, ניט געשלאָפן און אַ בלאַסער און אַ פאַרמאַטערטער האָט ער זיך קוים געהאַלטן אויף זיינע פיס. ווי אַזוי ער אַליין האָט זיך אויסגעדרייט פון דער שרעקלעכער קראַנקייט איז ביי מיר ממש אַ רעטעניש ביז צו היינטיקן טאָג, סיידן גאָט אַליין האָט אים אויסגעהיט.

אַזוי האָט שמואל משהלע רופאס אויף זיין אייגענעם שטייגער געדינט דער אָרעמער באַפעלקערונג פון אונדזער אַלטער היים, וואָס איז שוין מער ניטאָ.

ערע דיין אָנדענקען, שמואל רופא!

ג) זינקאָווער ריכטער

ווי אַזוי אַ קריסטלעכער פרידנס־ריכטער האָט זיך באַמיט שענער און ליכטיקער צו מאַכן אונדזער שטעטל זינקאָוו און וואָס עס איז פון דעם געוואָרן.

אונדזער זינקאָוו האָט פאַרמאָגט אַ פרידנס־געריכט און, פאַרשטייט זיך, אויך אַ פרידנס־ריכטער (אַ „מיראָוואָיי סודייאַ"). איז דער דאָזיקער ריכטער געווען דער פּרעזידענט פון שטעטל, דער „שטאָט־גאָלאָוואַ", הגם קיינער האָט זיך ביי אונדז ניט אָנגעפרעגט, צי מיר ווילן אים אָדער ניט. דער ריכטער איז גראָד געווען אַ שטילער, געלאַסענער מענטש און האָט מיט זיין פּערזענלעכקייט אַרויסגערופן צו זיך רעספּעקט און דרך־ארץ.

אַלזאָ, דער דאָזיקער ריכטער — „גאָלאָוואַ" האָט פאַרטראַכט אַ מיטל אויסצומוטשלען אונדזער שטעטל. מיר ווייסן ניט, צי האָט ער דאָס געטאָן בעיקר לטובת אונדז אָדער מער פאַר זיך אַליין. עס פאַרשטייט זיך, אַז דערלייגט צו דעם עסק האָט ער זיכער ניט. האָט ער זיך געווענדעט ערגעץ צו דער העכערער מאַכט און האָט באַקומען אַסיגנירט אַ באַשטימטע סומע געלט אויף צו פאַרבעסערן דעם אויסזען פון אונדזער זינקאָוו.

אונדזער צענטראַלע גאַס, וועלכע האָט זיך געצויגן פון דער וואָלאָסט (אונדזער

„סיטי־האָל״) ביז דער דראָזשנער ברום לעבן ר׳ פנחסלס הויף, האָט ער פאַרטראַכט אויסצובראָקירן אין איר גאַנצער לענג. צו דעם צוועק האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון ערגעץ אַין טיף רוסלאַנד אַ גאַנצע גרופּע קאַצאַפּעס, וועלכע זענען געווען ספּעציאַליסטן אין דעם דאָזיקן פאַך אַרבעט.

שטיינער האָט מען געבראַכט צו פירן פון די בערג ניט ווייט פון שטעטל און זאַמד האָט מען געגראָבן האַרט לעבן דעם בית עולם. בשעתן גראָבן דעם זאַמד האָט פּאַסירט אַן אומגליק: אַ זינקאָווער ישראל סיטשקאַרניק איז לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן אונטער אַ באַרג זאַמד, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן און איז אויף אים אַרויפגעפאַלן.

פאַר אונדז יוגנט איז דאָס געווען די אמתע פאַרווײַלונג צוצוקוקן זיך ווי מען בויט דעם „שאָסיי״, ווי מיר האָבן דאָס געהאַט אָנגערופן.

ווען אונדזער ריכטער — „גאַלאַוואַ״ איז פאַרטיק געוואָרן מיטן „שאָסיי״, האָט ער געלאָזט פלאַנצן בוימלעך פון ביידע זייטן גאַס, און אום צו באַשיצן די יונגע בוימער פון די שטאָטישע ציגן און פון חברה קליינוואַרג, האָט ער געלאָזט מאַכן אַרום זיי שטייגן פון ברעטער.

נאָך דעם בוימער־פלאַנצן האָט ער פאַרטראַכט צו מאַכן פאַר אונדז אַ „פאַרק״. מנשה סקולניק וואָלט ווען אַזאַ פאַרק געזאָגט: „ע, אויך מיר אַ „פאַרק״!״. אייגנטלעך איז דאָס געווען מער אַ גרויסער גאָרטן, וועלכער איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אויף דעם ליידיקן שטיק פּלאַץ, וואָס האָט זיך געצויגן פאַרביי אברהם פאַריפקערס, איציק חזנס, איצי טיימאַנס און דודי מלמדס הייזער ביז ניט ווייט פון אווסטאַריאַניקס הויז און דער אַפּטייק. דער פאַרק איז ניט געווען פון די גרויסשטעטישע פאַרקן, ווו מען קאָן גיין שפּאַצירן און זיצן אונטער שאָטנדיקע בוימער. אונדזער פאַרק איז אַרומגעצוימען געוואָרן מיט שטאַכעטן און האָט געהאַט אַ טויער, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרשלאָסן. קורץ געדעדט: עס איז געווען אַ פאַרק בלויז אויף צו קוקן און צו באַשיינען דאָס שטעטל.

פאַרטיק געוואָרן מיט דעם פאַרק, האָט ער פאַרטראַכט עפּעס צו טאָן צו די פינצטערע נעכט, אין וועלכע מען האָט די אייגענע האַנט ניט געקאָנט זען, דערהויפּט בשעת די אָסיענדיקע און פאַרפסחדיקע טיפע בלאָטעס. האָט ער אויסגעשריבן גרויסע גאַז־לאָמפּן און אין פיר הויפּט־פונקטן פון שטעטל האָט ער געלאָזט אַװעקשטעלן זייער, זייער הויכע סלופּעס און אויף די סלופּעס האָט מען אַרויפגעצויגן די לאָמפּן, וועלכע האָבן צוליב דער ריזיקער הויך פון די סלופּעס מער באַלויכטן דעם הימל איידער דאָס שטעטל.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די פאַרוווּנדערטקייט און די אויפגעלייגטקייט, וועלכע האָט אַרומגענומען אַלע איינוואוינער פון שטעטל און אויך מיך אין דעם כלל, ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל דערזען דאָס בלענדנדע ליכט, וואָס די לאָמפּן האָבן אַרום זיך פאַרשפּרייט איידער מען האָט זיי אַרויפגעצויגן צום שפּיץ פון דעם סלופּ. איך גלויב קוים, צי פאַרמאָגט היינט די וועלט־אויסשטעלונג אַזעלכע וווּנדערלעכע עקספּאָנאַטן, וואָס זאָלן קאָנען אויף מיר מאַכן אַזאַ געוואַלדיקן איבעררעשנדיקן רושם ווי די לאָמפּן האָבן דאַן אויף מיר געמאַכט.

צום באַדויערן האָבן די באַמיאונגען פון דעם פלייסיקן ריכטער ניט געבראַכט די געווונטשענע רעזולטאַטן. אין משך פון בלויז אַ פאַר יאָר האָבן זיך אויף דעם אויסברוי־

קירטן שאָסיי־וועג געשאָפן ריזיקע גריבער, אָנגעפילטע מיט בלאָטע און וואַסער, וועלכע האָבן מער געשטערט ווי געהאָלפן דער באַוועגונג פון מענטשן און וועגענער. די גרויסע מאַסן וואַסער, וואָס פלעגן לויפן אין פרילינג פון צעשמאָלצענעם שניי און דער ים פון בלאָטע האָבן פשוט אונטערגעגראָבן און אונטערגעשווענקט דעם זאַמד, און דער שאָסיי, אויף וועלכן מען האָט געלייגט אַזוי פיל האָפענונג און וועלכער האָט אָפּגעקאָסט אַזוי פיל געלט, האָט געליטן אַ פולקאָמענעם דורכפאַל.

אויך פון די פאַרפלאַנצטעביימער האָבן מיר ניט געהאַט קיין צו פיל נחת. אין די ביטערע ווינטער־קעלטן האָבן די אָרעמע לייט צעשלעפּט די הילצערנע שטייגן, וועלכע האָבן באַדאַרפט באַשיצן די יונגע בוימלעך און זיי האָבן זיי באַנוצט כדי צו דערוואַרעמען זייערע קאַלטע אָרעמע היימען און זייערע פאַרפראָרענע איברים. די ציגן און די קינדער האָבן שוין געטאָן דאָס איבעריקע.

אין דער מלחמה־צייט האָט קיינער ניט אויפגעפאַסט דעם פאַרק און אַלץ איז אין אים פאַרדאַרט און פארטריקנט געוואָרן.

דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן פון דעם ריכטערס אויפטו, זענען געווען די לאָמפּן, אָבער אויך זיי זענען אָפט געהאָנגען אין דער הויך ניט קיין אָנגעצונדענע צוליבן מאַנגל אין נאַפט און אויך צוליב דעם, וואָס עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל זיי אויפפּאַסן.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די באַמיאונג פון אונדזער קריסטלעכן ריכטער צו באַשיינען דאָס יידישע שטעטל. אויך זיין חלום איז געפאַלן אַ קרבן פון דער מלחמה, רעוואָלוציע און אַנאַרכיע.

ד) אונדזערע זינקאָווער מלמדים

אַזוי ווי איך האָב קיינמאָל ביי קיין גמרא־מלמד ניט געלערנט, וועל איך מיך אָפּשטעלן בלויז אויף דריי זינקאָווער דרדקי־מלמדים: סאני מלמד, דויד מלמד און גדליה־הערש.

סאני איז שוין אין יענע יאָרן געווען אַ פאָרגעשריטענער מענטש. ער איז גאָר ניט געווען פון דעם מין, וואָס מיר געפינען אין דער רייכער גאַלעריע מלמדישע טיפּן, וועלכע עס שילדערט אונדזער גרויסער פען־קינסטלער שלום עליכם אין זיינע קינדער־מעשהלעך.

עס האָט זעלטן פּאַסירט, אַז קינדער זאָלן ליב האָבן זייער רבין. מיר האָבן אָבער דווקא ליב געהאַט אונדזער רבין סאַנין. ער איז ניט געווען צו שטרענג צו אונדז, האָט ניט אָנגעוואָרפן אויף אונדז קיין פחד, האָט זייער זעלטן באַנוצט דעם קאַנטשיק, און מיר האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר אים, האָבן געפאָלגט וואָס ער האָט אונדז געהייסן און האָבן פיל מער געקאָנט לערנען ווידער די תלמידים פון אַנדערע חדרים.

דער חדר איז ביי אונדז בכלל ניט געווען קיין אָפּקומעניש, ווי עס איז געווען דער אָנגענומענער באַגריף אין יענע יאָרן.

אונדזער רביצין רבקה איז געווען אַ גוטע און אויך אַ פיינע ווירטין. זי האָט געהאַלטן איר דירה און דעם חדר ריין און ציכטיק. מיר האָבן אויך קיינמאָל ניט געהערט קיין קריגעריי צווישן דעם רבין און דער רביצין.

דער רבי סאַני פלעגט אונדז קיינמאָל ניט דערציילן קיין ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע מעשיות, ניט פון רוחות און ניט פון שדים און האָט אונדז קיינמאָל ניט געשראָקן מיט גיהינום און מיט שמייסן מיט פייערדיקע ריטער אויף יענער וועלט פאַר באַגיין אַ זינד, זאָגן אַ ליגן און נאָך אַזעלכע עבירות, ווי עס איז געווען דער שטייגער ביי אַנדערע מלמדים.

איך גלויב, אַז סאַני איז געווען דער איינציקער מלמד, וואָס איז געגאַנגען אין פּריוואַטע הייזער און געלערנט מיט אונטערגעוואָקסענע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך שוין געשעמט גיין לערנען אין חדר. ער האָט שוין אַפילו געלערנט מיט אייניקע פון זיי, וואָס האָבן דאָס פאַרלאַנגט, דאָס מאָדערנע העברעיש.

סאַני איז אָבער קיינמאָל ניט געווען פאַרליבט איז זיין מלמדות. ערשטנס, האָט עס אים אַריינגעבראַכט פּרנסה אויפן שפּיץ מעסער. צווייטנס, איז עס אים אָנגעקומען שווער, ווייל ער האָט געליטן פון אַסטמאַ, וואָס ביי אונדז האָט מען דאָס גערופן „אַדושלייעווע". צייטנווייז פלעגט ער זיך גאַנץ שטאַרק פאַרהוסטן און האָט ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. סוף כל סוף האָט סאַני באַשלאָסן אויפצוגעבן דעם חדר און אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע. עס האָט געהייסן, אַז פאַרן וועט ער צוערשט אַליין און נאָכהער וועט ער אַרויסנעמען די פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַנען פון זיין פרוי, דעם עלטסטן זון איצי, דעם צווייטן זון נחמן און דער מיזינקע און בת יחידה פרומעלע, וואָס איך האָב געהאַט די גרויסע זכיה, וואָס די רביצין האָט מיר דערלויבט זי צו וויגן.

די נייעס, אַז דער רבי סאַני פאַרלאָזט אונדז און פאָרט קיין אַמעריקע, האָט ביי די תלמידים אַרויסגערופן פיל זאָרג און אומצופרידנקייט, בפרט ווען מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז מיר ווערן איבערגעגעבן צו דויד מלמד.

דויד מלמד איז שוין געווען אין גאַנצן דער היפוך פון סאַניך. ער איז שוין דווקא יאָ געווען מיט אַלע פּיטשעווקעס אַ טיפּ פון שלום עליכמס קאָלעקציע מלמדים. ער איז געווען אַ ייד אומגעלומפּערט גרויס און ברייט מיט אַ היפּשער ווילדער באָרד און אַ בייזער. דער קאַנטשיק איז אים קיינמאָל פון האַנט ניט אַרויס און געשמיסן האָט ער אויף רעכטס און אויף לינקס, צי מ׳האָט עס יאָ פאַרדינט אָדער ניט. מיט זיין ווייב האָט ער זיך זייער אָפט געקריגט און די קינדער האָבן דאָס באַדאַרפט צוזען און אויסהערן אַלע זידלערייען און שילטערייען, מיט וועלכע זיי האָבן איינע די אַנדערע מכבד געווען מיט כעס און רציחה.

איר קאָנט זיך פאָרשטעלן ווי שלעכט איז אונדז געוואָרן, ווען מיר האָבן דערזען ווי ביטער מיר זענען אַריינגעפאַלן. אָבער באַקלאָגן זיך האָט קיינער פון אונדז ניט געוואָגט, ווייל מיר האָבן געמוזט אויספאָלגן דעם ניט געשריבענעם געזעץ, אַז מען טאָר ניט אויסזאָגן פון חדר. האָבן מיר טאַקע שטילערהייט געטראָגן דעם שווערן יאָך און געליטן און געבענקט נאָך אונדזער גוטן רבין סאַניך, און נאָך זיין חדר. נ

איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז ווען דער רבי איז ניט געווען אין חדר האָבן זיך אַ פּאָר תלמידים צעהרגעט און אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל פונקט דאַן ווען דער רבי האָט זיך אומגעריכט אומגעקערט. ער איז אַריין אין אַ ווילדער רציחה און האָט גענומען קאַטעווען שמיץ אַלע תלמידים אָן קיין אויסנאַם.

איך בין געווען אַ שטילינקער, אַ קליינינקער און האָב קוים נאָך געקאָנט דערלאַנגען דעם טיש מיט מיין געמבעלע. פאַר גרויס שרעק האָבן איך געהאַלטן מיין צינגל צווישן די

צייִן און אַזוי ווי דער רבי האָט מיר דערלאַנגט פון הינטן אַ זעץ אין קעפּל, האָבן מײַנע ציין זיך שטאַרק אַרײַנגעביסן אין מײַן צונג און עס האָט געגומען גיסן בלוט. פאַר גרויס שרעק און ווייטיק האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין און אַנטלאָפן אַהיים. נאָך דער מעשה האָב איך שוין ניט געקענט מער זיך איינהאַלטן און האָב אויסגעגאָסן פאַר מײַנע טאַטע־מאַמע מײַן ביטער האַרץ און דערציילט וועגן דעם גאַנצן גיהינום פון חדר און האָב נאָך מסתמא אַ היפּש ביסל איבערגעטריבן. פון דעמאָלט אָן איז געוואָרן אַ'ויס חדר און אויס דויד מלמד.

אין אַ צייט אַרום איז אָנגעקומען די גוטע בשורה, אַז אונדזער רבי סאַני קומט צוריק. צוליב זײַן שלעכטן געזונט־צושטאַנד האָט מען אים קיין אַמעריקע ניט אַרײַנגעלאָזט.

איצט פאַרשטיי איך גוט ווי אַנטוישט, פאַרביטערט און פאַרצווייפלט סאַני האָט געמוזט זיך דאַן פילן און ווי שווער עס איז אים דאַן אָנגעקומען צו נעמען זיך אויפסניי צו דער מלמדות, פון וועלכער ער האָט געהאָפט פּטור צו ווערן. אָבער מיר, קינדער, האָבן זיך אין אַזעלכע זאַכן ניט אַרײַנגעטראַכט. אונדז איז געווען גוט און ווויל און פריילעך. יעדער פון אונדז איז געווען מלא שמחה אומצוקערן זיך צוריק צו אונדזער געליבטן מלמד און צו זײַן חדר.

איצט קומען מיר צום דריטן מלמד גדליה־הערש. צוליב צוויי טעמים האָב איך געהאַט די גוטע געלעגנהייט מיט אים נענטער צו באַקענען זיך: ערשטנס ווייל ער האָט געוווינט ניט ווייט פון אונדז און, צווייטנס, ווייל אַ צייט בין איך געווען אַ שטיקל חבר מיט זײַן זון משהן.

גדליה־הערש איז שוין געווען גאַנץ אַנדערש פון די ערשטע צוויי מלמדים: סאַני און דויד. ער איז געווען אַ ייד אַ שטילער, אַ געלאַסענער. ער האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן די אָרעמקייט אָדער די זאָרג פאַרן געזונט און נאָך אַזעלכע זאַכן, וועלכע האָבן אויף סאַנין שלעכט געווירקט. ער האָט אין זיך אויך ניט געהאַט די שלעכטקייט און בייזקייט, מיט וועלכע דויד מלמד האָט זיך געשאַפן אַ שלעכטע רעפּוטאַציע.

מען האָט אים געהאַלטן פאַר ניט אַזאַ שטאַרק געהויבענעם מלמד. די תלמידים זײַנע האָבן זיך בײַ אים ניט איבעריק אָנגעשטרענגט. ער איז אויך ניט געווען קיין גרויסער פרומאַק און קיין פאַנאַטיקער.

ווען וואָלט זיך עס גלויבן, אַז אַ מלמד פון יענע יאָרן זאָל האָבן עפּעס אַ „האָבי". גדליה־הערשס „האָבי" זענען געווען טויבן יאָ טויבן. ער האָט גוואַלדיק ליב געהאַט טויבן, און דערפאַר האָט ער זיך אײַנגעשאַפט אויפן בוידעם פון זײַן שטוב אַ גאַנץ גרויסן טויבנשלאַק. דורך ספּעציעלע פענצטערלעך פלעגן די טויבן גאַנץ פריי אַרײַנפליען און אַרויספליען און זיך, קיין עין הרע, מערן און פּרוכפּערן. קיין גליקלעכערן מענטשן פון גדליה־הערשן האָט איר ניט געקאָנט זען בעת ער איז זיך געשטאַנען אין אַ זומערדיקן טאָג מיט הוילן אונטערהעמד אָן אַ קאַפּאָטע בלויז אין טלית־קטן מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און האָט מאַנעווורירט מיט אַ ספּעציעלן שטעקן זײַנע טויבן אַהער און אַהין און זיי זענען זיך בײַ אים געפלויגן געמיטלעך געפלאַטערט מיט די פליגל, זיך אויפגעהויבן און אַרונטערגעלאָזט און באַדעקט דעם גאַנצן דאַך פון זייער מייסטערס שטוב. עס האָט אויסגעזען, אַז אויך די פייגל האָבן געוואַלדיק הנאה געהאַט פון דעם דאָזיקן שפּיל.

מען האָט, כלומרשט, געשמועסט, אַז גדליה־הערש פאַרברענגט מיט זיינע טויבן מער צייט ווי מיט זיינע תלמידים. זאָל דאָס אים, חלילה, צו קיין שאנד ניט זיין און זאָל ער מיר מוחל זיין...

ה) דער זינקאָווער „פאָטאָגראַפשטשיק"



יהושע סענדערס ז״ל
(„דער פאָטאָגראַפשטשיק")

גערופן האָט מען אים „שיע פאָטאָגראַפשטשיק" אָדער שיע סענדערס און געווען איז ער מיין טאַטנס יינגערער ברודער און מיין פעטער. אָט דעם פעטער מיינעם האָב איך ליב געהאַט מיט לייב און לעבן, ממש פאַרגעטערט. ווען איך וועל אייך אים נעענטער פאָרשטעלן און שילדערן זיין בילד, וועט איר גוט פאַרשטיין פון וואַנען עס האָט זיך גענומען ביי מיר אַזאַ ליבשאַפט צו מיין פעטער שיע און מיין באַוווּנדערונג פון זיין פערזענלעכקייט.

איר וועט זען באשיימפערלעך, ווי אין אונדזערע קליינע אָרעמע שטעטלעך זענען געגאַנגען פאַרלאָרן ריי־זיקע, אומגלויבלעכע טאלאנטן.

אָנגעהויבן האָט שיע זיין פרנסה אַלס טאָקער, דאָס הייסט אַזעלכער, וועלכער פלעגט אויסטאָקן פאַר די מעבל־מאַכער אויף זיין האָלץ־טאָקאַרניע פיסלעך צו טישן, צו בענקלעך, צו עטאַזשערקעס און צו אַנדערע מעבל. אויך פלעגט ער אויספאַרטיקן פאַרשיידענע קאַרניזן צו פענצטער און טירן צום אויפהענגען פאָרהאַנגען אויף זיי. צו דעם איז ער באַלד געוואָרן אַ שניצער אויף האָלץ. מיט דאַלעטעס פון פאַרשיידענע פאָרמען און מיט אַנדערע געצייג פלעגט ער אויסשניצן די שענסטע פיגורן מיט די לייבן באַדעקטע מיט גאָלד, וואָס מען האָט אַרויפגעשטעלט אויפן ארון־קודש כמעט אין אַלע זינקאָווער בתי־מדרשים און אויך אין די שולן, וואָס אין די שטעטלעך אַרום זינקאָוו. ער האָט געשניצט אויך אַלע באַפּוצונגען צו מעבל, און אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט איז געווען אַ קונסט־ווערק פאַר זיך אַליין.

דערמיט אָבער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט שיעס דראַנג נאָך נייע אויפטועכצן, עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, עס האָט אים אָן אויפהער אַלץ געצויגן כסדר צו עפּעס אַנדערש, צו עפּעס נייעס. ניט אַזוי צוליב פרנסה ווי צוליב באַפרידיקן זיין דראַנג צו נייע קונסט־דערגרייכונגען.

מיר ווייסן ניט, ווי אַזוי און פון וואַנען איז דעם פעטער שיע איינגעפאַלן אָנצו־הייבן אינטערעסירן זיך מיט פאָטאָגראַפיע און צו שטודירן דעם דאָזיקן גאַנץ נייעם פאַר אים פאַך.

עפּעס האָט דער דעמאָלטיקער זינקאָווער אַפּטייקער געוווּסט אַ ביסל פון פאָטאָ־

גראַפֿיע און האָט זיך דערמיט פֿאַרנומען, כּדי צו פֿאַרטרייבן די ליידיקע צייט, און צייט איז ביי אים געווען גענוג.

און אַזוי ווי דער פעטער שיע איז דאָרטן געווען אַ גאַנצער בן־בית, האָט ער דעם עצם געדאַנק פֿון פֿאָטאָגראַפֿיע באַלד איבערגענומען און אַדאַנק זיין געבענטשטן קינסטלערישן חוש און טאַלאַנט האָט ער די פֿאָטאָגראַפֿישע אַרבעט שטופּנווייז פֿאַר־פֿולקאָמט און אַנטוויקלט ביז ער איז געקומען צו אַזאַ מדרגה, אַז זי איז געוואָרן זיין נייע הויפּט־באַשעפֿטיקונג, הגם ער האָט נאָך ניט אויפֿגעהערט צו גאַרנעמען זיך פֿון צייט צו צייט אויך מיט טאָקעריי און שניצעריי.

פֿאַר די הונדערט רובל נדן וואָס ער האָט געקראָגן האָט ער איינגעקויפֿט אַלע נויטיקע זאַכן, וועלכע עס פֿאָדערן זיך פֿאַר דער פֿאָטאָגראַפֿישער באַשעפֿטיקונג. צוליב מאַנגל אין פּלאַץ אין זיין קליינער וווינונג, האָט ער אין זיין קליינעם צימער געמאַכט אַ פֿאַליצע און האָט דאָרטן אויפֿגעשטעלט דעם גאַנצן אוצר פֿון זיינע פֿאָטאָגראַפֿישע מכשירים. אונטער דער פֿאַליצע האָט ער געמאַכט אַ טונקל־צימערל, וועלכן יעדער פֿאָטאָגראַפֿשטשיק מוז האָבן — אַ „קאַמעראַ אָבסקוראַ". ניט איינמאָל בין איך געשטאַנען ביי זיין זייט אין דעם דאָזיקן פֿינצטערן שטיקנדיקן „קדשי־קדשים" און ביי דעם רויטן צוויבערליכט, וואָס איז געקומען פֿון אַזאַ לאָמטערנע מיט אַ רויטן גלאָז האָב איך אַ פֿאַרציטערטער נאָכגעפֿאָלגט די ווונדער פֿון זיין אַרבעט, אין וועלכער ער האָט, ווי אין זיינע אַנדערע קונסט־אַרבעטן, אַריינגעלייגט אַזוי פֿיל געשמאַק און טאַלאַנט.

טרעפֿט איינמאָל, אַז שיע שטעלט זיך אַרויף אויף אַ בענקל צו אַרונטערנעמען עפּעס פֿון זיין פֿאַליצע און דער בענקל האָט זיך צעבראָכן אונטער זיינע פֿיס. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אָן דעם קאַנט פֿון דער פֿאַליצע, און טראַך! ער איז אַרונטער־געפֿאַלן און האָט אַראָפּגעשלעפּט נאָך זיך זיין גאַנצן פֿאַרמעגן, פֿון וועלכן עס איז כּמעט ניט געבליבן גאָרניט, וואָס זאָל זיין גאַנץ און נוצלעך.

דאָס איז געווען פֿאַרן פֿעטער שיע אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפֿישער קלאַפּ. ער האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן. צו ביסלעכווייז, שריט ביי שריט האָט ער זיך פֿאַרשאַפֿט נאָך אַ מאָל די נויטיקע מאַטעריאַלן און כלים און איז פֿאַרבליבן „שיע דער פֿאָטאָגראַפֿשטשיק" שוין ביז צום לעצטן טאָג, ווען איך האָב פֿאַרלאָזט זינקאָוו און האָבן אים שוין מער קיינמאָל ניט געזען.

אָבער דאָ האָט זיך נאָך ניט געענדיקט די געשיכטע פֿון זיין גרענעצלאָזן, אומ־גלויבלעכן טאַלאַנט. דער פעטער שיע האָט געקאָנט מאַכן שפּיגלען קינסטלעכע פּרוכט, די שענסטע סטאַטועטן פֿון אַ מין גרויעם ליים, וואָס מען רופֿט איצט „קעראַמיקס" אויך פֿלעגט ער מאַכן ווונדערלעכע זאַכן פֿון גיפּס. מיט אַ געוויינלעכן ווייכן בלייפֿען פֿלעגט ער מאָלן פֿאָרטרעטן פֿון מענטשן מיט דער גרעסטער פּינקט־לעכקייט און ענלעכקייט.

הינטער זיין ענגער קליינער דירה איז געווען עפּעס אַ שטיקל פֿאַרקן, האָט דער פעטער שיע מיט זיינע אייגענע הענט אויפֿגעבויט אין דעם פֿאַרקן אַ מין גלעזערנעם גרויסן צימער, וועלכן ער האָט אָנגערופֿן „גאַלערעייע".

ער האָט אויך אויסגעמאָלט אַ גרויסן לייוונטענעם פֿאָרהאַנג מיט בוימער, קאָלאָנען, טעראַסן און בלומען. ביי דעם דאָזיקן לייוונט פֿלעגט ער אַוועקשטעלן די מענטשן וועלכע ער פֿלעגט פֿאָטאָגראַפֿירן.

ווען די מלחמה איז אַריין אין צושטאַנד פון מאָרד, פאַרגוואַלדיקונג, הונגער און פולקאָמער אַנאַרכיע און קיינעם איז שוין אין קאָפּ ניט געלעגן צו פּאַטאָגראַפירן זיך, און די נויטיקע מאַטעריאַלן האָט מען שוין במילא ניט געקאָנט באַקומען, האָט דער פעטער שיע דאָך זיך ניט אונטערגעגעבן. ער האָט אויסגענוצט זיין אומענדלעך דער־פינדערישן טאַלאַנט און געמאַכט זייף, געשניטן טוטין, אויסגעפונען אַ מיטל צו פאַרבן און וויכער צו מאַכן די איינפאַכע לעדער, וועלכע די זינקאָווער גאַרבאַרניעס האָבן צו יענער צייט אויסגעאַרבעט.

אַחוץ דעם האָט ער נאָך ערגעץ דערטאַפּט אַ מעדיצינישן בוך און האָט פאַרטראַכט זיך צו לערנען פעלדשעריי, אָבער קיין פעלדשער איז ער שוין גראַדע ניט געוואָרן.

ער האָט אויך אויסגעבויט אַ געהיימע באַהעלטעניש אין זיין קליינער דירה, אין וועלכער מיר האָבן זיך ניט איין מאָל זיך געראַטעוועט מיטן לעבן.

איך געדענק ניט ביי וועלכער מאַכט דאָס איז געשען. אָבער עס האָט פּאַסירט, אַז דער קאָשמאַר האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזן און יידן האָבן אַ ביסל אָפּגעצויגן דעם אָטעם, האָט דער פעטער שיע דורך אַ גרויסער פּראָטעקציע אויסגעפּועלט, אַז ער זאָל ניט דאַרפן גיין אין מיליטער־דינסט און אַז מען זאָל אים אָנשטאָט דעם מאַכן פאַר אַ מיליציאָנער. איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי אויף זיינע וואָכעדיקע צעקנייטשטע קליידער האָט מען אים אָנגעהאָנגען אַ שווערד און אַזוי איז ער אַרומגע־גאַנגען איבערן מאַרק און יידן האָבן גוטמוטיק געקוקט און געשמייכלט ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „זע נאָר, ווער עס איז דער היטער פון געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און ווער עס איז דער באַשיצער פון אונדזער לעבן און פאַרמעגן". אַ מער קאָמיש און פּאַטעטיש בילד האָב איך פון דעמאָלט אָן ביז היינט נאָך ניט געזען.

דעם פעטער שיעס יידישע און אַלגעמיינע בילדונג איז געווען אַ גאַנץ באַשרענקטע, פון דעסטוועגן האָט ער געהאַט געלייענט פיל יידישע היסטאָרישע ביכער און גוט פאַרשטאַנען פּאָליטיק.

ער איז געווען אַ וווּנדערבאַרער דערציילער פון זאַכן, וועלכע ער האָט געהערט אָדער געלייענט אין ביכער און איך האָב געשלונגען יעדן וואָרט וואָס איז אַרויס פון זיין מויל.

ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט די נייעס, אַז יידן ווערן באַזעצט אויף ערד־אַרבעט אין כערסאָנער גובערניע, איז דער פעטער שיע געווען דער ערשטער, וועלכער האָט איבערגעלאָזט זיין היים מיט אַלע זיינע מלאכות און „האָביס" און איז אַוועק מיט זיין פאַמיליע צו ווערן אַן ערד־אַרבעטער. צום באַדויערן איז פון דער פאַרמעריי דאָרטן גאָרניט געוואָרן און, צו זיין אומגליק, איז אים דאָרטן נאָך געשטאָרבן זיין פרוי.

אַן אָנטוישטער, צעבראָכענער און צעווייטיקטער איז ער געקומען צוריק אהיים און געמוזט אַלץ אָנהייבן אויפסניי.

אַפילו זיין אומקום פון די הענט פון די נאַצישע מערדער איז געווען מער דראַמאַטיש און טרויעריק ווי ביי אַנדערע: ווען די ברוינע היטלעריסטישע רוצחים האָבן צוזאַמענגעטריבן אַלע זינקאָווער יידן און מען האָט שוין גוט געוווּסט, אַז מען גייט צו דער שחיטה, האָבן שיע מיט זיין זון נאָך געהאַט געניג מוט צו פּרובירן אַנטלויפן. ליידער האָט עס זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבן און זיי זענען דערשאָסן

געוואָרן אויפן אָרט. אַזוי דערציילט דאָדי קצבס אָדער דאָדי מאָלדאַוואַנס אַן אייניקל, וועלכע האָט זיך דורך אַ נס געראַטעוועט און וועלכע געפינט זיך איצט אין תל־אביב.

דאָס איז די געשיכטע פון שיע „פּאַטאַגראַפּשטשיק", דעם מערקווירדיקן מאַן, וואָס איז געווען איינגעוואָרצלט אין זינקאָוו פון פּאָר צענדליקער דורות צוריק, אַ מענטש, וואָס האָט אין זיינע אויגן קיינמאָל ניט אָנגעזען קיין שולע, אַחוץ דעם חדר און וועלכער האָט דאָך פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט פון אַן אמתן זשעני און האָט זיך, ביי אַלע זיינע מלאכות, קוים זיך דורכגעשלאָגן מיט פּרנסה און קיינער האָט ניט אָנערקענט די אויסערגעוויינלעכקייט פון זיינע פעאיקייטן; פאַרקערט, מען האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ מאָדנעם מענטשן, — אויף אַ מין „טשודאַק".

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס עס וואָלט אַרויסגעקומען פון פעטער שיען, ווען עס וואָלט אים געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו שטודירן און צו אויסנוצן ווי געהעריק זיינע פענאָמענאַלע פעאיקייטן, וואָס פאַר אַ גרויסער, אַ גאונישער קינסטלער עס וואָלט פון אים אַרויסגעקומען...

טייערער פעטער יהושע, ווי ליב און הייליק עס איז מיר דיין אָנדענקען! ביז מיין לעצטן אָטעם וועל איך דיך ניט פאַרגעסן און מיין האַרץ וועט אַלע מאָל בלוטיקן, ווען איך וועל טראַכטן וועגן דיר און דערמאָנען דיין ביטערן גורל און דיין שוידערלעכן טראַגישן סוף.

ז) די צוויי פאַרבלאָנדזשעטע מלמדישע טעכטער

ווי מערקווירדיק, מיסטעריעז און קאָמפּליצירט עס איז דער געבוי פון דעם מענטשלעכן געדענק־ און טראַכט־אַפּאַראַט, וואָס הייסט מוח.

איך דאַרף נאָר אַ נעם טאָן דאָס טיף פאַרבאַהאַלטענע קעסטעלע אין מיין מוח, וואָס אַנטהאַלט דעם אוצר זכרונות פון דער גאָר וויטער קינדערשער און יוגנטלעכער פאַרגאַנגענהייט מיינער פון איבער 60 יאָר צוריק און איך געפין דאָרטן אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון דעראינערונגען. יעדע פּאַסירונג, יעדער פּלאַץ, יעדער מענטש קומען אויף אויפסניי אַזוי צאַפּלדיק פריש, לעבעדיק און קלאָר גלייך ווי עס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט.

איך האָב שוין דערמאָנט ווי עס זענען אויפגעקומען די ערשטע יונגע רעוואָלו־ציאָנערע שפּראָצונגען, ווי אַזוי עס זענען צו אונדז אָראָפּגעקומען פון די אַרומיקע גרעסערע שטעט אָרגאַניזאַטאָרן און אַגיטאַטאָרס, ווי אַזוי זיי האָבן אויפגעוועקט די אַרבעטער פון זייער לעטאַרגישן שלאָף און ווי אַזוי זיי האָבן געעפנט די מוחות, די הערצער און אויגן ביי די פאַרשקלאַפּטע האָרעפּאַשניקעס.

ביי איינער פון די געהיימע פאַרזאַמלונגען האָט פּאַסירט די געשיכטע, וועלכע איך גיי דאָ דערציילן:

די „טיינע סאָבראַניעס", ווי מיר האָבן זיי דעמאָלט גערופן, פלעגן אָממיינסטן פאָרקומען אויף די פעלדער, אַרום אַ ווי־אָרסט פון דער שטאָט אין דער „גלובאָקאַייאַ דאַלינאַ". פאַר וואָס מען האָט עס גערופן „טיפער טאָל" ווייס איך בעצם ניט, ווייל

דער פלאַץ איז בכלל גאָרניט געווען טיף, אָבער אַ שטיקל טאָל איז עס דאָך געווען. צוויי לייכט משופּעדיקע פעלדער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איינס קעגן אַנדערן, און דאָרטן וווּ זיי האָבן זיך באַגעגנט האָט זיך געשאַפן דער שמאָלער שטיק פלאַץ, וועלכן מיר האָבן גערופן די „גלובאָקאַייאַ דאָלינאַ". די פויערים האָבן יענעם שטיק ערד ניט באַאַרבעט, ווייל די וואַסערן פון די רעגנס און שנייען פלעגן אים אָפּט פאַר־פלייצן. אָבער אין דער זומער־צייט, ווען דאָס וואַסער פלעגט זיך אויסטריקענען, פלעגט זיך די ערד דאָרטן באַדעקן מיט אַ הויכן גרינעם, שמעקעדיקן גראָז און מיט קאָלירפולע פעלד־בלימעלעך. געשיצט פוןביידע זייטן דורך די דערהויבענע פעלדער און דורך די הויכע געדיכטע זאַנגען, איז דער פלאַץ ווי געוווּנטשן געווען פּאַסיק פאַר געהיימע פאַרזאַמלונגען און באַוואָרנט פון אַ פּאָליציייאישן „גוטן אויג".

אין איינער אַ שבת־נאָכט נאָכן שפּאַציר איז דער עולם־יונגוואַרג זיך דאָרטן צוזאַמענגעקומען כדי אויסצוהערן אַן ערשט אָנגעקומענעם אַגיטאַטאָר. עס איז געווען נאָך אַ הייסן זומערדיקן טאָג. די לופט אין טאָל איז געווען קיל און אַ לייכטער ווינטל האָט געגלעט און געלאַשטשעט. יונגוואַרג איז געווען אין אַ פריילעכער שטימונג. מען האָט אַביסל שטיל אונטערגעזונגען און עס האָט זיך בכלל ניט געגלוסט אַהיימצוגיין.

עס האָבן זיך אָבער מיט אונדז געפונען צוויי חברטעס־מאָדיסטקעס, די טעכטער פון יחיאל מלמד און פון לייבעלע מלמד. האָבן די ביידע מיידלעך מורא געהאַט פאַר טאַטע־מאַמע אַהיימצוקומען צו שפּעט, האָבן זיי זיך אַליין געלאָזט אין וועג צום שטעטל.

פון דער „דאָלינע" האָט געפירט אַ שמאָל סטעזשקעלע דורך די זאַנגען צו דעם הויפּט־וועג, וווּ עס האָט זיך געפונען דער שוואַרצער צלם. פון דאָרטן האָט דער וועג געפירט אויף לינקס צום שטעטל און אויף רעכטס — קיין דערזשנע צו דער באַן, צום שטעטל מעכעלפּאָליע און צו דעם קאַצאַפּישן דאָרף פּעטראַשיע.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך סוף כל סוף געענדיקט און יעדערער איז געגאַנגען צוריק אין שטעטל אין זיין היים.

זונטיק גאַנץ פרי האָבן מיר דערהערט אַ מין זשומען ווי אין אַ בינשטאָק. איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער פון אונדזער שטוב, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום פעלד און איך האָב דערזען ווי דאָס גאַנצע פעלד איז פול מיט מענטשן. איך האָב מיך דער ערשטער שנעל אָנגעטאָן און אַוועק אויסגעפינען וואָס דאָרטן קומט פאָר. איך האָב מיך באַלד דערוווּסט די שרעקלעכע ידיעה, אַז די צוויי חברטעס זענען אין דער פאָריקער נאָכט ניט געקומען אַהיים און מען ווייס ניט, וווהין זיי זענען אַהינגעקומען, גלייך ווי אין וואַסער אַריין.

די מאַמעס פון די מיידלעך יאָמערן, רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, ברעכן די הענט און באַווינען שוין דעם יונגן טויט פון זייערע אומגליקלעכע קינדער, וועלכע זענען צעריסן געוואָרן דורך וועלף אָדער דערמאָרדעט געוואָרן דורך גזלנים. און בשעת מעשה שעלטן זיי מיט ביטערע קללות די בונדיסטן, וואָס האָבן אַראָפּגעפירט זייערע קינדער פון גלייכן וועג. די אומגליקלעכע טאַטעס שווייגן, אָבער זיי זענען שרעקלעך פאַרביטערט און זייערע פּנימער זענען בלאַס און פינצטער.

כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטעטל האָט זיך אויפגעזאַמלט אויפן פעלד און האָט אָנגעהויבן זוכן און נישטערן אין יעדן גריבל און אונטער יעדן בערגל.

פלוצלונג האָט מען באַמערקט העט־העט ווייט אויף דעם וועג, וואָס פירט פון דעם דאָרף פעטראַשי אין שטעטל אַריין אַ קליין שוואַרץ פינטעלע, וואָס באַוועגט זיך און ווערט אַלץ נענטער. באַלד האָט מען שוין געקאָנט דערזען, אַז דאָס איז אַ פערד מיט אַ וואָגן, אין וועלכן עס זיצן עפּעס מענטשן. די אַלע פאַרזאַמלטע שטאָטלייט, גרויס און קליין, מיט די פאַריאָמערטע עלטערן בראש האָבן זיך אַ לאָז געטאָן דעם וואָגן אַנטקעגן, און וועמען האָט מען דאָרטן געטראָפן זיצן? — יאָ, דאָס זענען געווען אונדזערע ביידע פאַרלאָרענע מיידלעך, ביידע בלייכע, פאַרשעמטע מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן.

עס האָט גענומען אַ שטיק צייט ביז דער עולם האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, און די פאַרלאָרענע און נאָך אַזוי פיל ליידן און קלעמעניש געפונענע מיידלעך האָבן דערציילט אָט וואָס:

ווען זיי זענען אויפן צוריקוועג פון דער פאַרזאַמלונג צוגעקומען צום שוואַרצן צלם איז געווען שטאַרק פינצטער און אָנשטאָט צו גיין לינקס צו דער שטאָט, האָבן זיי זיך פאַרנומען רעכטס צום דאָרף. ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז זיי גייען עפּעס צו לאַנג, איז שוין געווען צו שפּעט אומצוקערן זיך. אַזוי זענען זיי שוין געגאַנגען ווייטער ביז זיי זענען ענדלעך אָנגעקומען אין דאָרף אַריין. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער ערשטער פּויערשער כאַטע און מיט שרעק און מיט ציטערנדיקע הערצער האָבן זיי אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך באַוויזן דער פּויער, וואָס האָט געלעבט אין יענעם הייזל און זיי האָבן אים וויינענדיק דערציילט, וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט. ער האָט זיי צוגעפירט צו אַ יידיש הויז אין דאָרף. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין געזאָגט ווער ער איז. עס האָט זיך באַוויזן ליכט אין הויז. מען האָט די מיידלעך אַריינגענומען אין שטוב. זיי האָבן נאָך אַמאָל דערציילט וואָס מיט זיי איז געשען און האָבן געבעטן, מען זאָל זיי אהיים פירן. מען האָט זיי באַרואיקט און געגעבן עפּעס צום עסן, אָבער פאָרן ביינאַכט איז דער בעל־הבית ניט געווען קיין בעלן. אַזוי זענען די מיידלעך איבערגעזעסן טרויעריקע די גאַנצע נאַכט (אין זייער מצב האָט זיך זיי כלל ניט געלאָזט שלאָפן), און ערשט אין דער פרי האָט דער ייד איינגעשפּאַנט זיין פערד און האָט אָפּגעפירט די צוויי מלמדישע טעכטער אין שטעטל אַריין.

אַזוי האָבן די צוויי מיידלעך, צוליב אַ קליינעם טעות וואָס זיי זענען באַגאַנגען, אויפגערודערט אונדזער שטיל שטעטל און אויף טויט איבערגעשראָקן זייערע עלטערן.

זייט זיכער, אַז מען האָט פון דאַן אָן ניט געלאָזט מער די מיידלעך גיין אויף „טיינע סאָבראַניעס". די עלטערן האָבן שוין גוט געוואַכט איבער זיי. און זינקאָווער יידן האָבן שוין געהאַט מיט וואָס צו טומלען זיך אַ לאַנגע צייט, דערציילן די וווּנדער־לעכע מעשה נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. אַ ביסל אונטערשמייכלען און חוזק מאַכן, ווי איינער וואָלט געזאָגט: „פּאָרט מלמדישע מיידלעך!".

דמויות זינקוביות

זינקאווער געשטאלטן

י.ר.

אהרון שנקלמן, מורי ורבי

מי לא הכיר את אהרון, את ארקע שנקלמן? בעיר קטנה כמו זינקוב ידע בכלל כל איש את רעהו אף אם גר בריחוק של עשרה רחובות ממנו. וכמה רחובות היו בזינקוב בכלל? אף על פי כן היה הפרש במידת הפופולריות, שהייתה נודעת לכל אדם לעצמו. לארקע שנקלמן לא היה כינוי מיוחד, כמו שהיה נהוג בעיר קטנה כעירנו.

את ארקע שנקלמן, המורה לשפה העברית ובעל המחסן לתרופות, היו קוראים ארקע סתם או ארקע משה אידלס על שם אביו. כמוהו כן גם אביו משה אידלס היה מרביץ תורה בישראל ושניהם כאחד היו מחנכים את בני דורם ומקומם.


אבי ע״ה היה מזכיר תמיד את רבו משה אידלס ומדבר בשבחו. אבא היה אומר עליו, שהוא היה פשטן, שאהב את הפשט ולא את הפלפול, ולמתעקש היה אומר, שהוא „א פארשטאפטער קאפ״ („מוח מטומטם״): „את החילוק בין הנכון והמשובש במילא אינך יודע וכיצד מתקבל אצלך, שאתה אומר דווקא את המשובש ולא את הנכון?״.

ארקע בנו היה חריף. עם המקובל והקיים לא היה מזדהה. תמיד היה רואה עתידות והוזה חרש בעולם הפיוט. הוא ידע ידיעה רבה בשפה העברית והיה מדקדק עד כדי קוצו של יוד בסגנון ובדקדוק, ואוי ואבוי היה לאותו תלמיד שלא ידע את נטיות הפועל לכל פרטיהן ושלא ידע להבחין בין דגש קל לדגש חזק. אינני יודע, אם היה בקי בתלמוד ובפוסקים ובספרות ימי־הביניים, אך היה מסביר לנו פרק במדרש או בפירוש אבן־עזרא בקלות ובפשטות כה מרובה, עד שגם התלמיד המפגר ביותר היה מבין את דבריו. באהבה מיוחדת היה מתייחס ללימוד התנ״ך. התנ״ך היה שעשועיו. הוא היה עלול להביא את כל הכיתה לידי מצב של התלהבות והתרוממות הנפש בשעת שעוריו בדברי־הנביאים. בשעת שעוריו אלה היה עומד בקצה הקתדרה, קורא בעל פה את דברי־הנביא ומתבל אותם בדברי־הסברה נרגשים. התלמידים היו יושבים צמודים למקומותיהם ללא זיז ותנועה והיו מקשיבים רב קשב לדבריו, ונדמה היה, כי מפיו מדברת רוח הקודש של הנביא עצמו.

היה לו קול ערב ומדי פעם בפעם כשהיתה תוקפתו רוח השירה היה עובר לפני התיבה ב„מניין״. לפעמים היה נכנס לביתנו בלילי־שבתות לאחר שנרות־השבת והמנורה היו כבר כבים. הוא היה נכנס בחשאי מבלי שירגיש איש בכניסתו והיה מפליא את המסובים בחדר הסמוך בשירי־קודש או חול שהיה שר בקולו העדין, וכשהיה מסיים את שירו ובחדר הסמוך הייתה משתררת שתיקה גמורה, היה נכנס ואומר: „גוט שבת! („שבת טובה״!) והולך לו. „חזקה״ הייתה ב„מניין״, שבו היה הוא ואבא וחבריהם

מתפללים, שבתשעה באב יהיה הוא קורא את „איכה" ולא אחר. השתפכות הנפש שלו בשעת קריאת „אני הגבר" הייתה חודרת אל לבם של השומעים ומסעירה את הלבבות ואלה המעטים שהם עוד חיים בוודאי לא ישכחו את ה„איכה" שלו.

ארקע שנקלמן היה כותב גם שירים, אך איש לא ידע עליהם. רק לעתים נדירות היה מראה לי את אחד משיריו והיה אומר: שיר זה כתב ארקע, ואף בלי הערתו זו של אבא הייתי מכיר את כתב־ידו, את אותיותיו העגולות, שכולן היו מתאימות וקצובות „כעדר הרחלים העולים מן הרחצה". מכל שיריו שכתב בעוד שבתו בזינקוב לא נשאר כל זכר. בידי בנו אברהם נשתמרו רק אלה מהם שכתב בישראל לאחר עלותו ארצה והתיישבו ברעננה.



אהרון (אַרקע) שנקלמן, מורה עברי ורוקח בזינקוב ואשתו יינטה ז"ל

אחדים משיריו אלה אנו מפרסמים כאן בספר הזיכרון לעירנו והיו שירים אלה מצבת זכרון צנועה לאיש, שהשפיע מרוחו על תלמידיו וחלק להם מידיעותיו.

שיריו ערוכים ברוח פיוטית ומהם בחרנו בייחוד את אלה, שבהם הוא מביע את הלך־רוחו ורגשותיו, למשל, את שירו על שפת יידיש ועברית, את אהבתו הרבה לשפה העברית, על חיבתו לרעננה, מקום מושבו בארץ, ואת ההספד על מות המשורר הלאומי חיים נחמן ביאליק.

ארקע שנקלמן היה מקיים שיחות על ענייני חברה ומדינה עם בני־הנוער שהיו מבקרים אצלו בחדר אשר מאחורי בית־מסחרו והדחיפה הראשונה לחלוציות ולקידמה חברתית באה להם ממנו.

יהי זכרו ברוך ומבורך!

אהרון שנקלמן

שירים

קינה על קרבן המאורעות, 1936

זועק דמך אלי מן האדמה,
רוטן על בערות־אדם,
שהקריבוך עולה.
והקול מתגבר ונשמע ברמה.
הוא מחריש שאון־עיר,
חודר לבות־אדם,
וזועם גלגל־החמה.

מותך האיום הסעיר געגועי,
השם הנוי
וימרר חיי.
ולא אמר הבורא לצרות די.
כי רבות המרת לנו,
אל שדי!

י״ג טבת ה. תרצ״ו

עס שרייט צו מיר פון דער ע־ד דיין בלוט
קעגן דער מענטשן־ווילדקייט,
וואס האט דיך פאר א קרבן געבראכט.
עס גייט און שטארקט זיך דער קול,
ער שטורעמט די הימלען,
און אין וויכר פון צארן
ווערט דער וועלט־רויש פארהילכט.
דיין שרעקלעכער טויט האט מיין בענקען דע־וועקט,
דאָס שיינע צעשטערט און דאָס לעבן פאַרביטערט.
און דער בעשעפער שטעלט נאך די צרות ניט אפ,
יארן נאך יארן ציהט זיך דער אומגליק,
אוי, גאט!

הימנון לשפה העברית!

מה נעמת, מה נחנת, הזקנה־הצעירה.
מכל הלשונות את ראשונה ליצירה.
הדלקת אור לגויים ביצירת־עולמך,
וכלי מחזיק ברכה היית לעמך.

ובזרח שמשנו בגלות־ספרד
ושבט־הנוגש מעל שכמנו ירד,
עלית למרום, שבית שבי
ותתני לנו את שירת־הלוי.

וגם בהיותך בארצות־גלותך
לא חדלת ליצור בצלמך כדמותך,
ומיטב החמר בלשונות־העמים
לקחת ותעשי לנו מטעמים,

וגם במדבר־ציה ברוסיה הצארית
לא חדלת מתת לנו תקוה ואחרית.
בשממות־עד מצאנו בך מן
בשירתו הלאומית של חיים נחמן (ביאליק)

רעננה

א.

בין המושבות
בארץ־אבות
יש מושבה קטנה
ושמה רעננה.

ובחן היא מתגנדרת
כאלו היא בוגרת,
ומנסה את כחה
להכניס לתוכה
אי־אלה דברים
מתרבות־הערים.

ב.

עורי, עורי, רעננה!
עורי, דברי שיר!
ממושבה קטנה
הפכת להיות עיר.

לא תהיי עוד שובבה
ומשרכת את דרכיך.
עתה תקומי מפני שיבה
ותהדרי פני־זקניך.

תרצ"ו

קינה על מות חיים נחמן ביאליק

איך, איך, ביאליק שלנו,
אתה, שאהבה רבה אהבתנו,
מדוע ולמה נפרדת מאתנו?!
ואנחנו אמרנו: עוד תנוב בשיבה,
עוד תעניק לנו משירתך הערבה,
וצביטות־לחיים לשובב ולשובבה.

עלית למרום, שם כנורך תעירה
לפקוד על צבאות מלאכי־השירה.
וברן יחד כוכבי־בוקר, שחר נעירה
ושמך בהדרת־קודש נזכירה.

לשון ומוסר

תורת־המוסר והלשון העברית
מעולם ביניהן כרתו את הברית.
יחדיו השתים לעד תתלכדנה,
לנצח נצחים לא תתפרדנה.
רעיה נאמנה מתרפקת על דודה

אחרי שובה משביה,
בשוב לה הדרה והודה
והיא מודה נאמנות למצילה ופודה
על שיבתה אל אישה הראשון,
אשר יפארה וינצרנה כאישון.

תרצ"ד

י. ר.

אברהם שענקעלמאַן

שוין צו 16 יאָר האָט ער, אַ בן־יחידל פון אַן אידעלן פאָטער, אַן איבערגעגעבענער מוטער און אַ ברודער פון 3 שוועסטערלעך, האָט אברהם געהאַט געַנוג קוראַזש צו גיין באַוואַכן אין אַן אומרואיקער צייט אין עק שטאָט דעם גאָרטן, וואָס די זינקאָווער חלוצים האָבן געהאַט באַאַרבעט און אויך נעכטיקן דאָרטן אין אַ זעמליאַנקע.

צו 16 יאָר האָט ער שוין פאַרלאָזט זיין היים און האָט זיך געלאָזט מיט דער ערשטער גרופּע חלוצים קיין ארץ־ישראל. ער איז געגאַנגען, ווי ער האָט דערקלערט, „צו ווייזן דעם וועג פאַר אַנדערע".

קיין גלאַטער וועג איז דאָס נישט געווען. על כנפי נשרים איז מען נישט געפלויגן, און מיט קיין געזיכערטע רייזע־הוצאות און כשרע פּאַספּאָרטן איז מען נישט געווען באַזאָרגט. מיט קיין ברייטן „שלום־עליכם" איז מען אויך נישט אויפגענומען געוואָרן אָנקומענדיק אין לאַנד. עס האָט דערוואַרט די חלוצים מאַלאַריע און עבודת־פּרך.

אברהם, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אברהמטשיק, איז אַריינגעטראָטן אין „גדוד העבודה" און האָט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע חברים אויסגעפירט פּיאָנערישע אַרבעטן.

זיין שוועסטער דבורה, וועלכע איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון אים, האָט זיך געלאָזט צוזאַמען מיט דער מומע בתיהן און אירע צוויי קינדער, קיין אַמעריקע. דאָס איז אין יענע יאָרן אויך געווען אַ גענוג שווערער וועג ביז עס האָט זיך זיי איינגעגעבן ראַטעווען זיך פון די פּעטליוראַ־ און דעניקין־באַנדעס, וואָס האָבן דאַן געבושעוועט אין דער געגנט.

די ביידע קינדער, אברהם און דבורה, זענען נישט געגאַנגען דורכצולייגן וועגן פאַר זיך אַליין. אברהם איז געגאַנגען מיטהעלפן בויען אַ לאַנד פאַרן פאָלק און דבורה איז געוואָרן די פאַרזאָרגערין פון דער משפחה. ביי איר אומבאַגרענעצטער איבערגעגעבנקייט צו דער משפחה האָט זי שווער געאַרבעט, גענייט בלוזקעס פאַר אַמעריקאַנער מיידלעך אין אַ שאַפּ און האָט געשיקט געלט אַהיים. ס'האָט זיך איר איינגעגעבן אַריבערצוברענגען די משפחה קיין ארץ־ישראל.

דבורה האָט אויפגעפאָדערט אברהמען ער זאָל אויך קומען קיין אַמעריקע און זיין איר בייהילפיק צו טראָגן דעם יאָך פון הילף פאַר דער גאַנצער משפחה

אברהם האָט נישט געהאַט קיין ברירה און איז געקומען. ער אַרבעט די גאַנצע יאָרן און זעט גוט דעם גורל פון די אַרבעטער אין „גאָלדענעם לאַנד".

דעמאָלט זענען געווען אין אַמעריקע די שווערסטע צייטן פון די גרויסע שטרייקן

אין די קוילנגרובנס פון פענסילוואַניע און די ערשטע פּרוּוון צו אָרגאַניזירן די שטאָל־אַרבעטער.

אברהם איז געגאַנגען אַרבעטן אין אַ שטאָל־פאַבריק און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג צו אָרגאַניזירן די שטאָל־אַרבעטער. ער איז עטלעכע מאָל ברוטאַל צעשלאָגן געוואָרן דורך די „קאָזאַקן", די פּריוואַטע שטורעם־טרופּעס־אַרמיי פון די מאַגנאַטן, און איז שיר נישט געבליבן אַן אינוואַליד. ער איז צוריקגעקומען קיין פילאַדעלפיע אַ דערשלאָגענער און אַנטוישטער.


מיט דער צייט האָט ער באַגעגנט זיין באַשערטע, און חתונה געהאַט. ער האָט אויפגעבויט אַ שיינע משפחה, לעבט זיך אויס פּריוואַט און געזעלשאַפטלעך. ער איז דער פּאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע „פריינט פון ישראל". ער אַרבעט ענטוזיאַסטיש לטובת דעם ישראל־לאַנד. אָבער ווען ער טרעפט זיך מיט זיינע זינקאָווער, רעדט ער מיט נאָסטאַלגיע וועגן יענע יאָרן אין זינקאָוו, ווען מען האָט געאַרבעט אויף הכשרה אין גאָרטן און געטרוימט וועגן דער צוקונפט.

פון דער גרויסער נאָבעלער משפחה שענקעלמאַן איז פאַרבליבן נאָר ער און אַ זון פון זיינער אַ שוועסטער אין ישראל.

יוסף בן־דוד

יעקב (יענקיל) חסיד

איש אציל־רוח היה, גבה קומה — תרתי משמע — כשזקנו המכסיף מוסיף על הדרת־פניו. הוא הוסמך לרבנות, אך סירב להפוך תורתו קרדום לחפור בו. כל ימיו ישב על התורה ועל העבודה ועשה לילות כימים לקיים את הכתוב „והגית בה יומם ולילה". עם כל היותו נתון ללימודי־קודש לא ניתק את עצמו כלל מן העולם הסובב אותו. הוא ידע רוסית ולימודים כלליים לא היו זרים לו. ולכשבא לידו הצורך לכתוב מכתבים



יעקב חסיד ז"ל



אשתו רבקה חסיד לבית סדיקוב ז"ל

לילדיו שהיגרו לארצות־הברית של אמריקה (הבת אסתר ז"ל והבן משה פיינגרש — ייבדל לחיים ארוכים) החליט שלא לבקש מאחר שיכתוב עבורו כתובת לועזית, כי אם עמד ולמד את האלף־בית הלטיני, כדי שלא יזדקק לבריות, ולו אך לכתיבת־כתובת.

הוא הרבה להתעניין בחינוך נכדיו והשתדל להחדיר בהם בדרכי־נועם את ההכרה, כי מוטל על האדם להשתמש בכל הזדמנות הבאה לידו כדי להרחיב את ידיעותיו.

הוא עסק בענייני־צדקה וציבור ולו אך בצינעא מבלי העמיד פנים של גבאי מושבע.

אמרות רבות ספוגות פקחות וטעם טוב על ענייני העולם הזה והעולם הבא היו שגורות בפיו. הוא היה אומר: החיים בעולמנו אינם אלא בבחינת חלום בלבד, אך עדיף הדבר להתעורר מחלום טוב מאשר מחלום־בלהות.

אשתו רבקה לבית סדיקוב הייתה עזר כנגדו במלוא מובן מלה. היא אשר ניהלה את העסק ואת משק־הבית. על הכול הייתה עינה פקוחה. היא אשר דאגה כל ימיה לפרנסת־המשפחה. כל יודעיה העריכו את פיקחותה, מעשיותה וטוב לבה.

הם לא זכו לעלות לארץ ישראל. יחד עם חתנם דוד בלינדר חיסלו את עסקיהם כדי לעלות לארץ־געגועיהם, אך תכניותיהם השתבשו. הם אמנם יצאו מרוסיה, אך מאורעות תר״פ מנעו מהם את האפשרות להמשיך בדרכם ארצה. החבילה נתפרדה. הזוג יעקב ורבקה חסיד היגרו — כנגד רצונם — לארצות־הברית של אמריקה. עד יומם האחרון לא פסקו מלהגות ולחלום על עליה ארצה ולא עלה הדבר בידם.חלום־חייהם לא נתגשם והם נפטרו בגולה. חבל על דאבדין ולא משתכחין! תנצב״ה.

יוסף בן־דוד

דוד (דודי) בלינדר


דוד בלינדר ז״ל

הוא היה עילוי, מתמיד במובן הטוב של המלה. הוא ישב על התורה ועל העבודה עד אשר טלטלה אותו רוח ההשכלה מלימודי־קודש והכניסה אותו להוויות־העולם. אך גם לאחר שהתחיל להתעניין בלימודי־חול והתחיל משתלם ברוקחות ידע לשלב את החדש והישן והפיק את הטוב והמועיל משניהם גם יחד.

בית־המרקחת אשר ניהל בזינקוב הפך להיות מרכז לנוער הציוני, מעין מועדון, שבו היו מזדמנים ומחליפים דברים על בעיות־הזמן, שהיו מתעוררות בעולם הכללי והיהודי.

הודות לקוסמו האישי משך אליו את הנוער ויהי למורה, מדריך ומחנך לדור הצעיר בעיר, והוא לא היה אך נאה דורש, כי אם היה מקיים ממש בגופו את אשר היה דורש מזולתו.

לאחר שובו מן הקונגרס הציוני בווינה החליט, כי את מקומה של השפה הרוסית ששלטה תחילה בבית תירש להבא השפה העברית, ויהי ביתו הבית הראשון בזינקוב, אשר בו הייתה השפה העברית לשפת יום־יום.

הוא אירגן שעורי־ערב לנוער, שהיו מתקיימים בביתה של משפחת סדיקוב והוא עם חברו וידידו שמואל פרידמן ז״ל היו מקנים את ידיעת השפה העברית לכל דורש.

כאשר פתחו בהתרמות ל„קרן היסוד״ עמד בתוקף על כך שאשתו ליבה (אהובה) לבית חסיד — תיבדל לחיים ארוכים — תתרום את האצעדה היקרה לה ביותר, מכיוון שהיה גורס, כי יש לאדם מישראל לתרום לא רק חפץ בעל ערך כספי בלבד, אלא בעיקר חפץ בעל ערך אישי סמלי.

הוא לא היה איש־דברים ביותר, בשבילו היה המעשה. הוא תרם והתרים, פעל והפעיל. הוא ידע להפיח רוח חיים בכל פעולה ציונית בין שהייתה מקומית, ובין שהייתה למען ארץ־ישראל. הוא היה ער לפעולה במסגרת „החלוץ״ או בחוגי־בית, ביום חול או בשבת ומועד.

אף כי לא היה איש־דברים, כאמור, לא היה נרתע מלהופיע בבית־הכנסת בימי־מועד ולשאת את דבריו על הרעיון הציוני והגשמת העליה לארץ־ישראל.

כאשר התחילה מסתמנת האפשרות לעלות ארצה, עמד וחיסל את עסקיו, מכר את הכול מבלי שיקפיד על קבלת התמורה הראויה ובלבד שיוכל להגשים במשך זמן קצר את מטרתו ולעלות ארצה, לארץ כיסופיו וגעגועיו.

אך למטרתו הנכספת לא הגיע. עלה אמנם בידו לחסל את עסקיו ובשיירת עגלות רתומות לסוסים שם את פעמיו, יחד עם כל משפחתו, בכיוון הגבול הרוסי. הוא יצא מביתו, אך לייעודו לא הגיע. מאורעות תר״פ השיגוהו תוך כדי נסיעה. נסגרה העליה ארצה. חייו נטרפו, ומטרתו ממנו והלאה, כשהוא עודנו בדמי־ימיו.

תנצב״ה.

משה בן־שמואל

משה סאַדיקאָוו

ער איז געווען דער זון פון איציק סאַדיקאָוו, וועלכער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער בעל־הבית, אָבער ניט קיין עושר. ער האָט פאַרמאָגט אַ שיין צווייגאָרנדיק הויז און געהאַנדלט האָט ער מיט וויין. ער האָט געהאַט אַ גרויסן וויינקעלער און אַ גרויסן אויסוואַל פון די טייערסטע ווינען.

עס פאַרשטייט זיך, אַז זינקאָווער ידען האָבן זיך ניט געקאָנט פאַרגינען אַזעלכע ווינען. די קונים פאַר אַזעלכע לוקסוס־געטראַנקען זענען געווען בלויז די רייכע פריצים פון דער געגנט אַרום זינקאָוו.

האָט איציק סאַדיקאָוו פאַרמאָגט אַ זונדל אַ בן יחיד, וואָס האָט געהייסן משה, וועלכער האָט געלערנט ערגעץ אין אַ גימנאַזיע אין פּראָסקוראָוו אָדער אין קאַמענעץ.

איז דער משה געווען אַ פריילעכער, לוסטיקער „זשוואַווער" בחורל און איז געווען באַליבט ביי יונגוואַרג. ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער נאָכצומאַכן מענטשן אָפּלאַכן און נאָכקרימען, — ער איז געווען אַ געבוירענער אקטיאָר, אָדער, ווי מען פלעגט זיך ביי אונדז אויסדריקן: „אַ בחור אַ לץ".

ווען משה סאַדיקאָוו פלעגט קומען אַהיים אויף די זומערדיקע קאַניקולעס אויסגע־פּוצט אין זיין גימנאַזיסטישער אוניפאָרם, פלעגט אויף אונדז אָנקומען אַ פרייד. ערשטנס, פלעגט ער קינסטלעריש שילדערן דאָס לעבן אין דער גימנאַזיע, די עקזאַמענס, די שפּיצלעך, וואָס מען פלעגט אָפּטאָן די לערער. דערהויפּט פלעגט ער אָפּלאַכן די לערער פון דייטש און פון פראַנצויזיש און דאָ פלעגט ער זיך דערהויבן צו דער העכסטער שטופע פון זיין אַקטיאָרישן טאַלאַנט. און מיר חברה פלעגן קוועלן און קאַטשען זיך פאַר געלעכטער און דערביי שטאַרק מקנא זיין דעם מונדיר מיט די גלאַנציקע קנעפּ און נאָך מער די גימנאַזיע, נאָך וועלכער מיר האָבן אַזוי געלעכצט און ניט אין שטאַנד געווען צו דערגרייכן. נאָך היינט, ווען מען דערמאָנט זיך אין משה סאַדיקאָוו, דערוועקט זיך אַ וואַרעמער געפיל און אויפן פנים שטראַלט אויף אַ צופרידענער שמייכל.

משה סאַדיקאָוו לעבט נאָך ערגעץ ווו, נאָר גענוי ווייס מען ניט. אייניקע זאָגן, אַז ער געפינט זיך אין בראַזיל, אַנדערע ווידער זאָגן, אַז ער איז אין אַרגענטינע.

משה בן־שמואל

יצחק איציקזאָן (איסאַקסאָן) ז״ל

אַ געבוירעסער אין זינקאָוו, האָט ער שוין אין זיינע יוגנט־יאָרן עמיגרירט קיין אַרגענטינע, און האָט זיך דאָרטן שעפעריש אויסגעלעבט, אַנטפּלעקנדיק זיינע פעאיקייטן אַלס יידישער קולטור־טוער און זשורנאַליסט.

זיין פריינט און קאָלעגע ד״ר משה מערקין, וועלכער ה׳אָט מיט גרויס צער אויפגענומען די טרויעריקע ידיעה וועגן יצחק איציקזאָנס פריצייטיקן טויט, האָט וועגן אים געשריבן: „דער פאַרשטאָרבענער איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער תלמיד חכם, אַ בקי בש״ס ופוסקים, נאָר דערצו אויך אַ העכסט געבילדעטער מענטש אין אַ רייע געביטן פון מענטשלעכן וויסן. זיין אַרבעטזאַמקייט, זיין פליכט־געפיל, זיין אויסערגעוויינלעכע התמדה און דערביי זיין באַשיידנקייט האָבן אים פאַרשאַפט אַ סך פריינט און פאַרערער. ער איז געווען אַ זייער פריינטלעכער און ליבער חבר, וועלכן איך האָב באמת ליב געהאַט און געפילט דרך ארץ פאַר זיין ממש ענציקלאָפּעדישן וויסן. חבל על דאבדין! כבוד זיין אָנדענק!״.

צו זיין ערשטן יאָרצייט האָט געשריבן זיין פריינט און מיטאַרבעטער אין דער „אידישער ציטונג״ אין זיין געדענק־אַרטיקל: „... פון די צוויי און פערציק יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין אַרגענטינע, האָט ער 35 יאָר געפּונען זיין פּלאַץ און זיך אויסגעלעבט אין דער אַרבעט אויף די שפּאַלטן פון דער „אידישער ציטונג״. ער איז געווען אַ מענטש פון אַ פולן און אַלזייטיקן וויסן און הויפּטזעכלעך פון אַ יידיש וויסן, וואָס ער האָט געירשנט נאָך פון זיין היימישן שטעטל זינקאָוו אין פּאָדאָליע און דאָס שפּעטער אויסגעברייטערט אין אַמאָליקן יידישן אָדעס, ווו ער האָט פאַרקערט אין די קרייזן פון גרויסע יידישע תלמידי־חכמים מיט יוסף קלויזנער בראש. ער איז געווען אַ מענטש אַן אויטאָדידאַקט, וואָס האָט שטענדיק געלערנט און ביי וועמען עס האָט קיינמאָל ניט געקאָנט שטיין די פראַגע פון אַמאָל אָפּצושטעלן דאָס כסדרדיקע לערנען... ער איז געווען אַ שפּראַכן־קענער און נאָך מער אַ שפּראַכן־ליבהאָבער. ער האָט גוט און גרינטלעך געקענט העברעאיש, יידיש, רוסיש און ענגליש. די שטאַרקסטע ליבע איז ביי אים געווען — נאָך העברעאיש און יידיש — צו דער ענגלישער שפּראַך, וועלכע ער האָט זיך אַליין אויסגעלערנט. פאַר דער „אידישער ציטונג״ פלעגט ער אָפט איבערזעצן פון ענגליש פּאָליטישע אַרטיקלען און קאָמענטאַרן פון אָנגעזעענע פּאָליטיקער און פען־מענטשן, און פון צייט צו צייט אויך אַ בליציק גייסטרייכע דערציילונג אָדער אַן עסיי פון אַ גרויסן ענגלישן שרייבער״.

„זייער וויניק יידישע שרייבער האָבן געמאַכט — אין זיינע אומשטענדן — אַזוי פיל רייזעס ווי ער... ער איז געווען דער איינציקער יידישער שרייבער אין אַרגענטינע, וואָס האָט אויף זיינע אייגענע הוצאות געמאַכט דריי רייזעס קיין ישראל״.

„עס איז אונדז אַ לאַנגע צייט שווער געווען צו גלויבן, אַז יצחק איציקסאָן איז אַוועקגעפאָרן אין אַ רייזע, פון וועלכער מען קערט זיך מער ניט אום. מיר וועלן אים אייביק געדענקען. ערע זיין אָנדענק!״.

דער באַקאַנטער יידיש־העברעאישער שרייבער און דענקער אין אַמעריקע אהרון צייטלין שרייבט אין דעם „טאָג—מאָרגן־זשורנאַל“ פון 15־טן יוני 1964 מיט אַ פאַרשפּעטיקונג זיין געדענק־אַרטיקל וועגן זיין פריינט דעם שריפטשטעלער יצחק איסאַקסאָן: „יצחק איסאַקסאָן איז געווען אַ „תלמיד חכם שלא נספד כהלכה“. אַ געבוירענער אין זינקאָוו, אוקראַינע, האָט ער מיט אַ סך יאָרן צוריק אַרויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, וווּ ער איז געווען אַ זשורנאַליסט, אַ לעקטאָר און אַ שפּראַכן־לערער, אַ הויך־געבילדעטער אויטאָדידאַקט, פון דער נאַטור אַ לערנער, אַ מתמיד. ער האָט געלייענט און שטודירט יעדע מינוט, וואָס ער איז פריי געווען פון זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט. ער איז געווען, אפשר, דער געבילדעטסטער יידישער שרייבער אין אַרגענטינע. אין דער זעלביקער צייט האָט ער געהאַט אַ זעלטן געהער פאַר פּאָעזיע. זיין געשמאַק, געשליפן אויף דער וועלט־פּאָעזיע, האָט אים געהאָלפן ריכטיק צו אָריענטירן זיך אין דער יידישער און העברעאישער פּאָעזיע“.

„איך האָב מיך באַקאַנט מיט אים בשעת זיינעם אַ באַזוך אין ניו־יאָרק. ער האָט געחלומט וועגן באַזעצן זיך אין דער יידישער מדינה און איז געבליבן ביי זיין חלום. זיין גרויסע ליבע איז געווען — העברעאישע פילאָלאָגיע. העברעאיש איז ביי אים געווען די מוטער פון שפּראַכן. ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט אָנשרייבן דאָס גרויסע בוך וועגן העברעאישער פילאָלאָגיע. אויך דאָס איז אים ניט באַשערט געווען“.

משה בן־שמואל

פעסי שרייבמאַן

פעסי איז געווען די עלטסטע טאָכטער פון לייבל־איצי־מייקעס. איר פאָטער האָט געהאַט אַ באַקאַליי־קלייט, פון וועלכער ער האָט געצויגן באַשיידענע חיונה פאַר זיין משפחה. זי איז געווען זייער אַ סימפּאַטישע, פון מיטעלן ווּוקס, מיט אַ שיינעם קאָפּ האָר, סימעטרישע געזיכט־שטריכן, מיט אויגן עפּעס פאַרחלומטע, לאַשטשנדיקע, אין וועלכע עס האָט פון צייט צו צייט אַ בליץ געטאָן אַ פייערל און באַלד זיך אויסגעלאָשן. גערעדט האָט זי מיט אַ שטילער, קלאָרער און אָנגענעמער שטימע. ווי ווייט פעסי האָט זיך ניט געמיט דאָס צו באַהאַלטן, האָט געוווּסט דער, וואָס האָט זי גוט געקענט, אַז אונטער דער מאַסקע פון שטילקייט און באַשיידנקייט באַהאַלט זיך אַ געצוימטער טעמפּעראַמענט און אַ שטאַרקער דראַנג צום לעבן.

פעסי שרייבמאַן האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם טאַלאַנט צו טעאַטער־שפּיל. איז זי טאַקע געווען פאַררעכנט אין די אַמאַטאָרישע קרייזן פון זינקאָוו פאַר דער „פּרימאַדאָנע“. זי האָט באמת זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין אַזעלכע ראָלן, ווי אין „כאַשע די יתומה“, „מירעלע אפרת“, אין „גאָט, מענטש און טייוול“, און אַנדערע ראָלן. — אין אַלגעמיין איז פעסי געווען אַ פיין יונג מיידל, מיט וועלכער עס איז געווען גאַנץ אָנגענעם זיך דורכצושפּאַצירן און זיך דורכצושמועסן.

עס דערציילט פריינט ישראל רויטבורד, אַז בעת ער איז שוין געווען אויף יענער זייט פון דער רוסלענדישער גרענעץ, אין דער שטאָט טשאָרטקאָוו, איז אויך פעסי אַהינגעקומען מיט דעם צוועק צו פאָרן קיין אַמעריקע. זי האָט אָבער באַלד חרטה געקראָגן. „איך וויל ניט — האָט זי געזאָגט — אָפּרייסן זיך פון מיינע עלטערן, שוועסטערן און ברידער און אַוועקפאָרן אין אַזאַ ווייט לאַנד, וווּ איך וועל זיי שוין קיינמאָל ניט קאָנען זען".

זי האָט זיך באַלד נאָך דעם צוריק אומגעקערט קיין זינקאָוו און אַזוי אַרום האָט זי אַליין אונטערגעשריבן איר טויט־אורטייל. צוזאַמען מיט איר גרויסער משפחה, צוליב וועלכער איר עמפּינדלעך געוויסן האָט זי געטריבן צוריק אַהיים, איז זי אומגע־בראַכט געוואָרן בשעת דער שוידערלעכער ברוינער נאַצי־מגיפה אין יאָר 1943.

משה בן־שמואל

סימע לייבעס

סימע שטאַמט פון אָרעמע עלטערן. איר פאָטער האָט גאָר ווייניק פאַרדינט צו קאָנען אויסהאַלטן זיין משפחה און דערציען ווי געהעריק זיינע קינדער. האָט מען זיך טאָקע שטאַרק געפּלאָגט ביז די יינגלעך זענען אונטערגעוואַקסן און זיך אויסגעלערנט אַ מלאכה. מיט זייער הילף איז שוין דאָס לעבן געוואָרן אַ ביסל גרינגער.

סימעס עלטערער ברודער מאיר איז טאַקע געווען יענער בחור, וואָס ווערט דערמאָנט אין אונדזער געדענקבוך אין דעם קאַפּיטל „ווי אַזוי מען האָט אַרונטערגע־וואָרפן אין זינקאָוו דעם צאַר ניקאָליי דעם צווייטן פון זיין טראָן" בשעת דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין זינקאָוו.

קיין סיסטעמאַטישע בילדונג האָט סימע ניט באַקומען. זי האָט אָבער פאַרמאָגט אַן אָנגעבאָרענעם דראַנג און ווילן צו דערהויבן זיך צו אַ מער עסטעטישער און קולטורעלער לעבנס־שטופע. און דאָס האָט זי אַליין דערגרייכט מיט אירע אייגענע כוחות און מיט איר עקשנותדיקן שטרעבן צו דעם ציל, וועלכן זי האָט זיך געשטעלט אין איר לעבן. זי האָט איבער זיך פיל געאַרבעט און האָט זיך אין משך פון דער צייט פאַרוואַנדלט אין אַ קלוגן און אינטערעסאַנטן מענטשן און האָט זיך געקאָנט גוט אָריענטירן אין יעדער געזעלשאַפט. זי האָט זיך אויך דערוואָרבן אַ גוטע פּראָפעסיע.

זי איז געוואָרן אַן אויסגעצייכנטע מאָדיסטקע און האָט פאַרדינט ניט נאָר פאַר אירע אייגענע באַדערפענישן, נאָר זי האָט אויך אַרויסגעהאָלפן די משפחה.

זי איז געווען שלאַנק און הויך געוואַקסן און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר סימפּאַטישן אויסזען. זי האָט געהאַט אַ מאַגנעטישע אייגנשאַפט צו געווינען פריינט. דערהויפּט האָבן זיך אַרום איר גרופּירט מיידלעך עטוואָס יינגערע פון איר, אַזעלכע, ביי וועמען עס האָט זיך שוין דערוועקט דער טרוימערישער פרילינג פון לעבן און דאָס רייסן זיך צו עפּעס, וואָס מען האָט נאָך אַליין ניט געקאָנט אַנאַליזירן. אַט די

יונגע האַלב־דערוואַקסענע קינדער האָבן אַרויפגעקוקט צו סימען מיט ליבשאַפט און באַוווּנדערונג און געזוכט ביי איר אינספּיראַציע און גייסטיקע פירערשאַפט.

עס געדענקען זיך נאָך מיר אייניקע פון סימעס טרייע חסידות — לייקע־פייסי סיטשקאַרניקס, ליזאַ זיינוולס, צירל פּרוים באַנטשקיס, איסאַק פעלדמאַנס שוועסטער און אַנדערע. לייקע איז היינט אין בוענאָס איירעס און שרייבט זיך דורך מיט סימען.

גאַר שטאַרק אינטים איז סימע געווען באַפריינדעט מיט עטל קאַגאַן, אָדער עטל עזרי אַרענס. עטל איז געווען ניט שיין און קליין געוואַקסן, אָבער זי איז געווען איסערגעוויינלעך קלוג און האָט פאַרמאָגט אַן אוצר פון וויסן. אָט פון דעם אוצר האָט סימע זייער אַ סך געשעפּט און געלערנט. אייגנטלעך האָט עטל פאַרדינט אַ כאַראַקטעריסטיק פאַר זיך אַליין, נאָר דער פלאַץ דערלויבט דאָס ניט.

סימע לעבט נאָך ביז היינטיקן טאָג אין ראַטנפאַרבאַנד. איר לעבנס־געשיכטע איז זייער אַ טרויעריקע. די מלחמה מיטן נאַציזם האָט איר לעבן צעבראָכן. איר מאַן האָט זי פאַרלוירן אין קריג. אירע צוויי זין האָבן זיך אומגעקערט פון שלאַכטפעלד האַלבע אינוואַלידן, און אַליין איז זי שוין דרייפערטל בלינד.

די עטלעכע בילדער, וועלכע מיר האָבן דאָ געגעבן זענען כאַראַקטעריסטיש פאַרן גורל פון אונדזער יונגן דור אין יענער צייט. אייניקע זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע עקן פון דער וועלט, אַנדערע זענען פאַרניכטעט אָדער פאַרמאַטערט, דערנידעריקט און פאַרפייניקט. דאָס איז דער וועג פון אונדזער געיאָגטן און געפּלאָגטן מאַרטירער־פאָלק.

עס ווילט זיך האָפן, אַז די היינטצייטיקע יונגע דורות פון אונדזער פאָלק און אויך פון אַנדערע פעלקער וועלן ענדלעך געפינען דעם וועג צו אַ שענערער און בעסערער וועלט.

משה בן־שמואל

איזיאַ בייטעלמאַן

איזיאַס פאָטער איז געווען הערשל בייטעלמאַן, איינער פון דער ערשטער אינטע־ליגענץ־גרופּע, וועלכע איז אויפגעקומען אין זינקאָוו אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. פון שקאָלעס, אוטשילישטשעס אָדער גימנאַזיעס האָבן יענע יונגע לייט ניט געוווּסט, דאָך האָבן זיי דערגרייכט אַ גאַנץ שיינע מדרגה פון בילדונג לויט יענער צייט. זיי האָבן גוט געקענט די רוסישע און די העברעאישע שפּראַך און געווען באַהאַוונט אין דער ליטעראַטור פון ביידע שפּראַכן, און דאָס אַלץ בלויז אויפן וועג פון זעלבסטבילדונג.

זיין לעבן האָט הערשל בייטעלמאַן געמאַכט פון לערעריי. ער איז געשטאָרבן אין די מיטעלע יאָרן אַרום די יאָרן 1904—1905 און האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט אַן אַכט־יאָריקן בן יחיד איזיאַ.

אין אַ צייט אַרום האָט די אלמנה נחמה געעפנט אַ גאַנץ קליין קלייטל פון רפואות און קאָסמעטיק. זי האָט זיך געמאָטערט מיט חיונה און האָט געשיקט איזיאָן אין סומניעוויטשעס שקאָלע.

איזיאָ איז געווען אַ ליבהאָבער פון מוזיק און די מוטער האָט באַוויזן צו פארשאפן פאַר אים אַ פידל און כּון זיך אַליין האָט ער זיך אויסגעלערנט פיין צו שפּילן. נאָך שפּעטער, ווען איזיאָ האָט פאַרענדיקט די שקאָלע, האָט ער שוין צוביסלעך אַרויסגע־האָלפן דער מוטער אין איר קלייט, און נחמה, פון איר זייט, האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן קינסטלעכע ציין. אַזוי אַרום איז שוין דאָס ביסל פּרנסה אָנגעקומען גרינגער.



איזיאָ בייטעלמאַן און פרוי רחל, שלמה געלמאַנס
אומגעקומען

איזיאָ איז געווען אַ בחור׳ל פון אַ קליינעם וווקס מיט א שיינעם געקרייזלטן קאָפּ האָר, אַ קורצן פאַרריסענעם נעזל און מיט שיינע ברוינע אויגן. עפּעס האָט ער געהאַט אין זיך אַ געוויסן חן און אַ שטאָלץ, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די זינקאָווער מיידלעך. זיין געשוואָרענער חבר איז געווען משה גאַרבער. שטענדיק זענען זיי געווען צוזאַמען. איינער אָן דעם צווייטן האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דערפאַר האָבן זייטיקע מענטשן זיי גערופן „דאָס צווילינג״.ביידע זענען געוואַקסן צוזאַמען. ביידע זענען דורכגעגאַנגען די פריידיקע פאַרמלחמהדיקע יאָרן, ביידע שטודירט פּריוואַט אויף דעם טיטל „געהילף־פאַרמאַצעווט״ און ביידע געפאָרן קיין קאַמענעץ צו האַלטן עקזאַמען און ביידע האָבן דאָרטן גוט געהנגערט און זענען אויסגעריסן געוואָרן.

נאָך דער רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש פון יאָר 1917 זענען ביידע חברים געגאַנגען צוזאַמען אין דער אַרמיי צו באַשיצן די געווונענע פרייהייט, ווי אַ סך יידישע בחורים האָבן דאָס דעמאָלט געטאָן.

ווען עס האָט זיך ענדלעך סטאַביליזירט די סאָוויעטישע מאַכט, האָבן זיך די ביידע חברים געשידן איינע פון די אַנדערע. משה גאַרבער איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע און איזיאָ האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איז

שטופנוויז געשטיגן ביז ער האָט דערגרייכט זייער אַ הויכן אַמט אין דער צענטראַלער רעגירונגס־אָפּטיילונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (פּראָפּסאָיוז).

איזיאַ האָט געהייראַט מיט איינער פון די פיינסטע זינקאָווער מיידלעך — רחל, די טאָכטער פון שלמה געלמאַן. זי איז געווען אַ לערערין אין אַ רעגירונגס־שולע.

ביידע זענען זיי אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע קאַניבאַלן אין דער שטאָט וויניצאַ.

חייעלע קלאַסיק

רחל קוזמינער

רחל קוזמינער איז געווען די אייגנטימערין פון אַ גאַלאַנטעריע־קראָם אין זינקאָוו. זי האָט געשמט אין שטאָט און אין דער אומגעגנט אַלס אַ גרויסע בעלת־צדקה. זי איז שטענדיק געווען גרייט צו שטיצן דעם, וואָס איז געווען אין נויט. מיינסטנס איז זי געווען באַוווסט מיט דער גוטער מידה פון גמילות־חסדים.

אין זינקאָוו זענען געווען קליינע קרעמער, וואָס האָבן געלעבט, ווי מען זאָגט, פון האַנט צום מויל. זיי האָבן קיינמאָל ניט פאַרמאָגט קיין עטלעכע אָפּגעשפּאָרטע רובל, מיט וועלכע זיי זאָלן קאָנען איינקויפן אַ ביסל סחורה פאַר אַ יום־טוב אָדער פאַר אַ יריד, ווען זיי האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו מאַכן אַ מער אָדער ווייניקער אַנשטענדיקע לייזונג. קיין קרעדיט ביי די הורטאָוניקעס האָבן זיי ניט געקאָנט קריגן. ווען ניט דאָס, וואָס רחל קוזמינער האָט זיי געגעבן הלוואות, וואָלטן זיי געווען אויף גרויסע צרות.

פילמאָל האָט פּאַסירט, אַז רחל קוזמינער האָט ניט געהאַט צו דער האַנט גענוג מזומן געלט, כדי צופרידן צו שטעלן אַלע קליינע קרעמער מיט הלוואות. דאַן פלעגט זי אַליין באָרגן געלט ביי אַ פּראָצענטניק און אָוועקלייען דאָס די קליינע קרעמער אַלס גמילות־חסד. קיין וועקסלען פלעגט זי ביי די בעלי־חובות ניט פאָדערן. זי פלעגט נאָר אַריינשרייבן די הלוואות אין אַ באַזונדער ביכל.

אָפט פלעגט פּאַסירן, אַז אַ טייל בעלי־חובות איז ניט געווען אין שטאַנד אָפּצו־צאָלן די חובות מיט איין מאָל. עס פלעגט זיי אויסקומען צו מאַכן פרישע חובות איידער זיי האָבן באַצאָלט די פריערדיקע. אַזוי פלעגן די חובות וואַקסן און די רשימה פון די שולדן אין בוך פלעגט וואַקסן. דאָס האָט אָבער די בעלת גמילות־חסדים ניט געהאַט אַנטמוטיקט פון אָנצוגיין מיט אירע מעשים טובים.

עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז די גוטע מידה פון גמילות־חסדים איז געווען ביי רחל קוזמינער אַ טראַדיציע, וועלכע זי האָט געירשנט פון איר שוויגער בתיה און פון איר מאַן זאָסיא קוזמינער.

חורבן העיר זינקוב

דער חורבן פון זינקאווער יישוב

י. ר.

חורבן זינקאָוו

מיר טרעטן איצט צו צו דעם פֿיינלעכסטן קאַפּיטל פֿון דעם בוך.

מיר, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די אויפֿגאַבע צונויפֿצוזאַמלען מאַטעריאַל פֿאַר דעם דאָזיקן וויכטיקן קאַפּיטל, האָבן ניט געהאַט פֿאַר זיך קיין ערשטע קוועלע, פֿון וועלכער מיר זאָלן קאָנען שעפּן אויטענטישע אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם חורבן פֿון אונדזער שטאָט. מיר האָבן ניט געהאַט דאָס גליק צו געפֿינען אָפּגעראַטעוועטע זינקאָווער יידן, וועלכע זאָלן קאָנען דערציילן פּרטים וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט מיט אונדזער שטאָט. דאָס איז אייגנטלעך געווען אונדזער הויפּט־שטערונג פֿאַר דעם צוזאַמענשטעלן פֿון געפּלאַנטן געדענקבוך, ווייל אויספּילן אים בלויז מיט זכרונות פֿון פֿאַר דער חורבן־צייט, פֿון פֿאַר 40—50 יאָר צוריק, וואָלט אונדז אין גאַנצן דערווייטערט פֿון דעם צוועק, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט דערגרייכן.


מיר האָבן געוווּסט, אַז עס געפֿינען זיך עטלעכע אָפּגעראַטעוועטע זינקאָווער יידן אין קיעוו און אין אַנדערע שטעט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. ליידער אָבער האָבן מיר ביי זיי ניט געקאָנט צופֿיל נאָכפֿרעגן און צו קומען מיט זיי אין אַ געהעריקן קאָנטאַקט צוליב די צוריקגעהאַלטענע באַציאונגען, וואָס עקזיסטירן צווישן די פֿאַראייניקטע שטאַטן און דעם ראַטנפֿאַרבאַנד. אויף וויפֿל אונדז האָט זיך יאָ איינגעגעבן צו קומען מיט זיי די לעצטע צייט אין אַ וועלכער ניט איז פֿאַרבינדונג, האָבן זיי אונדז געגעבן נאָר אַלגעמיינע ידיעות, וואָס זענען אונדז געווען באַקאַנט פֿון פֿריער: דער חורבן פֿון אונדזער שטאָט איז געווען אַ טאָטאַלער. זי איז אָפּגעווישט געוואָרן פֿון דער ערד. קיינער פֿון אירע פֿריערדיקע איינוווינער איז ניט געבליבן לעבן.

מען מוז אויך פֿאַרשטיין, אַז זינט דער צייט, ווען מיר האָבן פֿאַרלאָזן זינקאָוו (אָנהייב פֿון יאָר 1920) און ביז צו דעם אויסברוך פֿון דער שוידערלעכער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מיר אויך ניט באַקומען קיין קלאָרן באַגריף וועגן דעם לעבן, וואָס האָט זיך דאָרט געהאַט איינגעשטעלט און האָבן ניט געהאַט קיין געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרבינדונגען מיט אונדזער פֿאַרלאָזענער היים.

לעצטנס האָט זיך נאָך פֿיל אָנפֿראַגן אָפּגערופֿן אין ישראל אַ פֿרוי מיטן נאָמען יהודית וויינבלאַט־לויפֿער, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אין זינקאָוו די גאַנצע שוידער־לעכע טראַגעדיע פֿון דער היטלער־אָקופּאַציע און איז געבליבן לעבן. זי האָט אונדז דורך בריוו דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלעבט. איר גביית־עדות גיבן מיר דאָ איבער וואָרט ביי וואָרט, ווי זי שרייבט אונדז אין אירע בריוו:

„איך בין איינע פון די וויניק איבערגעבליבענע ביים לעבן, וועמען עס איז געלונגען צו ראַטעווען זיך און אָנצוקומען קיין ישראל. מיין נאָמען איז אידאַ וויינבלאַט פון זינקאָוו. איך בין דאָדי קצבס איניקל. איצט יהודית לויפער און איך וווין אין הרצליה, ישראל. פרוי ריידמאַן (אַ זינקאָווערין) האָט מיר איבער־געגעבן, אַז איר זוכט מאַטעריאַל וועגן דעם אומקום פון זינקאָוו. באַגריס איך





יהודית וויינבלאַט־לויפער, איר מאַן און טאָכטער

אייער טאַט, און פון הרצליה ביז ברוקלין שטרעק איך אויס מיינע הענט צו אייך. איך בין גרייט, ווי שווער ס׳וועט מיר ניט זיין, צו דערציילן אייך אַלץ וואָס איך ווייס און וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, כדי עס זאָל פאַרצייכנט ווערן און פאַר־בלייבן פאַר אַ זיכרון.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג בין איך אַלט געווען 17 און אַ האַלב יאָר און האָב געלערנט אין קיעווער אוניווערסיטעט אַלס סטודענטקע פון היס־טאָריע. איך האָב זיך ניט געקאָנט עוואַקויִרן, ווייל איך בין תיכף מאָביליזירט געוואָרן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט. ווען מען האָט אונדז געגעבן דעם באַפעל צו פאַרלאָזן די שטאָט איז שוין געווען צו שפּעט. איך בין דעריבער געבליבן פאַרכאַפּט דורך דער דייטשער אָקופּאַציע.

איך האָב דאַן באַשלאָסן צו פאָרן צוריק קיין זינקאָוו. ווען איך בין אָנגעקומען אַהיים, האָבן נאָך דאַן געלעבט כמעט אַלע יידן.

ווי עס איז איידער איך באַקאַנט, זענען אַמאָל אין זינקאָוו געווען אַ סך שטיבלעך מיט שטרויענע און מיט שינדלדעכער און מיט ערדענע פּאָדלאָגעס. געלעבט האָט מען אויפן יידישן שטייגער אַ ריין, ערלעך לעבן. מיט דער צייט האָט מען די שטרויענע דעכער פאַרביטן מיט שינדל־דעכער און די ערדענע דילן פאַרביטן מיט ברעטערנע און מען האָט ווייטער געלעבט צופרידן. קינדער זענען געוואַקסן און געלערנט און עלטערן האָבן דערלעבט אַ ביסל נחת. עס זענען געמאַכט געוואָרן אויך אַנדערע ענדערונגען: דאָס גרויסע הויז פון ר׳ משהלען האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ שולע פאַר קינדער. די קלויז פון רבי פנחסלען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קינאָ. די קלויז פון די בעלי־עגלות, וועלכע מען האָט גערופן די „קינסקי״, איז געוואָרן אַ שפּייכלער פאַר קאָרן פון יידישן קאָלכאָז. געדאַוונט האָט מען אין מירעלע־צופּעס אַלטער קלויז און אין אַ קליין פּאָלישל. די עלטערע יידן האָבן געזיפצט און געוויינט, די יוגנט איז אין שול אַריין ניט מער געגאַנגען, און אַזוי האָט געפלאָסן דאָס לעבן.

פּלוצלונג האָט אַ שוואַרצער וואָלקן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזערע קעפּ — די היטלער־מגיפה. אַ גאַנץ יאָר האָט מען אונדז געמאַטערט, אָבער נאָך געלאָזט לעבן. ס׳איז געווען אַ לעבן און אַ ניט־לעבן. עס איז ניט געווען וואָס צו עסן, אפילו וואַסער האָט געפעלט. די וואַסערפירער האָבן ניט געטאָרט ברענגען קיין וואַסער פון די צוויי קרעניצעס פון דער דאָלינע, און זיי האָבן דאָס אויך ניט געקאָנט, ווייל מען האָט ביי זיי באַלד צוגענומען די פערד. די אוקראַינער, וועלכע זענען נאָך געווען פון פריער אָנגעשטעקט מיט ראַסיזם, האָבן די דייטשן אַן גרויסער מי פאַרסמט דעם באַוווסטזיין. די דייטשן האָבן פאַרבאָטן די יידן ניט נאָר צו אַרבעטן אויף אינדיווידועלע שטעלעס, נאָר מען האָט אפילו פאַרבאָטן זיי עפּעס צו פאַרקויפן, אפילו ניט קיין וואַסער. אויב מען האָט עפּעס יאָ געקאָנט באַקומען ביי די פּויערים, איז דאָס געווען פאַר דעם פּרייז פון אַ מאַנטל, אַ קלייד, אַ העמד אָדער אַ הייז — וויפל עס איז דאָ געווען וואָס צו בייטן. זענען מענטשן געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. מען האָט שוין קיין יידן ניט געלאָזט אפילו ווי פריער ברענגען אַליין וואַסער אָדער שעפּן וואַסער פון די קרעניצעס. מאַמעס האָבן געמוזט צוזען ווי די קינדער האָבן ניט קיין ביסל וואַסער צום טרינקען. עס איז געווען שווער, ביטער שווער. מען האָט געמוזט אַלץ גנבענען, און ווען מען האָט געכאַפּט, האָט מען געשלאָגן אָדער דערשלאָגן ביז טויט. און נאָר ווען גאָט פלעגט צושיקן אַ רעגן האָט מען געקאָנט אָנזאַמלען אַ ביסל וואַסער צום טרינקען און עפּעס אָפּקאָכן, אויב מען האָט געהאַט וואָס צו קאָכן...

מיך האָט מען לויטן אויסזען כמעט ניט דערקענט אַלס ידישע. מען האָט מיך אָנגענומען פאַר אַן אוקראַינערין. איך פלעג אַרויס פון שטאָט און קויפן אָדער אויסבייטן זאַכן פאַר אַ ביסל מעל, פאַסאָליעס אָדער קאַרטאָפל און אַריינברענגען יעדן טאָג אין אַן אַנדער גאַס. מיר זענען געווען בלויז אַ קליינע צאָל, וואָס האָבן דאָס געקאָנט טאָן. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז די אוקראַינער זאָלן

אונדז ניט דערקענען און אַרויסגעבן דער געסטאַפּאָ. אַזוי איז עס געגאַנגען אַ גאַנץ יאָר.

איך און די אַנדערע האָבן שטענדיק געזאָרגט פאַר די אַלטע און קראַנקע, אַ׳ן מיר האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום שוועריקייטן זיי צו העלפן. אָפט פלעגן מיר געכאַפּט ווערן פון די שוצמאַנס, וועלכע האָבן געוואָלט וויסן, פאַר וואָס מיר גייען אַזוי אָפט צו די זשידעס, אָבער מיר פלעגן שוין וויסן, ווי זיך אַרויסצודרייען און אַמאָל נאָר אָפּקומען מיט עטלעכע קלעפּ. צווישן די, וואָס האָבן זיך דאָן באַזונדערס גענייטיקט אין הילף, זענען געווען: דער שוואַרצער רב, יעקב בער, משה שוחט, מירל צופּניס, רויזע צאַלע הערשעס, די אַלטע קופּיצעס, שיע זאַיאַנטשיק, שמואל רופא און אַנדערע.

אין אַ זונטיק פֿרי האָט מען געהערט ווי עס פאָרן כערד — דייטשן פאָרן, זיי זינגען און שפּילן מוזיק. נו, ווייסט מען שוין, אַז דאָס גרויסע אומגליק איז געקומען. קיינער גייט נישט אַרויס אין גאַס. מען לויפט זיך באַהאַלטן אין די פון פאָרויס צוגעגרייטע באַהעלטענישן. מען לויפט ווי נ׳שוגעים, ווו עס לאָזט זיך, אין די קעלערס, אויף די בוידעמער, גלייך ווי דאָס קאָן פון אומגליק באַשיצן.

און דאַן האָט זיך עס אָנגעהויבן. עס ווערן צוערשט אויסגעשאָסן די פּרומסטע יידן און מיט זיי די אַנדערע:

חיים שוחט (חיים רויזעס) מיט זיין פרוי און צוויי טעכטער.

דער שוואַרצער רב.

משה שוחט.

יצחק פיין מיט פרוי און קינדער.

דער זון מאָטי מיט זיין פרוי פייגע און צוויי קינדער.

זיינוול לייטמאַן (לייזיס) מיט פרוי און טאָכטער פרידאַ.

רויזע וואדאוואז מיט איר שוועסטער רחל.

בתיה פורמאַן מיט איר איניקל.

די שניידערמאַנס.

קופּעץ מיט דער פאַמיליע.

מאָטל־פייסי־סיטשקאַרניקס זון מיט זיין מוטער און פרוי.

משה קאַפּיט און מאַרי קאַפּיט (מאיר קאַפּיט האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן און איז דערשלאָגן געוואָרן אויף טויט אויפן שוועל פון זיין הויז).

הערשל ווינבלאַט מיט זיין פרוי דבורה און דריי קינדער.

חנה פון דער פּאָטשט מיט איר מאַן משה.

מירל צופּעניס זון.

פייגע שפּירא מיט איר טאָכטער איטא אין צוויי זין.

דער שמש פון דער שול און נאָך פיל אַנדערע.

נאָך דעם איז געוואָרן שטיל, — די שטילקייט פון טויט. די וואָס זענען געבליבן לעבן קריכן אַרויס פון די לעכער, די דייטשן גיבן אַ באַפעל מיר זאָלן גיין פאַרשיטן די גריבער פון די הרוגים. דער יאָמער איז גרויס. מען געפינט פיניע דעם קצבס טאָכטער (פּעטיוטע), אַ שיין מיידל פון 16 יאָר דערשלאָגן צום טויט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זי האָט זיך געראַנגלט מיט אַ שוצמאַן, און זיך

ניט געלאָזט פון אים שענדן. זי איז דערשלאָגן געוואָרן צום טויט, איז אָבער געבליבן ריין און ניט באַריהרט. מען האָט זיך מקבר געווען ווי אַ הייליקע אויפן הייליקן אָרט.

אַ שטיקל צייט איז שטיל געווען. מען האָט אָפּנים געוואָלט, אַז די יידן זאָלן אַרויס פון זייערע לעכער...״

*

אין אַ פּריוואַטן בריוו צו משה גאַרבער, וועלכער האָט זיך ביי יהודיתן נאָכגעפרעגט אויף זיין משפּחה, שרייבט אים יהודית פּאַלגנדיקס:



רחל באַסקאַלעס און איר טאָכטער אסתר. אומגעקומען

„איך האָב גוט געקענט אייער פעטער יהושע , ווי מען האָט אים גערופן שיע פּאָטאָגראַפשטשיק. זיין טאָכטער פייגע האָט חתונה געהאַט מיט מיין ברודער. געוווינט האָט אייער פעטער אין פּראָסקוראָוו און האָט דאָרט געאַרבעט ביי פאָטאָגראַפיע. בשעת דער ערשטער שחיטה, וואָס די נאַציס זענען באַגאַנגען אין פּראָסקוראָוו, איז שיע מיט דער טאָכטער און איר פיצל קינד געווען באַהאַלטן אין אַ פאַרמאַסקירטער באַהעלטעניש צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע מענטשן. דאָס קינד, וואָס איז אַלט געווען 11 חדשים, האָט שטאַרק געוויינט און מען האָט עס ניט געקאָנט איינשטילן. מען האָט אויפן קינד אַרויפגעלייגט אַ קישן. ווען די דייטשן, וואָס זענען געווען נאָענט, זענען אַוועק און מען האָט אַראָפּגענומען דעם קישן האָט מען געפונען דאָס קינד טויט. אייער פעטער מיט דער טאָכטער האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין זינקאָוו און בשעת דער ערשטער שחיטה אין זינקאָוו זענען שיע' און מיין ברודער דערהרגעט געוואָרן. זיין טאָכטער איז דערווייל געבליבן לעבן...״

די דערציילונגען טראָגן אַ ספּאָראַדישן כאַראַקטער. די שרעקלעכע איבערלעבע־

נישן רייסן זיך אַרויס פון זיכרון אָן אַ סדר. די פרוי יהודית וויינבלאַט־לויפער דער־ציילט אַ ביסל פון דעם און אַ ביסל פון יענעם; אָט איז איין עפּיזאָד און אָט — אַ צווייטער. מיר קאָנען פון איר דערציילונג ניט וויסן וואָס עס איז געשען פריער און וואָס שפּעטער. מיר פאַרשטייען, אַז עס איז בעצם ניט וויכטיק. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז אַ נאָרמאַלער מענטש קאָן גאָרניט אַרויפברענגען אויפן געדאַנק: ווי קאָנען מענטשלעכע ברואים טאָן אַזעלכע מערדערייען און ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז עמעצער זאָל דאָס צוזען און ניט ווערן משוגע און בלייבן לעבן. אַ פאַקט איז, אַז די פרוי יהודית, דאָדי קצבס אייניקל, האָט מיט אירע אויגן געזען דעם בראָך פון אונדזער פאָלק און זיין שוידערלעכן אומקום אין איר ווינקל אין אונדזער זינקאָוו.

טאָ זאָל די וועלט וויסן און שטוינען, און לאָמיר, די לעבנגעבליבענע, דאָס גוט געדענקען. און זאָלן ניט קומען קיין לייכטזיניקע און פלוידערן, אַז דאָס איז ניט קיין יידישע מידה ניט צו פאַרגעבן. אל נקמות אדוני! פאַרגיב זיי, די דאָזיקע שוואַכהאַרציקע פון אונדזער פאָלק: ניט די יידישע מידות גייען זיי אָן און ניט גוטהאַרציק זענען זיי. זיי ווילן פשוט ניט פאַרנעמען זייערע מחשבות מיט שרעקלעכקייטן. זיי ווילן ניט, אַז זייער רו און צופרידנקייט זאָלן צעשטערט ווערן און אַז זיי זאָלן קאָנען אָנגיין מיט זייער טאָג־טעגלעך נאַרישער עולם־הזהדיקייט.

מיר אַלע, און איר, וועלכע לייענען אונדזער געדענקבוך, — געדענקט דעם „יזכור"! זאָל דער הימל אַליין אים אויסשרייען ביזן סוף פון די דורות, ביז די לעצטע פון די, וואָס האָבן איינגעטונקט זייערע הענט אינעם בלוט פון אונדזער פאָלק, וועלן פאַרגיין פון דער וועלט, ביז עס וועט ניט קומען אַ דור, וועגן וועלכן אונדזער נביא ישעיה האָט געזאָגט „לא ישא גוי אל גוי חרב" (אַ פאָלק וועט ניט אויפהייבן אַ שווערט אויפן צווייטן), און גערעכטיקייט וועט הערשן צווישן מענטשן.

לאָמיר איבערגיין צו די ווייטערדיקע בריוו און „איכה"־קאַפּיטלען פון יהודית וויינבלאַט־לויפער:

„אַזוי איז פאָרגעקומען ווען די דייטשע מערדער האָבן געמאַכט זייער ערשטע אַקציע. פּינקטלעך 2 שעה מיט דריי מינוט האָבן זיי געשאָסן וועמען זיי האָבן נאָר דערטאַפּט. מען האָט אַראָפּגעריסן די קליידער פון מענער און פרויען און געטריבן זיי. קינדער האָט מען מיט די שטיקעס געשטאָכן אָדער לעבעדיקערהייט געוואָרפן. פון די מוטערס האָט מען אַוועקגעריסן די קינדער מיט ווילדע געלעכטערס און פאַר זייערע אויגן געפּייניקט אָדער באַלד אין שטוב דערשאָסן פאַר די מוטערס אויגן. דערביי האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער פון אפשר הונדערט מוזיקאַנטן, וועלכע האָבן געהילכט מיט דזשאַז־מוזיק און פאַרשריגן די קולות פון ווייטיק און אַנגסט.

אייניקע מוטערס האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט, ווי אַ שטייגער, מנשה רייד־מאַנס טאָכטער דבורה (וועגן איר וועל איך נאָך שרייבן באַזונדער).

די מאַסן־דערשיסונגען זענען אויסגעפירט געוואָרן צווישן די בערג פון סטאַניסלאַווטשיק ביי דער וויקאָוויצער ברום. שפּעטער האָט מען געשיקט צו פאַרשיטן די קרבנות. עס איז אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום געפאַלן אַ גאָס רעגן און די קערפּערס זענען אַרויפגעשווומען אויף אויבן און מען האָט געשיקט נאָך אַ מאָל זיי צו פאַרשיטן. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען אַ גוי און דער־

ציילט, אַז ער האָט געזען ווי אַ „זשיד״ איז אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים. די יידן פון דער געמיינדע זענען געגאַנגען צו דעם אָרט און געפונען חיים רויזעס (איזאַקסאָן) אויפגעהאָנגען מיט ביידע הענט אויפן בוים. ער איז געווען צווישן די דערשאָסענע, און ווי אַזוי ער איז געקומען צום בוים, וועט בלייבן אַן אייביקע רעטעניש. מען איז געגאַנגען צו דער געסטאַפּאָ און געבעטן, אַז זיי זאָלן דערלויבן אים מקבר זיין. דער געסטאַפּאָוויעץ האָט פאַרלאַנגט פאַר דעם אַ גרויסע סומע געלט און שיינע קלידער. מען איז דאַן געגאַנגען צו די בעלי־בתים פון שטאָט צו באַקומען פון זיי הילף. ליאָווע פינקעל האָט געגעבן גאָלדענע חפצים און די אויערינגלעך פון זיין פרוי (ליאָווע פינקעל איז געווען משה גרינמאַנס שוואָגער און זיין פרוי רבקה — משהס שוועסטער). ישראל איינקויפערס פרוי (משהס מוטער) האָט געגעבן צוויי רינגלעך. די פוקעלמאַנס — אַ גוטן פעלד־מאַנטל, בתיה ווינאָקור האָט געגעבן די גאַנצע אויסשטאַטונג פון איר טאָכטער סלאַווע. און אַזוי האָט מען אויסגעקויפט דעם קערפּער פון חיים רויזעס און געבראַכט אים צו קבר ישראל. אַלע איבעריקע קרבנות האָבן די דייטשן געצוווּנגען צו באַגראָבן אין מאַסן־גריבער. אַזוי פיל זאַכן אויף אויסצוקויפן אַלעמען איז ניט געווען. זינקאָוו איז געווען קליין און אָרעם. ווער עס האָט נאָך עפּעס געהאַט האָט מען באַשלאָסן ער זאָל דאָס אָפּגעבן צום אויסבייטן אויף עפּעס צום עסן און צום דערהאַלטן ביים חיות די אַלע, וואָס האָבן ניט געהאַט שוין וואָס צו בייטן.

אין אַ באַהעלטעניש פאַרשטעקט ערגעץ אין אַ לאָך באַהאַלטן זיך 32 מענטשן און מיט זיי איז געווען אַ קינד פון 19 חדשים. און ווידער די



שכנא און שרה וואַסערמאַן, זייער זון יוסף און פאַמיליע. אַלע אומגעקומען

זעלביקע געשיכטע: דאָס קינד וויינט. מען שטילט עס איין מיט כלערליי מיט־לען, וואָס ברענגען ענדלעך צו דעם, אַז דאָס קינד ווערט דערשטיקט. די מוטער גייט שיר ניט אַראָפּ פון זינען. זי וויל ניט אָוועקגעבן דאָס קינד. זי גלייבט ניט, אַז עס איז טויט. די מוטער לעבט נאָך נאָכדעם 6 חדשים און בשעת אַ צווייטער אַקציע ווערט זייער באַהעלטעניש אַנטדעקט. זי איז שוין פולקאָם משוגע. זי וויל ניט אַרויסגיין צו די דייטשן און זי ווערט לעבעדיקערהייט פאַרשאָטן אין דעם באַהעלטעניש. די באַהעלטעניש ווערט איר קבר. די איבע־ריקע ווערן אומגעבראַכט".

*

דעם בריוו פאַרענדיקט יהודית אַזוי:

„שווער צו לעבן און אַלץ צו דערמאָנען. איך שרייב דעם בריוו מיט דעם בלוט פון מיין האַרצן. אָבער דאָך מוז איך שרייבן. זאָל מען וויסן, ווי יידן האָבן געליטן.

עפּעס פון שמואל רופא. זייענדיק אַן אַלמן, האָט ער נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, וואָס איז געווען אַ סך יינגער פון אים. ער האָט נאָך געהאַט אַ קינד מיט איר. בשעת דער ערשטער אַקציע זענען זיי אַלע אומגעקומען.

אפרים (פרויעם) באטשקעס און זיין פרוי צביה מיט די קינדער זענען אומגעקומען. בלויז זייער עלטסטע טאָכטער, וועלכע איז געווען פאַרהייראַט מיט אַ קריסט, איז געבליבן לעבן..."

*

און ווידער שרייבט יהודית:

„נאָך דעם יאָר, ווען מען האָט אונדז נאָך געלאָזט לעבן, האָבן זיך אָנגעהויבן כסדרדיקע אַקציעס. נאָכן ערשטן פּאָגראָם — אין צוויי וואָכן אַרום — דער צווייטער, שפּעטער — דער דריטער, דער פערטער, דער פינפטער. אַכט טעג האָט מען געמאָרדעט אָן אויפהער. און ווידער איז געוואָרן שטיל. מיר קומען צוריק פון ריוונישקער וואַלד, מיר קריכן אַרום אין אַלע שטובן און רופן אַרויס די לעבנ־געבליבענע מענטשן. זיי זענען שרעקלעך צעמישט. מתים אומעטום, דערהערגעטע, דערשטיקטע אין באַהעלטענישן אָן לופט, אָן עסן און טרינקען, אומגעקומענע פון שרעק, מענער, פרויען און קינדער. מיר גראָבן גריבער און באַהאַלטן די טויטע אין מאַסן־קברים".

*

צו משה גרינמאַן (משה, ישראל איינקויפערס) שרייבט יהודית:

„...עס פאַרגייען אַ פּאָר טעג. מען געפינט זיך אין אַ געטאָ. דאָס געטאָ איז געמאַכט ניט ווייט פון אייער גאַס, אויף דעם לאַן, ביי דער יאַטקע ניט ווייט פון דער יידישער שקאָלע ביז צו דעם הויז, וווּ אייזיק פוקעלמאַן האָט געוווינט. מען זאָגט צו, אַז די יידן וועלן בלייבן לעבן, ווייל מען וויל זיי שיקן אויף אַרבעט... איצט האָט

שוין קיינער ניט וואָס צו בייטן אויף עפּעס אַ ביסן ברויט. מיר לאָזן זיך אין די דערפער בעטלען און עס גיט זיך אונדז איין צו ברענגען פון באַקאַנטע אַ ביסל עסנוואַרג...

איער שוועסטער חנה האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, נאָר זי איז געווען שוין אין גאַנצן צעבראָכן און פול מיט וויטיק...

און אָט נאָך אַן עפּיזאָד: אַרויסגייענדיק איין מאָל פון געטאָ, כאַפּט מיך אַ יידישער פּאָליציסט: אברהם וואַסילקע האָט מען אים גערופן, און גיט מיך איבער



שבתאי זאלאס פאָטער, זיין שוועסטער איטע און איר מאַן לייזער פּאַלאַטניק מיט זייערע 2 טעכטער, שפּעטער גראַדואירטע. אַלע אומגעקומען

צו דער געסטאַפּאָ. איך ווער שרעקלעך געפּייניקט און געשלאָגן — מיין חטא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער גרענעץ פון געטאָ און טראָג ניט די געלע לאַטע, דעם שאַנדפלעק, וואָס די דייטשן האָבן באַפוילן צו טראָגן די יידן. איך ליג אין געסטאַפּאָ פינף טעג און בעט שוין אַליין דעם טויט אויף זיך. איך האָב אָבער ביי זיך גאַרניט, מיט וואָס צו באַגיין זעלבסטמאָרד. אויפן זעקסטן טאָג שיקט מען מיך מיט אַ טראַנספּאָרט יידן „אויף אַרבעט". ווייס איך שוין אָבער וואָס עס הייסט „אויף אַרבעט", שפּרינג איך אַראָפּ פון דער מאַשין ווען זי איז אין

פולן גאַנג, מען שיסט מיר נאָך, אָבער איך אַנטלויף. איך קום אין דאָרף פּעטראַשי און בלייב דאָרט ביי אַ קריסט צוויי וואָכן. איך ווער אינצווישן געוואָר, אַז אין שטאָט זענען שוין מער קיין יידן ניטאָ...

איך קער זיך אום צוריק אין שטאָט. עס איז אמת. מען האָט אַלע יידן פאַר־שיקט, עס איז דאָ קיין לעבעדיק נפש ניט געבליבן. גיי איך שוין צוריק אין דאָרף, אָבער מיין קריסט זאָגט מיר, אַז ער האָט מורא מיך ווייטער צו האַלטן. איך האָב שוין מער ניט וווּ צו זיין. לאָז איך מיך אַוועק קיין מאָהילעוו. דאָרטן זענען געווען די רומענער און זיי מאַכן נאָך ניט קיין פּאָגראָמען. איך דערשלאָג מיך אַהין און פאַרבלייב דאָרטן 5 חדשים. איך לעב דאָרט כמעט אָן עסן. איך עס אַ קאַרטאָפל און אַ האַלבן בוראַק אַ טאָג, אויב מען קריגט דאָס. דאָ גיי איך שוין אָן אַלס אַ יידישע. מען כאַפּט מיך און מען שיקט מיך אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין טולטשין און פון טולטשין קיין טיראַספּאָל. פון טיראַספּאָל ווער איך שוין באַפרייט. אַזוי אַרום בין איך ניצול געוואָרן און, ווי איר זעט, בין איך געבליבן לעבן״.

*

אין איר צווייטן בריוו צו משה גאַרבער דערציילט יהודית:

„...איר האָט דאָך זיכער געקענט איציק שאַפּיראָוויטשן. ער איז געווען אַ לערער אין דער יידישער שקאָלע (שולע). ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט 5 קינדער. ער מיט זיין פרוי און 3 קינדער זענען אומגעקומען, און די אַנדערע 2 קינדער זענען גע־בליבן לעבן.

...איצט וועגן שבע אַבראַמאָוויטש (אַלטער־מאַני־יצחקס טאָכטער). איר האָט זי זיכער געקענט. איר פאַרהייראַטער נאָמען איז געווען פויגלמאַן. זי איז געווען זייער אַן אינטעליגענטע פרוי. זי האָט געהאַט פיר קינדער, אַלע יינגלעך. זי און איר מאַן חיים און די קינדער זענען געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ שאַכטע, ווו מען גראָבט פאָספאָר. פיר יאָר האָבן זיי זיך דאָרט געמאַטערט. אַ פויער פלעגט זיי ברענגען אַהין עפּעס עסן, כדי צו דערהאַלטן זיי ביים לעבן. שבע האָט אָבער נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן און זי איז געשטאָרבן דריי חדשים פאַרן ענד פון דעם קריג, און טאַקע דאָרטן אין דער שאַכטע האָט מען זי באַגראָבן. דער מאַן און די פיר זין זענען געבליבן לעבן. דער עלטסטער זון איז שוין געווען אין מיליטער־עלטער, האָט מען אים מאָביליזירט אין דער אַרמיי און אין דריי חדשים נאָך דעם איז ער געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד.

איר ברודער אברהם אַבראַמאָוויטש און זיין פרוי איטע־לאה און זייער זון זענען דערהרגעט געוואָרן. נאָך אַ זון איז געפאַלן אין דער אַרמיי, און די אַנדערע קינדער זענען געווען אין מאָסקווע און געבליבן לעבן...

אין אייער בריוו צו מיר האָט איר דערמאָנט עפּעס וועגן דעם פעלדשער גערעגאַ. אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע איז ער געווען זייער שלעכט צו יידן. זיין טאָכטער איז געקומען פון ערגעץ קיין זינקאָוו מיט אַ קינד פון פינף יאָר. זי האָט געלעבט מיט אַן עס־עס־מאַן און זי האָט זיך שטאַרק נוקם געווען אין די אומבאַשיצטע זינקאָווער יידן. ווען זי פלעגט זיך נאָר דערוויסן ווו אַ ייד באַ־

האַלט זיך אויס, פלעגט זי אים באַלד אַרויסגעבן דער געסטאַפּאָ און איר ממזר פלעגט אויסברעכן אַלע שויבן פון ידישע פענצטער. אָבער איך האָב נאָך דערלעבט צו זען איר פינצטערן סוף. ווען עס איז געקומען די באַפרייאונג, האָט זי זיך פאַרסמט צוזאַמען מיט איר קינד. געדעגא אליין איז געוואָרן בלינד און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ צווייטער טאָכטער. ער האָט די גאַנצע צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע ניט געוואָלט איבערהויפּט העלפן קראַנקע יידן, און ער האָט דערלויבט, אַז הינטער זיין פּאַרקן זאָל מען דערשיסן די יידן, וועלכע מען האָט געהאַט אַרויסגעשלעפּט פון די באַהעלטענישן. אַזוי אַרום זענען דאָרטן באַגראָבן געוואָרן עטלעכע צענדליק יידן.



שלמה ישראל א־ינקויפער און זיין פרוי, אומגעקומען אין שלאַכט. די גאַנצע פאַמיליע אומגעקומען

אַ פולשטענדיקער היפך פון אים איז געווען אַן אַנדער קריסטלעכער פעלדשער מיטן נאָמען וואַציק (אָדער וואַדיק). ער האָט גראָד שוין פיל געהאָלפן יידן. צום באַדויערן איז ער אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. זיין פרוי און טאָכטער האָבן ניט געקאָנט צוזען דעם גרויסן צער פון יידן און זענען אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר, אַבי ניט צוצוזען דעם גרויסן חורבן פון זינקאָוו.

דער לערער רובינשטיין האָט זיך באַצייטנס עוואַקואירט מיט זיין פרוי און קינדער.

מיטלמאַנען האָט מען דערהרגעט צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה.

פון יחיאל רופאס זון, הערשל דעם קרומען, איז געבליבן די טאָכטער איטע.

לוי סטאָלער מיט זיין פרוי און קלענסטן זון האָט מען דערהרגעט. זיין זון מאָטל איז געפאַלן אין קריג. די אַנדערע קינדער לעבן אין מאָסקווע.

פון פיני דעם קרומען גאָלדשמיד זענען געבליבן צוויי קינדער.

די משפחה בערקאָוויטש איז אין גאַנצן אומגעקומען.

דעם פיש־פּאַרקויפער האָט מען דערהרגעט צוזאַמען מיט זיין פרוי אוןביידע טעכטער.

פיקסלער דער שניידער און זיין פרוי און צוויי זין זענען געבליבן לעבן. זיין טאָכטער האָט מען דערהרגעט אַ קורצע צייט פאַר דער באַפרייאונג".

*


אין דעם בריוו צו משה גרינמאַן פון 2טן מערץ 1965, שרייבט יהודית איניקע פּרטים וועגן די „קוואַרטיראַנטן" אין זינקאָווער הייזער אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע:

„ווי איך קאָן מיך דערמאָנען, זענען אין אייער הויז געשטאַנען געסטאַפּאָ־לייט. קעגנאיבער אייער הויז איז געווען די שוצפּאָליציי. ביי אברהם בלעכער איז געשטאַנען אַן עס־עס־מאַן מיט זיין פאַמיליע. ביי פערל דער סוויטשקע (מיר דוכט, אַז דאָס איז יחיאל־מרדכי־הערשלס טאָכטער — י. ר.) — אַ געסטאַפּאָ־אָפיצער מיט זיינע באַדינער. ביי משה פויגעלמאַן אין הויז איז געשטאַנען דער געביט־קאָמיסאַר. דאָרטן ווו מירל צופּעניס הויז איז געווען, האָט מען געמאַכט דעם זאַמלפּונקט, וווהין מען פלעגט ברענגען די יידן איידער מען פלעגט אויף זיי באַגיין די שחיטה. ווו די וואָרצמאַנס האָבן געוווינט איז געווען די ידישע געמיינדע. אין 1947־טן יאָר, ווען איך בין געווען אין זינקאָוו, זענען אין שטאָט געבליבן זייער ווייניק הייזער. עס זענען נאָך דאָן געבליבן די הייזער פון: רבין ר׳ פינחסל, חנה פון דער פּאָטשט, מנשהריידמאַן, פונקעלמאַן, מילשטיין, פון רבין ר׳ משהלען, משה צוקערניק (שפּיאַלטער), אברהם אַבראַמאָוויטש (אברהם אַלטערס), סענדער גאַרבער, אוסטריאַק, הערש יחיאל רופאס, שמואל רופא, די ווינאָקורס, חיים רויזעס, די גאַרניקס, דעם „תנא פון נהרדעא", דער „יאַנטאַניכע" און נאָך עטלעכע איינצלנע הייזער. דאָס רוב הייזער האָט מען פאַרברענט, און ווען ניט, האָבן די אוקראַינער זיי צענומען אויף האָלץ. פון יעדן הויז איז געבליבן אַ באַרג מיט ליים. מען האָט געקאָנט געפינען ערטערווייז אַ צעריסן קישן אָנגעפילט מיט פעדערן, אָדער אַ קינדעריש שיכל. עס איז שרעקלעך זיך פאָרצושטעלן, ווי די גויים האָבן געהאָלפן פאַרניכטן די שטאָט. אויף די ווענט פון די חרובע הייזער האָט מען אָנגעשמירט לאָזונגען אויף אוקראַיניש: „„אַ סוף מיט דער יידישער הערשאַפט! זאָל לעבן די פרייע אוקראַינע! יידן און הינט איז דער אַריינגאַנג פאַרבאָטן! שלאָג די יידן, ראַטעווע אוקראַינע!". און נאָך אַזעלכע ענלעכע „גוטהאַרציקע" אויפשריפטן. ערשט דאַן, ווען זיי האָבן איינגעזען, אַז היטלער שאַנעוועט זיי אויך ניט, זענען זיי געוואָרן אַ ביסל בעסער, עס איז אָבער שוין געווען צו שפּעט".

אין איינעם פון אירע בריוו צו משה גאַרבער דערציילט יהודית אירע ווייטער־דיקע שרעקלעכע דערציילונגען פון דעם זינקאָווער יאַמער־טאָל און ברענגט נאָך איינצלנע טראַגישע פּרטים:

„אין איינעם פון יענע טעג האָבן מיר געפונען די מוטער פון וועלוול טוכמאַן ווי זי ליגט אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב. מיר האָבן זי געוואָלט אַרויסנעמען, איז עס

ניט געגאַנגען. דאַן האָט זיך אָנגערופן וועלוול ראָזענבערג מען זאָל גיין רופן איר טאָכטער, אַז זי זאָל זי בעטן אַרויסגיין און מיר זענען געגאַנגען זי רופן. די טאָכ־טער האָט געזאָגט צו די וועכטער, אַז זי בעט זיי אַרויסנעמען די מוטער פון גרוב און זי מקבר זייַן. און זעט דעם ווונדער: זי האָט לייכט אָנגענומען די מוטערס האַנט און זי אַרויסגענומען פון גרוב (עס איז ניט קלאָר, צי זי איז נאָך געווען לעבעדיק און די מניעה איז געווען צוליב דעם וועכטער, אָדער עס איז בכלל שווער געווען זי אַרויסצונעמען. יעדנפאַלס איז אויף דעם באָדן אויסגעוואַקסן איינע פון יענע לעגענדעס, וואָס ווערן געשאַפן אין צייטן פון גזירות און פאָלקס־יסורים — י. ר.). אויפן צווייטן טאָג נאָך יענעם געשעעניש איז געווען אַ פרישער פּאָגראָם און אַלע קינדער פון דער פרוי טוכמאַן און אויך וועלוול ראָזענבערג זענען דערהרגעט געוואָרן.



ישראל איינקויפער מיט זיין זון און פלימעניקעס. אומגעקומען

און אָט וויל איך אייך דערציילן נאָך אַן עפּיזאָד (אַזוי רופט יהודית אַן די טרויעריקע געשעעניש — י. ר.), וואָס איז אַזוי טרויעריק, אָבער אמת. איר געדענקט דאָך אונדזער גרויסע שול. זינקאָווער יידן זענען דאָך געווען אַזוי שטאָלץ מיט איר און מען קאָן וועגן איר דערציילן אַזוי פיל זאַכן. אויפן ארון־קודש זענען געווען, ווי איר געדענקט געוויס, צוויי לייבן. די דייטשן האָבן די שול צעוואָרפן און אַלץ צעבראָכן נאָר אַ גרויסער חלק פון ארון־קודש מיט די אָפּגעגילדעטע לייבן איז געבליבן. די דייטשן האָבן, אַפּנים, געמיינט, אַז די לייבן זענען אָפּגעגילדעט מיט אמתן גאָלד און אַז מען דאַרף דאָס גאָלד אַרונטערנעמען. זיי האָבן געוואָרפן גראַנאַטן, געקלאַפּט און געבראָכן דעם ארון־קודש, נאָר די לייבן זענען אַלץ געבליבן שטיין. האָבן זיי אַרויפגעשיקט צוויי יידישע קינדער

זיי זאָלן דאָס „גאָלד" אַרונטערנעמען, אָבער די יידן זענען געבליבן דאָרטן שטיין. דאַן האָבן זיי געשאָסן אויף ביידע קינדער. די קינדער זענען אַרונטער־געפאַלן און די וואַנט איז געבליבן שטיין, און איך גלויב, אַז נאָך עד היום שטייט דאָרטן די וואַנט (עס איז קלאָר, אַז ווען יהודית זאָגט „די יידן זענען געבליבן דאָרטן שטיין", מיינט זי די קינדער, אָדער זי מיינט צו זאָגן, אַז די דייטשן האָבן געשיקט יידן צו נעמען די לייבן און האָבן געשטעלט אויבן אַלס משכנות די קינדער, און ווי באַלד די יידן האָבן ניט געוואָלט אָדער ניט געקאָנט אַראָפּנעמען די לייבן אָדער דאָס „גאָלד" פון די לייבן, האָבן די דייטשן דערשאָסן די קינדער— י. ר.).

און איצט וויל איך פאַרצייכענען די העלדישקייט פון אַ יידיש מיידל. איך מוז אייך שרייבן, אַז ניט נאָר יצחק לייביש פּרץ האָט געקאָנט אונדז ברענגען זיינע דריי מתנות, אַלס אויסדרוק פון גבורה פון יידישן פאָלק. אויך אונדזער דור האָט באַוויזן גבורה מצד איינצלנע און פילע קדושים... איך וויל דערציילן פון איינער אַ מיידל אין אונדזער שטאָט זינקאָוו: די געמיינערמאַנס זענען געווען צוויי אָדער דריי ברידער. איינער איז געווען פיני קצב. פיני קצב האָט געהאַט אַן איין־און־איינציקע טאָכטער, וועלכע איז אַלט געווען 16 יאָר. זי איז געווען שיין, קלוג, גוט דערצויגן און אינטעליגענט. מיר האָבן געלערנט אין איינער און דער זעלביקער מיטלשול. איך האָב שוין דאַן געהאַט געענדיקט די שולע און זי האָט נאָך באַדאַרפט לערנען אַ יאָר צייט. בשעת דער צווייטער אַקציע איז זי געכאַפּט געוואָרן דורך אַ שוצמאַן, אַ געוועזענעם שילער פון דער זעלביקער שולע, וועלכער האָט די שולע פאַרענדיקט מיט עטלעכע יאָר פריער. ער האָט זי געוואָלט שענדן און זי האָט זיך געראַנגלט מיטן שטאַרקן ריז, געקעמפט מיט אים ביז צום טויט און זי האָט אויסגעהויכט איר נשמה אַ ריינע. מיר האָבן זי געפונען אין אַ גרוב, וווהין ער האָט זי פאַרשלעפּט אַ צעשלאָגענע, אַ פאַרבלוטיקטע, אַ צעביילטע, אָבער אַ ריינע און הייליקע. זי האָט באַצאָלט מיטן לעבן פאַר איר יידישן נאָמען. זי איז געשטאָרבן ווי אַ העלדין און ניט ווי אַ שאָף. (פיל איינצלנע פאַלן פון יידי־שער גבורה זענען פאַרזונקען געבליבן אין תהום פון בלוט און ניט דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט. עס זענען ניט געווען דערביי קיין פּרעסע־קאָרעספּאָנדענטן און פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און דעריבער נעמען זיך אייניקע מענטשן די העזה צו באַשולדיקן אונדזערע מאַרטירער און קדושים, אַז זיי זענען געגאַנגען צו דער שחיטה ווי שאָף — י. ר.).

נאָך אַ פאַל: מנשה ריידמאַנען, זיין פרוי טשאַרנע און זיין טאָכטער דבורה מיט איר קליין קינד האָבן זיי געפירט צום שיסן. זיי האָבן געוואָלט צונעמען ביי דבורהן דאָס קינד און זי אַליין שיקן אויף אַרבעט. זיי האָבן צו איר געזאָגט: „דו ביסט נאָך יונג, ביז מען וועט דיך דערשיסן קאָנסטו נאָך גוט אַרבעטן". דבורה האָט אַ שפּיי געטאָן דעם שוצמאַן אין פּנים אַריין און האָט צו אים אויס־געשריען: „בלוטיקער מערדער!" דאַן האָבן זיי דערשאָסן דאָס קינד פאַר אירע אויגן און באַלד נאָך דעם זי אַליין.

איך בין מיד פון שרייבן דאָס אַלץ. איך קאָן איצט ניט מער. אָבער איך וועל

נאָך שרייבן. איך האָב געשוואוירן קיין מאָל ניט צו פאַרגעסן דעם קאָשמאַר פון בלוט".

*

אין אירע ווייטערדיקע טראַגישע באַריכטן שרייבט יהודית:

„משה פאניס איז געבליבן לעבן און אויך זיין טאָכטער מאַני. זיין פרוי און זון האָט מען דערהרגעט. אַז אָך און ווי איז דעם פאָטער. ער האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיטן זון. איז אַרויס אַ ווילדע דרויסן, האָבן די עס־עס־לייט אים געכאַפּט און דערשאָסן און משה איז געבליבן וואַרטן, אַז דער פאָטער זאָל קומען צוריק און אַזוי וואַרט ער ביזן היינטיקן טאָג. די טאָכטער מאַני האָט געלערנט אין מאָסקווע און איז געבליבן לעבן.



משפחה שרייבמאַן, איצי מייקעס און זיינע קינדער. די יינגערע אומגעבראַכט

די ברעזמאַנס זענען געווען קירזשנערס. זיי האָבן געוווינט אויפן לאַן לעבן דער ווינקאָוויצער ברום. אַלע זענען זיי אומגעקומען, נאָר איין טאָכטער איז געבליבן לעבן.

לייזער וואולער איז געווען אַ געראָטן יינגל, האָט זיך געלערנט אויף לערער פּאַר געשיכטע. ער איז אומגעקומען בשעת דער צווייטער אַקציע צוזאַמען מיט זיין פאָטער, מוטער און דער באָבען.

די שונדערמאַנס זענען אַלע אומגעקומען. זייער זון אברהם, וועלכער האָט שטודירט אין אוניווערסיטעט, איז, צום אומגליק, גראָד געקומען אַהיים אויף וואַקאַציעס און איז אומגעקומען צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפחה.

יאָסל וואָדאָוואָז מיט זיין פרוי און קינדער. זיין טאָכטער איז געווען פאַרהייראַט צו פערל דער סוואַטשקעס זון. דער זון יענקל איז געכאַפּט געוואָרן דורך די עס־עס־לייט. מען האָט אים געשיקט צו אַרבעטן אויפן שאָסיי, האָט ער זיך דאָרטן מיט עפּעס פאַרזינדיקט ביים עס־עס־מאַן, האָט דער עס־עס־מאַן אים גענומען און אַריינגעוואָרפן מיט די פיס אין אַ זודיקן פאַס סמאָלע און נאָכהער האָט ער אים אַרויסגענומען און אַוועקגעלייגט. מענטשן האָבן אים צוריק געבראַכט אין געטאָ. ער איז געווען האַלב פאַרבריענט, שוואַרץ ווי אַ קויל און די שמערצן זיינע זענען געווען ניט צום איבערטראָגן. ער האָט זיך געבעטן: פאַרסמט מיך אָדער שיסט מיך. דריי מעת לעת האָט ער זיך געמאַטערט און אין אָוונט פון דריטן טאָג איז ער אויסגעגאַנגען. זיין שוועסטער מאַני איז אומגעקומען שפּעטער, ווען אַ גוי האָט זי אַרויסגעגעבן דער געסטאַפּאָ.

פייגע כמעלניקער מיט איר טאָכטער איטא און איר זון חיים זענען אומגעקומען. אירע אַנדערע צוויי טעכטער און אַ זון, וועלכע זענען ניט געווען אין זינקאָוו, זענען געבליבן לעבן.

משה פוקעלמאַן האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ גוישער פאַמיליע אין סטאַניסלאַוועטשיק. אין צווישן האָט משה געהערט, אַז ס׳איז גוט אין טראַנסדנעסטריע (רומעניע), האָט ער באַצאָלט אַ גוי ער זאָל אים אַריבערפירן. דער גוי האָט געמאַכט אַ דנאָ אין שליטן. אַ שוצמאַן איז אויפפאַלנדיק געוואָרן, פאַרוואָס דער דנאָ איז צו גראָב, האָט ער אַ שטאָך געגעבן אויף דורך מיטן שפּיז און האָט דעןשטאָכן משהן אין שליטן. עס האָט אַ גאָס געטאָן בלוט. דעם גוי האָט מען געשלאָגן כמעט צום טויט, און אים, משהן, האָט מען געלאָזן אַזוי זיך מאַטערן. ערשט אויפן צווייטן טאָג האָט מען אים געלאָזט אַרויסנעמען. ער איז שוין געווען טויט.

אברהם שפּיאלטש (צוקערניק) איז געבליבן לעבן מיט זיינע צוויי זין.

ברײנע בערזמאַן דעם שמשס איז געבליבן לעבן.

צירל רובינשטיין איז געבליבן לעבן. איר גאַנצע משפּחה אָבער האָט מען אויסגעהרגעט.

ראָסי קיבריק האָט מען אומגעבראַכט. איר טאָכטערביילע מיטן ברודער לעבן.

די מאַרגאָליסעס האָט מען אומגעבראַכט.

די ראָזענס, די סטריאַניקס (ער איז געווען אַ צאָן־דאָקטער) האָט מען אומגעבראַכט.

דער זון פון מירל צופעניס און זיין טאָכטער רחל זענען אומגעקומען.

יעקב־בער דער „האָניק־ייד" האָט געוואָלט אַפּנים דעם ערשטן טאָג ווען די דייטשישע מערדער זענען אַריין אין שטאָט ראַטעווען זיך דורך ווײַלן וויזן זיי אַ פריינטלעך פּנים, איז אַרויס פון שטוב מיט ברויט און זאַלץ — און אפשר האָט ער דאָס געטאָן מחמת שרעק, אָבער אַן עס־עס־מאַן האָט צו אים אַ געשריי געגעבן: „דו ביסט איין יודע, איך פאַררעטער צו דיין לאַנד" און האָט אים גלייך דערשאָסן אויפן שוועל פון זיין הויז.

משה איצי פלעגט מאַכן ליכט און זיי פאַרקויפן. ער האָט געוווינט ביי דער ווינקאָוויצער ברום. ער איז אומגעקומען ביי דער ערשטער אַקציע.

איציק „שטיפקע", ווי מען האָט אים גערופן, מיט זיין שוועסטער אסתר — האָט מען זייער געפייניקט און דערשאָסן אויפן וועג, ווען מען האָט זיי געפירט צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע צום אומברענגען.

ריסיע, גדליה־הערשס, אַ פרומע און טייערע פרוי, איז געווען שוין נעבעך אַלט און האָט ניט געקאָנט גיין. מען האָט זי געצוווּנגען צו לויפן. זי האָט זיך געבעטן: „שיסט מיך, שיסט מיך, מערדער!" און זיי האָבן זי ניט אויפגעהערט שלעפן ביי אירע גראָע האָר ביז זי איז געפאַלן אין חלשות, און דער מערדער האָט זי דאַן דערשטאָכן מיט זיין שטיק, און אירע קינדער איז אויסגעקומען דאָס אַלץ צוצוקוקן, ניט קאָנענדיק מיט גאָרניט העלפן זייער מוטער.

שמעון לאַסקין און זיין פאַמיליע האָט זיך שווער געלעבט, נאָר לעצטנס, אַ קורצע צייט פאַר דעם אומגליק, האָט זיך זיין לעבן פאַרבעסערט. די קינדער זענען אויסגעוואַקסן און יעדער פון זיי האָט געאַרבעט. די מערדער זענען אַריינגעקומען. דער פאָטער איז דערשלאָגן געוואָרן אין הויז. איין זון האָט געשריען: „מערדער!" און איז דערשלאָגן געוואָרן מיט קלעפּ. דער צווייטער זון, יענקל, און די טאָכטער שרה, האָבן דאָס נעבעך געמוזט צוזען, און זיי האָט זיך איינגעגעבן צו בליבן לעבן בלויז ביז צו דער פערטער אַקציע. זיי האָבן געוואָלט שרייען, אָבער פאַר שרעק האָט זיך זייער מויל ניט געוואָלט עפענען.

ביי די לערמאַנס איז זייער טאָכטער גיסיע אויסגעקומען צוצוקוקן, ווי מען הרגעט זייער פאָטער. זי אַליין האָט זיך אויסבאַהאַלטן און איז געבליבן לעבן, אָבער בשעת דער לעצטער אַקציע האָט מען זי אויך געהרגעט.

ניט ווייט פון דעם „הקדש" האָט געוווינט יחיאל תנאי און דער פישער, וואָס פלעגט פאַרקויפן פיש. ער האָט געהאַט צוויי טעכטער. איינע איז געווען אַ לערערין. איר מאַן, יחיאל־קאָוואַלס זון, ישראל וואַסערמאַן, איז אויך געווען אַ לערער. די לערערין איז אומגעקומען כמעט די לעצטע אין שטאָט. איר מאַן איז געוואָרן אַ קאַפּיטאַן אין דער אַרמיי, איז געבליבן לעבן און געפינט זיך איצט אין קיעוו. ער איז געבליבן איינער פון פינף קינדער. זייער קינד און די באָבע זענען אומגעקומען בשעת דער ערשטער אַקציע.

די פאַמיליע שענקער איז אומגעבראַכט געוואָרן. די קינדער זייערע זענען, ווי עס זעט אויס, געבליבן לעבן.

אהרון דער באדנער מיט זיין פרוי און פיר קינדער זענען אומגעקומען.

די געלדפינדס, די שוואַרצס (דער זייגערמאַכער) זענען אומגעקומען.

ווי נאָר היטלער איז אַריינגעקומען זענען די אוקראַינער, אַחוץ איינצלנע, גע־וואָרן מיטהעלפער אין דעם בלוטבאָד. יידן, וואָס האָבן געוווינט אין די דערפער און האָבן שוין אפילו (דער יינגערער דור) ניט געוווּסט, אַז זיי זענען יידן, האָבן זיי אויך ניט געשאַנעוועט און האָבן איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ.

די פאַמיליע פון מענדל פעטרעשיער איז געווען די ע־שטע וואָס איז אומ־געקומען. די גאַנצע משפחה איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

אין פּראָסקוראָוו האָב איך געטראָפן מיין בעסטע חברטע רחל פינקעל. האָט זי מיר דערציילט, אַז זי און איר שוועסטערל זענען געווען אין לאַגער „גרעשטשאַנקע"

לעבן פראָסקוראָוו. רחל איז געווען פיין, קלוג און איידל דערצויגן. איך קאָן מיך גוט דערמאָנען ווי נעט רחל פלעגט קומען אין קלאַס אַריין. אויף איר שוואַרצן שירצעלע, וואָס אַלע שילערינס פלעגן טראָגן, האָט איר מאַמע אויף דער לינקער זייט פון פאַרטעכל אָנגענייט אַ רויט בענדעלע, ווייל אַ יידיש קינד טאָר ניט טראָגן קיין שוואַרץ און אַזוי איז פאַרבליבן איר דאָס פאַרטעכל מיטן רויטן בענדל. זי האָט ניט אַכטונג געגעבן און איז אַרויס אין דעם פאַרטעך צו דער אַרבעט. אַ שוצמאַן איז אַריינגעקומען אין באַראַק און האָט באַמערקט אויף איר דעם פאַר־טעך. ער האָט באַשלאָסן, אַז זי איז אַ קאָמוניסטקע און מען האָט זי אַרויסגעפירט שיסן. איר שוועסטער, וואָס איז פונקט געווען אין באַראַק, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, כדי צוצוקוקן וואָס עס וועט פאַסירן מיט איר שוועסטער. רחלע האָט געזאָגט צום שוצמאַן: „איך בעט דיך, פיר מיך אַוועק אַ ביסל ווייטער, איך שעם



משפחה אַווערבוך: זיסיע, האָדל און מענדל

מיך פאַר מענטשן. פיר מיך צו יענעם בוים, דאָרטן איז שטיל און זאָל דער בוים זיין מיין דענקמאָל". זי האָט זיך אַזוי געבעטן, ווייל זי האָט ניט געוואָלט, אַז איר שוועסטער זאָל זען ווי זי ווערט דערשאָסן. זי האָט ווידער גערעדט צום שוצמאַן. יעדער מענטש האָט דאָך אַ רעכט צו בעטן עפּעס פאַרן טויט. זאָגט צו איר דער שוצמאַן: „זשידאָווקאַ, דו ביסט נאָך ראָמאַנטיש", און הייסט איר לויפן. זי איז געלאָפן, אָבער ער האָט געשאָסן אין דער לופט אַריין. פאַר שרעק איז רחל געפאַלן צו דער ערד. זי האָט געמיינט, אַז זי איז געטראָפן געוואָרן. האָט זי גע־טראַכט: ווען איך קאָן איצט אויפשטיין און יעדן דערציילן, אַז דער טויט איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך, אַז עס איז ניט כדאי אַזוי פיל זיך צו פּלאָגן און ווערן לעבן. זי האָט פּלוצלונג דערפילט אַ שטויס אין די ריפּן. דער שוצמאַן איז געשטאַנען לעבן איר: „זשדאָווקאַ, שטיי אויף!" און זי האָט זיך, נעבעך, געהאַלטן ביי אירס: „וואָס

ווילסטו פון מיר איך בין דאָך טויט״. דער שוצמאַן האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און האָט זי געבראַכט צוריק אין לאַגער.

ווי מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, איז רחל אומגעקומען דעם 3־טן דעצעמבער, צוזאַמען מיט איר שוועסטער״.

*

יהודית רייסט איבער אויף אַ צייט דאָס צושיקן אירע בריוו מיט זייער טראַגישן אינהאַלט. דעם 9־טן מאַי 1965 זעצט זי ווייטער פאָר און זי שרייבט, אַז זי איז זייער קראַנק געווען, האָט געהאַט שטאַרקן פיבער, איז געלעגן אין שפּיטאָל. צען טעג נאָכאַנאַנד האָט זי געפיבערט, אפילו קיינעם ניט דערקענט און די דאָקטוירים האָבן געזאָגט,



נאָטע בעלאָעז (נעסיס) מיטן אייניקל

אַז דאָס איז געקומען פון שטאַרקער אויפרעגונג. זיי האָבן דאָס אָנגערופן „נערוון־פיבער״. פון דעסטוועגן ווי נאָר זי איז געקומען צו זיך איז זי ווידער צוגעטראָטן „פאַרצווזעצן — ווי זי רופט דאָס אָן — די הייליקע אַרבעט״.

ערשט דעם 6־טן סעפּטעמבער 1965 קומט אָן איר ווייטערדיקער בריוו, ווו עס איז אָנגעגעבן אַ נייע רשימה פון נעמען פון אונדזערע אומגעקומענע זינקאָווער פאָלקס־ברידער און שוועסטער. זי באַמערקט:

„ס'איז אַ גרויסע שאָד, וואָס איך האָב ניט לעבן זיך נאָך עפּעס אַ זינקאָווער, וואָס זאָל מיר העלפן זיך דערמאָנען אַלע נעמען פון די אומגעקומענע. איך וואָלט אַוודאי געוואָלט, אַז אין אונדזער געדענקבוך זאָלן דערמאָנט און פאַראייביקט ווערן אַלע ביז איינעם פון די וואָס זענען אומגעקומען אין אונדזער שטאָט.

עס איז שרעקלעך געווען דער טויט. עס איז אָבער ניט געווען קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל אָפּטויטן דעם ווילן צום לעבן. ווער קאָן דאָס דערקלערן! אָבער דאָס לעבן פון די איבערגעבליבענע איז אויך געווען שרעקלעך. איך, אַ שטייגער ,לעב אין צוויי וועלטן. בייטאָג בין איך אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, מיט

מיין פאַמיליע, מיט מיין אַרבעט, איך האָב מיינע זאָרג און פרייד פונקט ווי אַלע. אָבער ווען עס קומט אָן די נאַכט, קומען צו מיר די קאָשמאַרן : איך בין ווידער אין דער היים און פלוצלינג שפּיר איך ווי עס קומט אָן אַ פּאָגראָם (אַן אַקציע). איך לויף, איך שריי, איך כאַפּ מיך אויף אין אַ קאַלטן שוויס. ווי לאַנג דאָס וועט אָנהאַלטן ווייסט גאָט. איך וועל קיין מאָל ניט זיין גליקלעך. שוין 24 יאָר האָב איך ניט געהערט קיין מוזיק, קיין קאָנצערט, האָב ניט געטאַנצט און וועל מער ניט טאַנצן. ווען איך גיי פאַרביי אַן אָרט וווּ עס שפּילט דזשאַז אַנטלויף איך, ווייל איך דערמאָן מיך, אַז ביי יעדער אַקציע האָבן די דייטשישע מערדער באַגלייט זייערע מערדערייען מיט קלאַנגען פון ווילדער דזשאַז־מוזיק און מיט ווילדע געשרייען.

מיר האָבן געשוואוירן אַ שבועה אַז מיר וועלן דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט פאַרגעבן. איך בין זיכער, אַז אויך איר אַלע, אונדזערע לאַנדסלייט, וועט זיך אין אונדזער שבועה אָנשליסן... יעדער ייד האָט דאָרטן געגעבן אַ שבועה, אַז ווער פון אונדז ס׳וועט בלייבן לעבן זאָל אייביק געדענקען און פאַר קיין פאַל ניט פאַרגעסן ניט נאָר דעם אומגליק גופא, נאָר אויך די חרפה פון אונדזער אומקום. מיר קאָנען דאָס ניט פאַרגעסן. און וועלן דאָס ניט פאַרגעסן !״

אונטערגעשריבן : יהודית לאופער

צונויפגעשטעלט פון אירע בריוו : ישראל רויטבאָרד

*

שלוסוואָרט צום קאַפּיטל „חורבן״

מען קאָן ניט פאַרענדיקן דעם טראַגישן קאַפּיטל „חורבן״ אָן אַ פּאָר געהעריקע נעילה־ווערטער.

די האַרצרייסנדיקע, טראַגישע באַשרייבונג, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין דעם קאַפּיטל, איז ניט מסוגל איבערצוגעבן אין גאַנצן די בלוטיקע געשעענישן ווי זיי זענען פאָרגעקומען אין דער ווירקלעכקייט. ווער קאָן דערציילן פון די אַנגסט־געפילן און פון דער אַגאָניע פון יעדן קרבן, פון דעם אומבאַגרייפלעכן און אומבאַשרייבלעכן פאָלקס־אומקום ? ! ווער קאָן אויסשרייען זייער אומבאַגרענעצטן וויטיק ? !

וואָס בלייבט אונדז, לעבן געבליבענע, צו טאָן חוץ פּראָטעסטירן ? און צו וועמען ? מיר דאַרפן און מיר מוזן אויך זוכן און געפינען אַ טרייסט, ווייל דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק מוז דאָך ווייטער אָנגיין.

ביי די פאַרצייטיקע מחברים פון אונדזערע תפילות און פּיוטים, וואָס זענען געוועזן ניט ווייניקער פון אונדז לעבעדיקע עדות פון גזירות און עינויים, וואָס זענען אויסגעפאַלן אויפן גורל פון אונדזער פאָלק, געפינען מיר אַ שטייגער, אין די שלוש־עשרה־מידות פון תפילת נעילה דעם טיפזיניקן אויסדרוק „ותשים דמעותינו בנאדך להיות״ („דו זאָלסט אַריינגעבן אונדזערע טרערן אין דיין לאָגל כדי צו זיין״). אין דעם איינעם קורצן אויס־דרוק אַנטפּלעקט זיך אַ גאַנץ אַלעגאָריש בילד : נאָך דעם וואָס דער בעל־פּיוט שיקט באַפעלעריש די געטלעכע שטאָט ירושלים, וואָס ליגט אין חורבות און איז דערנידעריקט געוואָרן דורך דער ברוטאַלער האַנט פון גרויזאַמען פיינט „עד שאול תחתיה״ („ביזן

טיפסטן אָפּגרונט״), אַז זי, ירושלים, זאָל בעטן רחמים ניט פאַר זיך, נאָר פאַר איר פאָלק (ובעד עמך רחמים שאלי), ווייל יעדעס האַרץ טוט וויי און יעדער קאָפּ איז דער־שלאָגן, — נאָך דעם ווענדעט ער זיך דירעקט צו גאָט מיט דער בקשה ער זאָל אַריינגע־מען אונדזערע טרערן אין זיין לאָגל צו פאַרבלייבן, — דאָס הייסט, אַז די טרערן זאָלן ניט גיין פאַרלוירן, אַז זיי זאָלן אויפגעזאַמלט ווערן אויף לאַנגע צייטן און דורות. צו וואָס? ניט אַנדערש ווי כדי צו דערוועקן מיטגעפיל און פאַרשטענדעניש, כדי צו דער־וועקן דעם געוויסן פון דער מענטשהייט.



לוני (ליב) זון פון חיים און שיינע וויינטרויב. איינציק גע־בליבן פון דער אומגעקומענער משפחה

יאָ, ליבע פאָלקסברידער און פאָלקסשוועסטער, פיל טרערן האָבן זיך שוין אָנגעזאַמלט אין דעם לאָגל. זיי פליסן שוין איבער זיינע ברעגן, ער איז שוין איבערפולט. מיר דאַרפן שוין זיי ברענגען פארן וועלט־געריכט און וואַרענען און פאָדערן יושר און מענטש־לעכקייט.

באַדענקט אייך גוט, איר מענטשן־קינדער פון אַלע פעלקער, ראַסן און קאָנטינענטן. אויב אכזריות וועט צווישן אייך הערשן, וועט זי ניט נאָר אונדזער פאָלק, חלילה, פאַר־ניכטן, נאָר זי וועט פאַרניכטן אייך אַליין, אייך אַלעמען, ווייל ביי די היינטיקע אומשטענדן און טעכנישע מעגלעכקייטן וועט די פאַרניכטונג זיין אַ טאָטאַלע!

זאָל דעריבער שוין נעמען אַ סוף צו דער פינצטערניש, אומוויסנהייט, אכזריות און מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט, און זאָל שוין די גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט קומען צו דער שליטה אין אונדזער וועלט.

און איך, וואָס שרייב מיט טיפן צער און פיין די דאָזיקע שורות, וויל, אַז אויך מיין ביטערע טרער על שבר בת־עמי זאָל אַריינגענומען ווערן אין דעם אייביקן לאָגל פון טרערן און גילטן אַלס עדות און אָנדענק פאַרן אומקום פון מיינע נאָענטע פריינט און קרובים, פון מיין טייערער היימשטאָט זינקאָוו, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט. יתגדל ויתקדש שמיה רבא!

לעאָניד

גרוסן פון זינקאָוו נאָכן חורבן

פון בריוו צו משה גרינמאַן

8־טן אויגוסט 1945

אַ גוטן מאָרגן אייך, מיינע טייערע!

איך שיק אייך מיין האַרציקן גרוס און די בעסטע ווונטשן אין אייער לעבן.

טייערער משה, איך בין גליקלעך און אָן אַ שיעור צופרידן צו וויסן וועגן דיר, און לייענענדיק דיינע בריוו האָב איך פיל געוויינט, ווייל דער גורל האָט איבערגעלאָזט נאָר אונדז ביידן. מער האָבן מיר ניט קיינעם. פון אַזאַ גרויסער און שיינער משפּחה זענען געבליבן איך און דו. דאָס איז זייער ווייטיקלעך און באַליידיקנדיק.

איך ווייס, מיינע טייערע, אַז דאָס וואָס איך וויל אייך שרייבן וועט אייך פאַרשאַפן פיל טרויער, נאָר מען קאָן דאָס ניט אויסבאַהאַלטן. איר דאַרפט וויסן, און דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק דאַרף דאָס וויסן, וואָס עס איז אַזוינס דער פאַרפלוכטער פאַשיזם. דאָס איז, אַז דאָרטן ווו עס האָט געטראָטן אַ דייטשער פוס זענען לחלוטין צעשטערט און פאַרניכטעט דאָס פאָלק, די קולטור און אַלדאָס גוטע, וואָס איז דורך אונדז דערגרייכט געוואָרן אין משך פון יאָרצענדליקער. איך בין די גאַנצע צייט געווען אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס און איך האָב פּערזענלעך געזען ווי די פאַרפלוכטע דייטשן האָבן זיך איזדיעקעוועט איבערן פאָלק, האָבן געהרגעט קינדער און אַלטע לייט.

אין זינקאָוו האָבן זיי אויסגעהרגעט 3200 נפשות, אין דעם כלל זענען אומגעקומען אַלע אונדזערע קרובים. זיי האָבן ניט געגרייכט צו אַנטלויפן, ווייל דער פאָטער און די מוטער זענען געווען אַלטע לייט און אונדזערע שוועסטער זענען געווען באַלאָדן מיט קינדער און אַזוי זענען זיי אַלע אומגעקומען. אונדזער סאַלאָמאָן איז געווען אין דער אַרמיי און איז דאָרטן געפאַלן און זיין משפּחה האָבן די דייטשן דערשאָסן. אַזוי איז פאָרגעקומען אומעטום ווו עס זענען געווען די דייטשן. עס איז שווער צו באַשרייבן אַלע פאָרמען פון שפּאָט איבער אונדזער פאָלק מצד די דייטשע אויסוואורפן. בשעת דעם פּאָגראָם אין זינקאָוו האָבן זיי אויפגעקליבן קליינע קינדער, אַוועקגעזעצט זיי אויף אַ וואָגן, וועלכן זיי האָבן אַרומגעצויגן מיט שטעכעדיקע דראָט און ווען אַ קינד פלעגט אַרויסשפּרינגען פון וואָגן און ציען זיך צו זיין מאַמען, וועלכע מען האָט אויך געפירט צום טויט, פלעגן זיי באַלד אָנשטעכן דאָס קינד אויף אַ שפּיז און צוריק אַריינוואַרפן אים אין וואָגן, ווו ער פלעגט אויסגיין צווישן די קינדער. אין איין שטוב האָבן זיי אַ לעבעדיק קינד צעשניטן אויף פיר טיילן פאַר די אויגן פון זיינע עלטערן און דערקלערט: „דאָס לאָזן מיר פלייש פאַר די רוסן". דערנאָך האָבן זיי פאַרגוואַלדיקט די

יונגע מוטער אויף די אויגן פון איר מאַן און די עלטערן און נאָך דעם האָבן זיי פאַר־שפּאַרט פון אַלע זייטן די שטוב און פאַרברענט אַלעמען לעבעדיקערהייט צוזאַמען מיט דער שטוב.

אין מאָסקווע האָב איך מיך געזען מיט אונדזערע קרובים פון אָדעס און מעדזשי־בוש. אויך אין מעדזשיבוש זענען אַלע אומגעקומען. די באָבע אין מעדזשיבוש האָט נאָך געהאַט געלעבט ביז צום אָנקומען פון די דייטשן און זיי האָבן זי דערמאָרדעט...

באַשרייבן אייך אַלץ וועלן מיינע נערוון ניט אויסהאַלטן.

אונדזער לאַנד האָט אויסגעטראָגן אַ סך גרויליקע שרעקן, אָבער מיר האָבן זיך געשטאַרקט און געגלויבט אין אונדזער נצחון און איצט ריכטן מיר אָפּ דעם יום־טוב פון נצחון...

מיר דאַרפן איצט נאָך פיל אַרבעטן כדי צוריק אויפצובויען די צעשטערטע שטעט און דערפער און דערצו דאַרף מען האָבן פיל כוחות און מיטלען.

איך נעם אייך, מיינע טייערע, שטאַרק, שטאַרק ארום און קוש אייך.

אייער ברודער לעאָניד

20־טן סעפּטעמבער 1946

אַ גוטן מאָרגן אייך, מיינע טייערע!

איך וויל אייך איבערגעבן, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק בין איך געווען אין זינקאָוו און אין פּראָסקוראָוו. די מומע איידע און דער זון באָריס לעבן אין פּראָסקוראָוו. אין זינקאָוו האָבן מיר קיינעם ניט. איך בין דאָרטן געווען דעם 6־טן אויגוסט אויף די קברים, ווייל דאָס איז דער יאָרצייט פון פּאָגראָם.

דער יאָרצייט איז תשעה באב. עס געפינען זיך אין זינקאָוו עטלעכע קברים און עס איז אוממעגלעך צו באַשטימען ווו וועֶר איז מקבר געוואָרן. דאָרטן איז פיל צרות. דאָס גאַנצע שטעטל איז צעשלאָגן. פון 3500 מענטשן זענען געבליבן נאָר 30. איר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלן וויפל איך האָב געהאַט איבערגעלעבט געפינענדיק זיך דאָרטן די עטלעכע טעג. איך האָב מיך דערמאָנט אַלץ און אַלעמען בעת איך פלעג קומען צו זיי צו געסט, וואָס פאַר אַ שיינע און גרויסע משפּחה! און איצט בין איך געבליבן איינער. ווי דאָס איז שווער און ביטער! מיין איינציקע טרייסט זייט איר. ווען איך טראַכט וועגן אייך, ווערט מיר אַ ביסל גרינגער און איך בין גליקלעך ווען איך לייען אייערע בריוו און קוק אויף אייערע פאָטאָגראַפיעס. ווי עס ווילט זיך זיין צוזאַמען, אָבער דאָס איז אוממעגלעך.

איך לעב ניט שלעכט. איך פאַרנעם מיך מיטן אויפריכטן די רואינירטע ווירטשאַפט. די דייטשע יאָרן האָבן אונדז פאַרשאַפן גרויס שאָדן און איצט קומט אונדז אויס פיל צו אַרבעטן, כדי צו פאַרהיילן די אַלע ווונדן און לעבן נאָך בעסער ווי מיר האָבן געלעבט פאַר דער מלחמה...

נו, מיינע טייערע, אויף דעם ענדיק איך. איך ווינטש אייך אלדאָס גוטס און קוש אייך אַלעמען.

אייער לעאָניד

שרייבט מיר אָפטער.

דער אומקער קיין זינקאָוו

(אויסצוגן פון בריוו)

באַלד ווי דאָס שטעטל זינקאָוו איז באפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי האָבן די פירער פון דער זינקאָווער לאנדסמאַנשאַפט און הילף־קאָמיטעט אין אמעריקע זיך געווענדעט צום קאָמיטעט פאַר מלחמה־הילף פאַר רוסלאַנד און האָבן איבערגעגעבן לטובת זינקאָוו אַ גאַנצן טאָן קליידער. דער קאָמיטעט האָט גלייך אָפּגעשיקט אַהין און האָט געראַטן די מיטגלידער פון זינקאָווער הילף־קאָמיטעט, אַז מיט אַלע אָנפראַגן וועגן זייערע קרובים און לאַנדסלייט זאָלן זיי זיך ווענדן צום שטאָט־עלטסטן פון זינקאָוו.

דער זינקאָווער הילף־קאָמיטעט האָט אַזוי געטאָן און אין אַ צייט אַרום האָט ער באַקומען ידיעות פון די ווייניקע געראַטעוועטע זינקאָווער יידן, וועלכע האָבן זיך געהאַט געראַטעוועט און אומגעקערט קיין זינקאָוו.

אין איין בריוו, וואָס דער זינקאָווער הילף־קאָמיטעט האָט באַקומען פון דעם 74-יאָריקן זקן אַלטער פאַכטער ווערט געשריבן: „איך בין דער איינציקער לעבן־געבלי־בענער פון אַ משפחה פון 36 נפשות", און ער גיט איבער דעם מערקווירדיקן נס פון זיין רעטונג אין די פאָלגנדיקע שורות:

„אין שטעטל פראָמפּאָל האָט מען אין אַ גרויסן קעלער אַריינגעטריבן איבער 500 יידן, פאַרהאַקט די טירן און זיי געלאָזט אויסגיין אין שוידערלעכע ליידן פון הונגער און פון מאַנגל אין לופט. מענטשן האָבן זיך, וואַנזיניקע פון שרעק און הונגער געוואָרפן לעקן די נאַסע ערד, כדי אַזוי אָפּשטופן אַ ביסל דעם טרויעריקן אויגנבליק פון טויט. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען די טויטע קערפּערס אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. איר זעט דאָך, אַז מיר איז באַשערט געווען צו דערלעבן די גליקלעכע טעג פון באַפרייאונג פון די דייטשע רוצחים: אַ פויער פון מיין דאָרף מיטן נאָמען סעמיאָן וואַסילייעוויטש באַזאיי האָט מיך באַמערקט ווען איך זשיפּע נאָך, האָט ער, איינשטעלנדיק זיין אייגן לעבן און דעם לעבן פון זיין פאַמיליע, מיך אַוועקגעגנבעט און מיך אויסבאַהאַלטן 23 חדשים".

דער זקן אַלטער פאַכטער בעט דעם זינקאָווער הילף־קאָמיטעט מען זאָל פאַר אים פּרובירן אָפּזוכן זיינע קרובים אין אַמעריקע און גיט אָן זייערע נעמען.

צווישן די בריוו, וואָס זענען אָנגעקומען נאָך דער באַפרייאונג פון זינקאָווער לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך צוריק אומגעקערט אין דעם היימישן שטעטל, איז איינער געווען פון סאָניע קיפּער, בורדס אַ פּלעמעניצע. אין בריוו דערציילט זי ווי זי און אַנדערע האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין זינקאָוו און זי באַשרייבט וואָס זיי האָבן

דאָרטן געפונען: „נאָך דעם וואָס די רויטע אַרמיי האָט געהאַט באַפרייט זינקאָוו, בין איך געקומען אַהיים, ווו איך האָב געפונען חורבות אָנשטאָט הייזער און קוים 35 יידן איינזאַמע, פאַרמוטשעטע, אומגליקלעכע מענטשן, קינדער אָן עלטערן און עלטערן אָן קינדער. עס איז שרעקלעך צו לעבן אין דער וויסטעניש, וואָס איז ענלעך צו אַ בית־הקברות. מיר לעבן זאַלבערפערט אין איין הויז — איך, סאָניע, פישלס זון און מיינע צוויי פריינדינס. דאָס לעבן איז דאָ שווער מאַטעריעל און גייסטיק, אָבער מיר מוזן זיך צופּאַסן צו דער לאַגע, ווייל מיר זענען צופרידן, וואָס מיר זענען לעבן געבליבן און זענען פריי, און באַקלאָגן זיך איז ניטאָ אויף וועמען, ווייל די מלחמה גייט נאָך אַלץ אָן און ווייל, נאָך אַלעמען, זענען מיר ניט די איינציקע. אָבער מיר האָפן, אַז די מלחמה וועט זיך אין גיכן פאַרענדיקן און אַלץ וועט זיך פאַרבעסערן".

פון די דערמאָנטע בריוו און אויך פון אַנדערע קאָן מען זען קלאָר, אַז די יידן פון זינקאָוו און אפילו פון די אַרומיקע דערפער קערן זיך אום צוריק אַהיים און אַז די הילף, וואָס עס האָט געשיקט און וועט ווייטער שיקן דער זינקאָווער הילף־קאָמיטעט אין אַמעריקע איז זייער אַ חשובע און לעבנסנויטיקע זאַך.

י. בן־שחר (שוואַרצמאַן), חיפה

הזעקה

שאו הרים ראשיכם, והנשאו פתחי עולם,
ספרו „זינקובאים" ספרו, ובראש מורם.
על כור מחצבתכם, — עיירת טפוחכם ;
על ערש ילדותכם — פאר עברכם.

פצחו בקול, — שירו שיר ;
זקן ונער — כל בני העיר.
שבחו גאולים — הפרו שתיקתכם :
בני חורין — הביעו שמחתכם...

נדמו הקולות, ואין פוצה :
נחרו הגרונות, ואין עונה.
העינים דומעות, הלב הומה,
על קבר האחים, שבזינקוב נכרה !

אלוהים אדירים : חזקנו ואמצנו,
חרב, אנחה ויגון הסר מעלינו !

י. בן־שחר (שוואַרצמאַן)

איכה־ליד אויפן חורבן זינקאָוו

זינקאָוו, זינקאָוו, געבורט־שטאָט זיסע.
אַ מאַמע איז שיין, נישטאָ קיין מיאוסע.
מיין קינדער־וויגעלע ביסטו געווען, —
און איצט — וואָס איז מיט דיר געשען?!

דיינע שיינע בערג און געדיכטע וועלדער,
קוואַלן, טייכן און ברייטע פעלדער,
ברויערייען, גאַרבאַרניעס און וואַסער־מילן.
אַלס וואַרעמע היים האָסט געלאָזט זיך פילן.

אַ יידישע נשמה ביסטו געווען,
די יידישע צוקונפט האָסטו געזען.
אין יידישן גייסט האָסטו אונדז דערצויגן,
יידישע מידות און שטייגער געשלייפט און געוואויגן.

וואַך אויף, מאַמע, און וויין זיך גוט אויס.
אויף דיינע קינדערס בראָך, וואָס איז אַזוי גרויס!
יזכור אלוהים! זאָל גאָט געדענקען
דיינע כשרע שעפעלעך, וואָס זענען פאַרזונקען...

דער גוואַלט־געשריי

זינקאָווער, נעמט זיך צוזאַמען,
צעוואַרפט די גרענעצן, צעברעכט די ראַמען!
סיי אָרעם, סיי רייך,
מיר זענען אַלע גלייך.

זאָל יעדער העלפן מיט וואָס ער קען;
אויב נישט איצט, איז ווען?!
זאָל דער בוך זיין אַלעמען צום זיכרון
נאָך יענע ניט פאַרגעסלעכע יאָרן.

צום אָנדענק פון שוועסטער און ברידער,
אַ ריפּ פון די ריפּן, אַ גליד פון די גלידער.
זיי זענען געפאַלן פאַרן פינטעלע ייד.
לאָמיר וויינען און קלאָגן און ניט ווערן מיד.

אין טלית און תפילין האָבן זיי געפירט צו דער שלאַכט
די אוקראַינישע מערדער אונטער דייטשער מאַכט.
קינדער אין וויג האָבן זיי ניט געשווינט,
פרויען האָבן זיי געשאָכטן די דייטשע הינט.

עס קומט נאָך דער טאָג, — דער טאָג פון נקמה!
דאָס וועט זיין אונדזער גרויסע נחמה.
פאַרשאָלטן פון גאָט, דערווייטערט פון מענטשן.
אַלע וועלן זיי שילטן. קיינער וועט זיי ניט בענטשן!
זינקאָווער ברידער נעמט זיך צוזאַמען,
צעוואַרפט די גרענעצן, צעברעכט די ראַמען!
פאַר די קומענדיקע דורות שרייבן מיר דעם בוך,
עס איז אַ זאַך ניט נאָר פאַר זיך!

חנה

אויף די כוואַליעס פון ים

אַ פראַגמענט פון אַ שטימונגס־ליד, וואָס עס האָט געשריבן אַן אָנגעזעענע זינקאָווער טאָכטער בשעת איר ים־רייזע קיין אַמעריקע.

ס׳טראָגן דיך כוואַליעס ווייט אין דיין וועג,
קוים האָסט זיך אַנטשלאָסן צו זוכן אַ ברעג.
ביסט אויסגעשטאַנען לאַנגע קאַמפן
ביז עס האָט געשאַלט דאָס וואָרט: גיי,
אָבער זיי אַ גאַנצע, זאָג ניט ווי!

אויף יעדן טריט, אויף יעדן שריט.
לאָז זיך ניט ברעכן מער דיין געמיט.
דער שוואַרצער ים פליסט רואיק און שטיל.
די נאַכט קומט אָן טונקל און קיל.

מיין שיף נעמט איבער די וואַסערן שווימען,
און מיין האַרץ אָן אויפהער ברומען:
דו האָסט פאַרלאָזן אַלע ליבסטע
אין דעם לאַנד וווּ געבוירן ביסטו.

צום ערשטן מאָל אויף גאָטס ווייסער וועלט
אַ קוק געטאָן און זי באַלד דערקענט:
אַ שיינע, בלאָע, זומער, פעלדער,
קינדהייט, טרוימען, שטראַלן, בילדער

אַלץ פאַרקריצט זיך אין זכרון.
מיין שטעטל פוסט און וויסט געוואָרן.
אַלץ וואָס האָט אַמאָל געצויבערט, דיך געפּלעפט
אין יענע וואונדער־שיינע זומער־נעכט.

דאָס שטעטל שטייט איצט קאַלט און ליידיק,
אַ דור אַן אַנדערער קומט איצט אָן.
ווייט אַוועק מיטן לעבנס־שטראָם
צו אַ נייער וועלט, צו גרויסע שטעט,

אַ דור וואָס איז דיר ניי און פרעמד...
און הייזער שטייען זיך ווי פריער.
און ווידער זייט און שניידט דער פויער.
ס׳דערוואַכט אין דיר אַן אַלט געפיל:

די ביימער שאָקלען זיך גאַנץ שטיל,
אָט איז די אַלטע גוטע היים.
ס׳לעבט אויפסניי דיין יונגט־טרוים.

אַלץ איז דאָ ווי יענע יאָרן.
דיין שטוב, דיין וועלט אויפסניי געבאָרן...

אזכרות


#ביילה ישפה ז״ל



ביילה ישפה ז״ל

אלמנת יחיאל ישפה ז״ל. אשה ואם למשפחה מכובדת בזינקוב. ראש־המשפחה היה חבר בוועד הקהילה של העיר ופעיל בכל עניני־העיר, בייחוד בימי־מלחמת־האזרחים, כשהמשטרים היו הולכים ומתחלפים לעיתים קרובות וכשכנופיות צבא פטליורה היו פוקדים את העיר ודורשים מדי פעם כופר־נפש — כספים ומזון, והיו מאיימים על אנשי־העיר איומי־השמד והרג ולא פעם היה שם את נפשו בכפו בפגישותיו עם הגטמנים הרוצחים. בשנת 1919 השתוללה מגפת־הטיפוס באזורנו והוא נפטר בגיל של 49 מאותה מחלה. אשתו ביילה נשארה אלמנה צעירה עם 5 ילדים ונשאה בעול כבד של פרנסת־הבית. בנה נחום עלה בראש קבוצת חלוצי־זינקוב הראשונים בשנת 1920. בשנת 1926 זכתה גם האם עם שאר בניה לעלות ארצה, פרט לבנה יוסף, אשר נשאר ברוסיה והמשיך לעבוד את העבודה הציונית במחתרת עד סוף שנת 1927. היתה אם מסורה ונאמנה וההישה באהבה את עזרתה לבניה עובדי־האדמה בכפר ואנשי־הבניין בעיר. בשנות חייה האחרונות הייתה רתוקה למיטתה ובשנת 1950 שבקה חיים לכל חי בגיל 77 שנה. יהי זכרה ברוך.

יחיאל־דוד (חליק) בן נחום ישפה ז״ל


חליק ישפה ז״ל

על חליק ז״ל, שכמעט לא הספיק עוד לחיות, ונפל חלל, יש לספר הרבה.

בארכיון צבא ההגנה לישראל, במדור להנצחת החייל נמצא תיק מיוחד ובו ערוכים דברים על חליק ז״ל מפי מורים, חברים ומפקדים. נביא בקיצור את הדברים הכתובים עליו בספר „יזכור״, שהוציא לאור משרד הביטחון:

„ישפה יחיאל־דוד (חליק), בן נחום ורבקה. נולד ביום 1 במאי 1930 במושב מרחביה. שני השמות ניתנו לו לשם הנצחת שם סבו יחיאל ז״ל, ציוני בעיירתו שבאוק־ראינה, שנספה בימי פלטורה, ושם דודו דויד, אף הוא ציוני נלהב, שנפטר בדרכו לארץ. הוא היה בן יחיד למשפחה חקלאית, ובחקלאות ראה את ייעודו אף הוא. מבית־הספר הקטן שבמושבו עבר לבית־הספר המחוזי שבכפר־ילדים וסיים בו 10 כיתות. ראש וראשון היה לחבריו בבית־הספר. ועל אף היותו שובב גדול, חיבבוהו מוריו והוקירו את כשרונותיו ואת רצונו לדעת״.

„עם סיום לימודיו בבית־הספר, אשר נטע בלבו אהבה עמוקה לידיעת־הטבע, עבר למקוה־ישראל והתמסר במרץ ובאהבה ללימוד החקלאות. הוא היה שם מרכז־החברה והרוח החיה בה. הוא היה נאה וחסון, שמח ומעודד, ורבה היתה השפעתו על חבריו״.

„עם פרוץ המלחמה נאלץ „חליק״ (כך קראו לו) לסיים את לימודיו בחיפזון. הגרעין ההתיישבותי, שעליו נמנה ושהיה אחד מיוזמיו, אורגן עוד במקוה ישראל ועבר לגבע לשם הכשרה מגוייסת של הפלמ״ח. הוא הלך עמהם, אך שוחרר לזמן שרותם בגבע לשם עזרה להוריו במשק. בהתלהבות ניגש לעבודה והעלה תכניות מרחיקות לכת לשיפור המשק, אך ימים מספר בלבד עשה שם ועם קריאה ראשונה התגייס לשירות מלא תוך הכרה מלאה״.

„עם עזיבת־המשקים מסדה ושער־הגולן, כאשר התחילו הערבים לשדוד ולהוביל את השלל במכוניות, רדפו חליק וחבריו אחרי השודדים ואף השחיתו מכונית־משא מלאה רכוש שדוד. אולם המון־ערבים רב רדף אחריהם ובקושי ניצלו מידם. חליק נפצע בידו וברגלו, אך בכוח עצמו הצליח להימלט. הוא נשלח לבית־החולים בטבריה. אך עוד לפני שהחלים כליל מפצעיו ונשלח הביתה לשם מנוחה והבראה נסע למחנה צריפין לבקר אצל חבריו הפצועים. משם הוא לא חזר עוד הביתה לסיים את חופשתו בטענה, שאין הפצע מצדיק את ישיבתו בבית בשעה שכל לוחם חשיבותו מרובה״.

„חבריו מעידים עליו, ששהותו עמהם מסכה בהם רוח של ביטחון ואמונה. הוא הצטרף ליחידה, בה שירתו חבריו לבית־הספר ולהכשרה ועמהם יצא שוב לפעולות״.

„במבצע „דני״ במשלט על כביש רמאלה—לטרון נפצע בעורפו. הגישו לו מים. אך הוא סירב לשתותם בטענה, שיש להגישם לפצועים קשים יותר״.

„בשעת הנסיגה הובל על ידי שניים מחבריו, אך פגז האויב פגע בשלשתם והפילם״.

פאני ישפה-גרבלסקי ז״ל



פאני ישפה־גרבלסקי ז״ל

פאני היתה בתו של יחיאל ישפה ז״ל או, כפי שהיו קוראים לו בעיירתנו יחיאל־איצי־מאנישעס, איש זינקוב מדורי־דורות, בר אבהן ובר־אוריון, ציוני ותיק וחבר־הקהילה. מת בשנת 1919 מיתה חטופה בגיל 49.

פאני נולדה בתור בת יחידה ובתור אחות יחידה לארבעת אחיה, לאביה ולאמה בשנת תרס״א. היא גדלה והתחנכה בתנאים טובים למדי, למדה אצל מורים פרטיים מעולים: עברית אצל אהרון שנקלמן ותנ״ך אצל אשר אלתרמן. היא המשיכה את לימודיה בפרוסקורוב וניצלה פעמיים מסכנת־המוות, אשר בה הייתה נתונה יחד עם שאר היהודים תושבי־העיר.

בימי שבתה בזינקוב לא הייתה פאני פעילה בענייני־ציבור ולא השתתפה בחוגי־הנוער מחמת גילה הרך, אך בהשפעת חינוכה אצל הוריה ומוריה שאפה לעלות ארצה, ובשנת 1921 הגשימה את שאיפתה זאת ועלתה.

כידוע, הפסיקו האנגלים בחודש מאי של אותה שנה את העליה ארצה, ובהגיע פאני לקנטרה שעל גבול מצרים נעצרה על ידי השלטונות הבריטיים ורק הודות להתערבותו של הד״ר וולך, מנהל בית־החולים „שערי־צדק״ בירושלים, הורשה לה להיכנס ארצה בתור תיירת למשך ששה חדשים.

היא נשארה, כמובן, בארץ ולא נחה ולא שקטה עד אשר סייעה לעלייתם של כל בני משפחתה ארצה.

פאני הייתה מן התלמידות הראשונות בבית־הספר לאחיות על שם הנריאטה סולד. אך פנתה לעבודה חינוכית במסגרת גני־הילדים. היא גמרה את חוק הלימודים בסמינר לגננות ועבדה בהצלחה ובכישרון בענף זה בשנים הראשונות בירושלים. היא ובעלה היו מן המתנחלים הראשונים בשכונת רחביה בירושלים.

היא הייתה יפת־תואר ויפת־נפש, צנועה בלבושה ובמנהגיה והייתה תמיד מוכנה לעזור ולהיטיב לזולת.

היא ידעה הרבה סבל בחייה. היא נשאה בעול הטיפול הממושך באמה החולה. בעלה נפצע קשה בימי הגנת־ירושלים ואף לאחר שהחלים מפצעיו נשארה בריאותו מעורערת, ופאני סעדה אותו במסירות עד יומו האחרון. היא התאלמנה בגיל די צעיר. היא נשאה בדממה את יגונה והתמסרה לעבודה פעילה בארגון אימהות עובדות.

היא נפטרה אחרי מחלה קשה וממארת והשאירה בן יחיד. יהיה זכרה ברוך!

„הוא הובא למנוחת־עולמים בהר הרצל בירושלים ונקבר שם בקבר־אחים. תהיה נפשו צרורה בצרור החיים !".

*

על הדברים שנתפרסמו מטעם משרד־הביטחון יש להוסיף בקיצור כמה רישומי־משפחה:


לאחר שמלאו ליחיאל־דויד (ל„חליק") 13 שנה היהה בא לפעמים בריצה הביתה והיה אומר לאמא: „תני לי כובע, אני רוצה לעזור לזקנים להתפלל על ידי הצטרפותי למניין".

חליק ז"ל גדל באווירה של מאורעות ומלחמה. בהיותו בן 14 כבר היה פעיל בגדנ"ע. בגיל של שמונה עשר עוד המשיך בלימודיו במקוה ישראל, אך לבו לא היה נתון ללימודים. הוא היה מאלה, שדרשו לקצר את תכנית הלימודים בשעת־חירום שהשתלטה בארץ.

כשבא לחג הפסח תש"ח הביתה ישב כאילו על גחלים. על כל טענותיה ונימוקיה של אמא, שהוא בן יחיד, ענה, כי כל אחד הוא בן יחיד אצל עצמו, ואף יחיד לא יציל את עצמו, אם לא יגן על הכלל כולו. וכשהייתה אמא מצביעה על פלוני או אלמוני שנשאר לשבת בבית או שעשה סידורים שונים שלא ללכת לקרבות בחזית היה חליק עונה בפשטות: אלה אינם דוגמה בשבילי.

חליק היה מאוד קשור לבית ולהורים האהובים עליו אהבת־נפש, אך הוא ראה חובה לעצמו להגן על המולדת מתוך הכרה גמורה שהגנה זו כוללת את עמו, את ארצו, את הכפר, את המשק ואת בית ההורים. ולהגן על המולדת צריך אדם בגופו ולא על ידי שליח. ואת חובתו זו מילא עד הסוף. יהי זכרו ברוך!

אליעזר שווארצמן ז"ל



אליעזר שוואַרצמאַן ז"ל

עלה ארצה בשנת 1922 עם רעיתו בלה בכוונה להצטרף אל אחיו ישראל בעבודת בניין־הארץ. כאן הקים בית, הוליד בנים וחינכם חינוך לאומי וציוני מעולה, ובהתבגרם היו לכבוד ולתפארת לעמנו: בנו היה בימי קימת־המדינה טייס ראשון, אשר הטיס את האווירונים הראשונים מצ׳כו־סלובקיה ארצה והוא אשר הדריך את בחורי־ישראל ולימד אותם את מקצוע הטיוס. כיום הוא משרת בחיל־האוויר הישראלי בדרגת אלוף־משנה. בנותיו של אליעזר שוורצמן נשואות למהנדסים ולפקידים בכירים, ואחת מהן עוסקת בהוראה.

במשך כל ימי חייו בארץ עשה כמיטב יכולתו למען בניין הארץ ומילא את חובתו האזרחית בשמירה ובהגנה. הוא השתתף במאבק על שחרור חיפה וזכה לראות בייסוד המדינה ובראשית שגשוגה. הוא היה אב נאמן לביתו וידו הייתה פתוחה ל„מתן בסתר" לכל נצרך. וכשכבר שכב על ערש־דוויי דאג למקור פרנסה מכובד לאשתו, כדי שלא תיזקק לתמיכת־בניה על אף מסירותם ואהבתם לאמם.

הוא שבק חיים לכל חי בי"ז סיון התשכ"ה בשנת ה־66 לחייו. יהי זכרו ברוך!

אהרון ונחה פרנקל ז״ל

אהרון פרנקל ז״ל עלה ארצה בשנת 1924 יחד עם בנו נתנאל, ייבדל לחיים. הוא התיישב בראשון לציון והקים משק חקלאי זעיר במבואות־המושבה. בשנת 1925 עלתה ארצה אשתו נחה ז״ל עם שאר ארבעת ילדיהם, ייבדלו לחיים, והצטרפו אליהם. במשך שנים רבות התפרנסו בכבוד מעמל כפיהם במשק המשפחתי. שמחתם של אהרון ונחה פרנקל הייתה רבה, כשבניהם ובנותיהם ורבים מחלוצי־זינקוב היו מתכנסים בימי־חג במעונם.

אהרון היה בן 72 במותו. נחה אשתו נפטרה בשיבה טובה, 14 שנה לאחר פטירת בעלה. היא זכתה לראות בתקומת־המדינה והשאירה אחריה בנים ובנות, נכדים ונינים.
יהיה זכרם ברוך!

יוסף וורצמן ז״ל

על ארצה בשנת 1924. עבד זמן קצר בבניין בחיפה ועבר לפקידות בתל־אביב. זכה לראות בתקומת־המדינה. השאיר אחריו בת יחידה. יהי זכרו ברוך!

וולי זלצמן ז״ל (וועלי יוסל ארקיס)

עלתה ארצה בשנת 1925 יחד עם בתה יהודית ובנה יעקב. הצטרפו לבניהם פישל ומשה, ייבדלו לחיים, שעלו ארצה לפניהם. היא חיתה בארץ מספר שנים ונפטרה בשיבה טובה. יהי זכרה ברוך!

אהרון שנקלמן, אשתו ינטה ובתם שרה ז״ל

עלו ארצה, כנראה, בשנת 1925. חיו מספר שנים בארץ. לא זכו להרבה נחת בחייהם מחמת המחלות הבלתי־פוסקות, אשר פקדו אותם וגרמו למיתתם ללא עת. אהרון היה איש־ספר, נעים־הליכות, אוהב את הבריות. ידען גדול בשפה העברית ותלמיד־חכם, אשר כל יודעיו בזינקוב ובארץ רחשו לו כבוד ויקר. ר׳ בקובץ־זכרון זה את הרשימה: י.ר. „אהרון שנקלמן, מורי ורבי״.

ינטה אשתו הייתה שותפת נאמנה בחייו, בטוב וברע. היא ניהלה את משק ביתם בצנע וטיפלה ללא ליאות בבתם החולה.

יהיה זכרם ברוך!

אבא בן משה נסיס ז״ל



זאב נסיס, ז״ל
נפטר באמריקה

עלה ארצה בשנת 1923. עבד בעבודת בניין בחיפה, ובשנת 1925 נסע עם בני משפחת־פרנקל מחיפה לראשון לציון לחוג את חג הפסח בביתם. עם סיום החג חזר לבדו במכונית ערבית לחיפה ובדרך נהרג בהתהפך המכונית, אשר בה נסע. בן 23 היה במותו. יהי זכרו ברוך!

פולה גולדנברג לבית פיירמן ז״ל



פוליה גולדנברג לבית פיירמן ז״ל

עלתה ארצה בשנת 1924 יחד עם בעלה שלמה. ילדה בן ובת וחינכה אותם לאהבת־הארץ ולבניינה. ייבדלו בעלה וילדיה לחיים. בנה יעקב משרת כקצין בכיר בצבא־הקבע של ישראל. היא זכתה לראות בתקומת־המדינה. נפטרה ב־16 לדצמבר 1948. יהי זכרה ברוך!



מנדל ווייסמן ז"ל,
נפטר בארץ בשנית 1956

מנדל ווייסמן ז"ל

עלה ארצה עם קבוצת חלוצי־זינקוב השנייה בשנת 1922. עבד בעבודות־בניין ובסלילת־כבישים. הצטרף לקואופרטיב לתחבורה ובמשך הזמן היה למנהל הקואופרטיב. זכה לראות בתקומת־המדינה. נפטר אחרי מחלה קצרה בשנת 1956. יהי זכרו ברוך!

משה גורניק ז"ל

הוגלה מזינקוב לסיביריה בעד עבודתו הציונית. עלה מסיביריה ארצה בשנת 1930. עבד בעבודות־בניין בחיפה, ולאחר מכן הקים משק חקלאי במושב „בית־שערים". זכה לראות בתקומת־המדינה. נפטר אחרי מחלה ממושכת. השאיר אחריו שני־בנים ובת. יהי זכרו ברוך!

רחל ריידמן ובנה יעקב ז"ל (רחל משה חיימס)

בנה יעקב ז"ל, שעלה ארצה לפניה, העלה אותה ארצה. הנעים עליה את זקנתה בביתו במשך שנים מספר. היא נפטרה בשיבה טובה והשאירה אחריה בנים, נכדים ונינים ברוסיה. בנה יעקב זכה לראות בתקומת־המדינה. נפטר שנים אחדות אחריה והשאיר אחריו את אשתו משא, הממשיכה לנהל את ביתה לפי מיטב מסורת המשפחה. יהי זכרם ברוך!

מנדל קורצמן ז"ל

עלה ארצה עם הקבוצה הראשונה של חלוצי־זינקוב ב־3 באפריל 1921.

הצטרף עם עלייתו ארצה ל„גדוד־העבודה" מיסודו של יהודה קופלביץ. כעבור זמן קצר נפצע בקרונית בשעת עבודתו ב„נוריס" לייד עין חרוד, קיבל הרעלת־דם ולאחר ימים אחדים מת מפצעיו. בן עשרים היה במותו. יהי זכרו ברוך!


שלמה בן יחיאל שפירא ז"ל

עלה ארצה בשנת 1921. עבר בסלילת־כביש בצריפין. קיבל חום גבוה בשעת־העבודה, הובל לאחר עבור יומיים ל„הדסה". בשעת הניתוח נתברר, שהוא היה חולה במחלת־מעיים קשה, ומחוסר אבחנה רפואית וריפוי בעוד מועד הוא נפל קרבן להזנחה. הוא נפטר באותו יום. בן עשרים היה במותו. יהיה זכרו ברוך!

דוד פלדמן (הנגר) ז"ל

עלה ארצה עם אשתו וילדיו בשנת 1921. התיישב ביפו. עבד במקצועו ופירנס את משפחתו בכבוד. היה יהודי דתי. ביתו היה פתוח לרווחה לחלוצי־זינקוב. השאיר אלמנה וילדים רכים. אשתו פרל לא חסכה כל עמל כדי לחנך את היתומים לפי קו החינוך, שהיה רצוי לבעלה בחייו. נפטר לאחר ישיבתו בארץ שנים מועטות בלבד. יהי זכרו ברוך!

דוב (בערל) סוליטרניק ז"ל



דוב (בערל) סליטרניק ז"ל

עלה ארצה עם קבוצת־החלוצים השנייה. היה בין ראשוני „גדוד־העבודה". יחד עם הקבוצה עבד בסלילת כבישי־העמק. לאחר זמן חלה ברגלו ונאלץ לחפש לו אפיק חלוצי

אחר לחייו. הוא הצטרף למחזור ראשון של האוניברסיטה העברית וגמר את חוק הלימודים בהצטיינות ובקבלת תואר מ.א. ערך מחקרים בתולדות־יון ובשפה היוונית העתיקה. לאחר גמר לימודיו יצא בשליחות לאסטוניה, נשא שם אשה וחזר ארצה. עסק בחינוך, שימש סגן מנהל של בית־ספר ביאליק, שהיה אותו זמן פאר בתי־הספר בתל־אביב. נפטר בשנת 1939 בגיל של 36 שנה, השאיר אשה ושני ילדים. יהי זכרו ברוך!


שמעון סליטרניק ז״ל

מראשוני־החלוצים שעלו מזינקוב בשנת 1921. עם בואו הצטרף שמעון ל„גדוד־העבודה" והיה מראשוני־מייסדיו ופעיליו. בשנת 1923 עלה בידו במאמצים רבים להעלות ארצה את הוריו בן־ציון ויֶטה ואת אחיותיו אטיה וברכה. תחנותיו העיקריות בארץ: „גדוד־העבודה" על פלוגותיו, כפר־הנוער בן־שמן וחברת־שיכון. 36 שנות חייו בארץ היו שורה ארוכה של פעולות ציבוריות יזומות. יהיה זכרו ברוך!

סוניה ישפה ז״ל

בתו של חיים ברוך ורצמן ונכדתו של ר׳ מרדכי ורצמן, מהמשפחות המכובדות בזינקוב. עלתה ארצה עם בעלה מנחם ובתם בת־השנתיים. את שנתם הראשונה בארץ שהו במושב מרחביה במשק גיסה נחום. סוניה השתתפה באהבה בעבודה הקשה של המשק. בשנת 1927 עברה המשפחה לירושלים. לאחר זמן קצר חלתה במחלה קשה ונפטרה בלא עת. יהי זכרה ברוך!

מלכהלע ז״ל



מלכה׳לה הי״ד

מלכה, שמחה דעם בעל־עגלהס יינגסטע טאָכטער, איז דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַ גרויזאַמען אופן דורך די נאַצי־רוצחים. איר מאַן, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט ביי דער סאָוויעטישער רעגירונג מיט אַן אַפּטייק־געשעפט און אין ווען די נאַציס האָבן זיך געניטיקט, האָבן זיי גע־לאָזט לעבן. ער האָט אָבער נישט געקענט ווייטער לעבן נאָכן טויט פון מלכהלען. ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד: ער האָט אונטערגעצונדן דאָס אַפּטייק־געשעפט און איז אומגעקומען אין די פלאַמען.

אנשי זינקוב בארצות־הברית

זינקאווער אין אמעריקע

ברוך לאַסקין
געוועזענער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר
פון דער זינקאָווער סאָסייעטי

די גרינדונג פון דער זינקאָווער סאָסייעטי

אין דעם ערשטן צענדליק פון 20־טן יאָרהונדערט, נאָך דעם וואָס די ערשטע רוסלענדישע רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן און וואָס עס זענען אויסגעבראָכן שרעק־לעכע פּאָגראָמען אויף יידן איבערן גאַנצן צאַרישן רוסלאַנד, האָבן פיל רוסישע יידן אויסגעוואַנדערט מיט זייערע משפחות קיין אַמעריקע.

אויך פון אונדזער קליינעם שטעטל זינקאָוו זענען אייניקע פאַמיליעס אַרויסגע־פאָרן קיין אַמעריקע. זייער ביישפּיל האָבן נאָכגעפאָלגט אַ סך יונגע לייט, וואָס האָבן זיך איבערצייגט, אַז פאַר זיי איז קיין תכלית ניט צו בלייבן אין זינקאָוו, ווו עס איז ניט געווען ביי וועמען צו אַרבעטן און צו פאַרדינען צום לעבן. וואָס אָנבאַ־לאַנגט די אינטעליגענץ, האָט מען זיי ניט צוגעלאָזט צו די העכערע קלאַסן פון דער רוסישער גימנאַזיע. עס איז באַשטאַנען אַ פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידישע תלמידים און אַחוץ דעם איז יידן געווען פאַרבאָטן דאָס וווינען אין אַ גרויסן טייל רוסישע גרויסע שטעט, ווו עס האָבן עקזיסטירט גימנאַזיעס.

אַזוי אַרום האָט כסדר אָנגעהאַלטן די עמיגראַציע קיין אַמעריקע ביז צום יאָר 1914, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

די נייע אַריבערגעקומענע קיין ניו־יאָרק פלעגן זיך זייער אָפט באַגעגענען מיט לאַנדסלייט אין דער 7־טער סטריט־פּאַרק אויף דער איסט־סייד און דערציילן דאָרטן איינער דעם צווייטן די נייעס פון דער אַלטער היים, וואָס זיי פלעגן באַקומען פון זייערע פאַמיליעס. אַזוי פלעגן אויך אונדזערע זינקאָווער אונטערהאַלטן דורך בריוו זייער אויפבונד מיט אונדזער שטאָט. אַזאַ צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן אַ לענ־גערע צייט ביז עס זענען פאָרגעקומען די ערשטע טויט־פאַלן צווישן זינקאָווער איינ־וואַנדערער און עס איז אַנטשטאַנען אַ נויטיקייט אין מאַטעריעלער הילף, אין אַ „חסד של אמת" צו ברענגען צו קבורה די פאַרשטאָרבענע לאַנדסלייט.

דעמאָלט האָבן די זינקאָווער לאַנדסלייט צוערשט איינגעזען, אַז עס איז נויטיק צו גרינדן א זינקאָווער סאָסייעטי.

אונדזער, דאַן נאָך גאַנץ יונגער און ענערגישער לאַנדסמאַן מאָריס בוכהאַלטער, האָט זיך צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע זינקאָווער לאַנדסלייט אָפּגעגעבן מיט דער וויכטיקער אַרבעט און עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז עס איז געגרינדעט

געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע טראָגט פון דאַן אָן און ביז היינטיקן טאָג דעם נאָמען „זינקאָווער פּאָדאָליער בענעוואָלענט אססאָסיישן".

ווען איך בין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געקומען קיין ניו־יאָרק, אין יאָר 1921, האָט די זינקאָווער סאָסייעטי געציילט אַרום 120 מיטגלידער. זיי האָבן אַריבערגעבראַכט זייערע פאַמיליעס פון דער אַלטער היים און אַדאַנק דעם איז געשאַפן געוואָרן די זינקאָווער „לידיס אויקזילערי", וועלכע האָט זיך צוזאַמען מיט



דער געשעצטער פריינט הערי (שבתי) זאלא (זיצט). הינטער אים (פון רעכטס צו לינקס) שטייען: משה גרינמאַן, זאלאס פרוי, ברוך (בעני) לאַסקין און משה גאַרבער

דער „סאָסייעטי" פאַרנומען מיטן אַרויסהעלפן די יידישע אינסטיטוציעס: דעם היאַס, דעם דענווער־סאַנאַטאָריום, בית יתומים, מעות־חטים צו פסח און מיט שטיצן נויטבאַ־דערפטיקע פאַמיליעס. מען פלעגט מאכן כמעט יעדעס יאָר אַ באַל אָדער אַ טעאטער־בענעפיס און פון דעם געלט פלעגט מען שטיצן געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס.

אין דער ערשטער צייט נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד פלעגן אָנקומען פון זינקאָוו ידיעות, אַז עס הערשט דאָרטן הונגער און נויט און די זינקאָווער „סאָסייעטי" האָט באַלד געשאַפן אַ הילפס־פאָנד. מיטגלידער פון אונדזער „סאָסייעטי" האָבן באַזוכט אַלע זינקאָווער לאַנדסלייט דאָ אין אמעריקע, געזאמלט געלט, קליידער און שיך און אַוועקגעשיקט קיין זינקאָוו. באַזונדערע פעקלעך מיט שפייז אָדער אַרבעט־געצייג זענען געשיקט געוואָרן צו די, וועלכע האָבן זיך צו אונדז געווענדעט נאָך הילף. אַפילו ווען זיי האָבן געהאַט פאַרלאָזט זינקאָוו און זענען אַריבערגעפאָרן אין אַנדערע שטעט אין רוסלאַנד, ווי קיעוו, אָדעס אָדער מאָסקווע האָבן זיי אויך באַקומען צוגעשיקט שטיצע לויט זייערע נייע אַדרעסן און אַפילו פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון יידן אין ביראָ־בידזשאַן האָט אונדזער „סאָסייעטי" בייגעשטייערט אַ היבשע סומע דאָלאַרן.

אָבער אין אַ פיל ברייטערן מאַסשטאַב האָט אונדזער „סאָסייעטי" געהאָלפן צו

באַפעסטיקן דאָס ידישע היימלאַנד, די מדינת ישראל, זינט די ערשטע טעג, ווען זי איז געגרינדעט געוואָרן און זי איז ממשיך דאָס צו טאָן ביז צו היינטיקן טאָג. די עטלעכע טויזנט דאָלאַר וואָס די „סאָסייעטי״ האָט צונויפגעבראַכט צו דעם צוועק פאַר דער פאַרגאַנגענער צייט זענען געגעבן געוואָרן דער „הסתדרות״ און דעם „פאַראייניקטן ידישן אַפּפּיל״ אין אַמעריקע. עס זענען געמאכט געוואָרן פאַרשיידענע אונטערנע־מונגען. עס זענען באַשטייערט געוואָרן מיטגלידער, אָבער מער פון אַלץ איז דאָס געלט אַריינגעקומען פון זינקאָווער לאַנדסלייט אויפן וועג פון מאַסנהאַפטער פּריינטלעך געגעבענע פּרייוויליקע שפּענדונגען פון מיטגלידער און סיי פון זינקאָווער וואָס זענען ניט קיין מיטגלידער פון דער „סאָסייעטי״. אויך אונדזער פרויען־אָרגאַניזאַציע האָט פיל גע־האָלפן ביים אויספירן די אונטערנעמונגען לטובת ישראל און האָט בייגעשטייערט צו דעם צוועק אויך פון די מיטלען פון איר אָרגאַניזאַציע.

דאָס איז נאָר א קורצער איבערבליק פון דער טעטיקייט פון דער זינקאָווער „סאָסייעטי״.

דעם 10־טן מערץ 1956 האָט די „סאָסייעטי״ געפייערט דעם 50־טן יובילײ פון איר עקזיסטענץ. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט איז געמאַכט געוואָרן אַ קאָמפּאַניע צו שאַפן נייע יונגע מעמבערס. קינדער פון מעמבערס האָט מען געגעבן ספּעציעלע פּריווילעגיעס. די דאָזיקע קאָמפּאַניע האַלט נאָך אָן ביז צו היינטיקן טאָג. מען האָפט, אַז אויף דעם וועג וועט זיך איינגעבן צוצוציען נייע כוחות צו דער „סאָסייעטי״ און זיכערן איר עקזיסטענץ אויף לאַנגע יאָרן.

און דאָס איז דער צעטל פון די אַלטע און נייע אַקטיוויסטן פון דער זינקאָווער „סאָסייעטי״ :

מרדכי זאַלצמאַן	אידל בערגער	ישראל רויטבורד
נפתלי פוירל	זיסי בורד	משה גאַרבער
יעקב ריגראַד	זיסי נאַטענזאָן	משה גרינמאַן
פּיני סאַליטערניק	משה בוכהאַלטער *	מעקס פרייפעלד
ישעיה בורדמאַן	שבתי זאַלא **	דוד פוקס
נחום דרוקער	סעם גרינבערג	אברהם ראַפּאָפּאָרט
דזשעק סילווערמאַן	לוי גרינבערג	י. האופטמאַן
ל. בלעקער	פיליפּ ראָזענבלאַט	ב. שילײ
נוח שפּילערמאַן	שלמה נעסיס	בעני לאַסקין

* עקס־וויצע פאַרזיצער אונטיילנעמער ביי דער גרינדונג פון דער „סאָסייעטי״. 30 יאָר כסדר פאַרזיצער.
** לאַנגיאָריקער איבערגעגעבענער פינאַנץ־סעקרעטאַר.

די אויפשטעלונג פון דעם מאָנומענט



מצבת הזכרון — דער מאָנומענט

אלו הן הכתובות החרותות על גבי המצבה:

דאָס זענען די אויפשריפטן אויסגעקריצט אויף דעם מאָנומענט:

קדושינו שנאספו בשואה —
אל תשכח

דמם שנשפך ברצח —
אל תמחול

פאַר זיי, די לעצטע פון אַן עדה —
אַ זכר

זייער אומשולדיקן אומקום —
לדורות אַ דערמאָנונג

Dedicated to our martyrs,
who perished in our native town
ZINKOW
1942-1943
Erected by the
Zinkower
in the United States
and Canada
1963

ברוך לאסקין
געוועזענער סעקרעטאַר פון דער זינקאָווער סאָסיעטי

דער מאָנומענט

פון די פּראָטאָקאָלן פון די יאָרן 1962—1963 וועלן זיך די לעזער דערוויסן, וואָס עס האָט אייגנטלעך געבראַכט דערצו, אַז עס זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ מאָנומענט צום אָנדענק פון די זינקאָווער קדושים, וועלכע זענען אַזוי ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלער־רוצחים.

צו דעם צוועק איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט ביי דער זינקאָווער סאָסייעטי, וועלכער האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט.

ניט לייכט איז געווען די אַרבעט פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, ווייל מען האָט באַדאַרפט שאַפן אַ גאַנץ גרויסע סומע געלט, וואָס דער דענקמאָל האָט באַדאַרפט קאָסטן. אָבער דער קאָמיטעט האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כוחות, כדי צו דער־גרייכן זיין ציל. די שאַפונג פון דעם נויטיקן געלט־פאָנד. מען איז צוגעטראָטן צו זאַמלען שפּענדונגען מצד מיטגלידער פון דער סאָסייעטי, פון יעדערן לויט זיין מעגלעכקייט. אָבער גרעסערע שפּענדונגען זענען אַריינגעקומען גראָד ניט פון מיט־גלידער פון דער סאָסייעטי, נאָר פון אַנדערע זינקאָווער לאַנדסלייט, וואָס וווינען אין ניו־יאָרק אָדער אין אַנדערע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווי אויך פון זינקאָווער לאַנדסלייט אין קאַנאַדע. דאָס האָט פאַרנומען פיל צייט און געקאָסט פיל מי ביז דעם קאָמיטעט האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן צו שאַפן מיטלען און מען האָט געקאָנט אַוועקשטעלן דעם מאָנומענט אויפן בית־הקברות פון דער זינקאָווער סאָסייעטי.

אין דעם טאָג, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער אויפדעקונג פון דעם מאָנו־מענט זענען זיך צונויפגעקומען אויפן בית־הקברות אַ סך לאַנדסלייט פון אונדזער שטעטל און אויך פיל מיטגלידער פון דער זינקאָווער סאָסייעטי. עס זענען אויך געקומען לאַנדסלייט פון אויסער ניו־יאָרק און אויך זינקאָווער וואָס וווינען אין קאַנאַדע.

איך בין געשטאַנען צווישן מיינע לאַנדסלייט צוזאַמען מיט מיין פרוי, ווען דער רב האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דעם מאָנומענט און האָט אָנגעהויבן מאַכן דעם הספּד איבער אונדזערע אויסגעשאָכטענע ברידער און שוועסטער, איבער אונדזערע זינקאָווער קדושים. פּלוצלונג אָבער איז דער דענקמאָל ווי פאַרשוווּנדן געוואָרן פון מיינע אויגן און אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך מיך אַוועקגעטראָגן טויזנטער מיילן ווייט אין מיין געבורט־שטאָט זינקאָוו און איך האָב מיך געזען שטיין פאַר אַ גרויסער גרוב, וווהין עס זענען דורך די פאַרפלוכטע מענטשן־מערדער אַריינגעוואָרפן געוואָרן

טויזנטער דערשאָסענע און אויסגעמאָרדעטע מענער און פרויען, זקנים און קינדער פון מיין היימישן שטעטל, צווישן זיי אויך מיין גאַנצע משפּחה. איך האָב געזען צווישן די הרוגים אויך פיל פון מיינע יוגנט־חברים, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט מיט פערציק יאָר צוריק, ווען איך האָב פאַרלאָזט מיין היים און בין אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. אַ גרויל איז מיר דורכגעגאַנגען דורך אַלע איברים, איך בין געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט און געטראַכט אַ מינוט אפשר איז דאָס נאָר אַ בייזער חלום, אָבער צום גרויסן אומגליק איז דאָס די ביטערעווירקלעכקייט.

ווען איך האָב מיך דערוואַכט פון דעם שרעקלעכן קאָשמאַר און געזען מיך שטייענדיק מיט מיין פרוי ביים מאָנומענט און הערנדיק דעם רבס הספּד, האָב איך זיך אַ פרעג געטאָן: צוליב וואָס פאַר אַ צוועק איז דער מאָנומענט דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרן? קאָן דאָס דען זיין, אַז מיר האָבן אים געשטעלט בלויז צו דעם, אַז מען זאָל אונדז דאָ אין אַמעריקע נאָר דערמאָנען דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אין זינקאָוו מיט 20 יאָר צוריק? און עס איז מיר באַלד אין אויגנבליק געקומען אויפן געדאַנק דער ענטפער: ניין, ניט צוליב דעם אַליין! דער דענקמאָל איז געשטעלט געוואָרן בעיקר פאַר אונדזערע קינדער און אייניקלעך, די געבוירענע און דערצויגענע דאָ, אין אַמעריקע, אַז ווען זיי וועלן מיט יאָרן שפּעטער קומען אויף קבר־אבות, זאָלן זיי זען דעם דענקמאָל און לעזן די אויפשריפט, וואָס איז אויף אים אויסגעקריצט און אַריינטראַכטן זיך אין דעם אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט זייער פאָלק אין אייראָפּע אין די צייטן פון היטלער דעם רשע, ימח שמו. זיי וועלן דערביי דערמאָנען וואָס זיי האָבן געלעזן אין ביכער וועגן דער טראַגישער עפּאָכע אין לעבן פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט. זיי וועלן מיט כבוד און ערע דערמאָנען זייערע אומגעקומענע זיידעס און באָבעס, די אורעלטערן פון זייער שטאַם און די פּאַרטיזאַנער און געטאָ־קעמפער, וועלכע האָבן באַגעגנט די פינצטערע וואַנדאַלן מיט געווער אין דער האַנט. מיט ניט ווייניקער כבוד און ערע וועלן זיי דערביי אויך דערמאָנען די העלדישע קעמפער פון אונדזער פאָלק, וואָס האָבן איבערגעוווּנדן אַלע שוועריקייטן און באַזיגט זייערע שונאים און האָבן פאַרלייגט פעסטע יסודות פאַר דער ישראל־מדינה, דעם גרויסן וועלט־צענטער פון יידישן פאָלק.

זאָל דער דענקמאָל, וועלכן מיר שטעלן דאָ איצט אויף, דערמאָנען אונדזערע קינדער אויף דורי־דורות די ביטערע טרויעריקע פאַרגאַנגענהייט און שטאַרקן זייער ווילן און מוט צו העלפן בויען די ישראל־מדינה און צו שטיצן מיט אַלע מעגלעכקייטן אירע בויער, אַז מיר זאָלן ניט זיין מער הפקר פאַר רוצחים און וואַנדאַלן און אַז ישראל אַלס יידישע היים זאָל האָבן אַ קיום אויף אייביק.

אָט פאַר אזא נאָבעלער פאָלקס־אַרבעט איז דער קאָמיטעט ביי דער זינקאָווער סאָסייעטי ווערט געלויבט און געאכפּערט צו ווערן. ער האָט כשר פאַרדינט אלעמענס אָנערקענונג פאַר די מי און זאָרג, וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן און דורך וועלכע ער האָט פאַראייביקט דעם אָנדענק פון אונדזער שטעטל זינקאָוו ווו יידן האָבן זיך אין משך פון דורות אויסגעלעבט און במילא, האָט ער אויך פאַראייביקט דעם קיום פון אונדזער יידישן פאָלק.

אונדזער אָנדענק־ און פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג

(צו דער אַנטהילונג פֿונעם מאָנומענט פֿאַר די זינקאָווער קדושים
און צום צוואַנציקסטן יאָרצייט פֿון זייער אומקום 1943—1963)

משה גאַרבער

דער היסטאָרישער פּראָטעסט־רוף פֿון דעם באַרימטן פֿראַנצויזישן שרייבער און הומאַניטאַרן דענקער עמיל זאָלאַ קעגן דעם בילבול־פּראָצעס, וואָס איז אין זיין צייט געפֿירט געוואָרן אין פֿראַנקרייך קעגן דעם יידישן אַרמיי־קאַפּיטאַן אַלפֿרעד דרייפֿוס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פֿלאַמיקן אויסגעשריי: איך באַשולדיק!

אָט די צוויי ווערטער האָבן אויפֿגערודערט די גאַנצע וועלט און האָבן דערוועקט דעם געוויסן פֿון יעדן אָנשטענדיקן מענטשן.

אויך מיר שרייען אויס צו דער גאַנצער וועלט מיט טיפֿן צער און צאָרן: מיר באַשולדיקן!

יעדער בלאַט פֿון דער לאַנגיאָריקער יידישער מאַרטיראָלאָגיע איז איינגעטונקט אין ימען בלוט און טרערן און איז אויסגעווייטיקט ביזן גרונט.

אָבער די רציחות און די ברוטאַלע אַכזריותדיקע גרויל־טאַטן, וועלכע די נאַצי־רשעים זענען באַגאַנגען קעגן אונדזער הילפֿלאָזן פֿאָלק, האָבן ניט קיין גלייכע צו זיך אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע פֿון אַלע דורות און צייטן. זיי האָבן ווייט איבערגעשטיגן אַלע היסטאָרישע מאַסן־מערדערייען ווי די שחיטות פֿון אטילאַ, טשינגיסכאַן, פֿון די קרייץ־צוגן און פֿון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע מיט דעם טרויעריק־באַרימטן פֿרומען מאַסן־רוצח טאָרקוועמאַדאָ, ימח שמו וזכרו! אַפֿילו די שחיטות פֿון כמיעלניצקי און פּעטליוראַ זענען געווען אַ קינדער־שפּיל אין פֿאַרגלייך מיט די סאַדיסטישע, בלוטדורשטיקע מעשים פֿון די דייטשע „ציוויליזירטע" קאַניבאַלן.

און די אַזוי גערופֿענע סטאַטעטשנע, בעלי־בתישע, ציוויליזירטע וועלט האָט אָנגענומען אַ פֿול מויל מיט וואַסער, האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, פֿאַרשטאָפּט די אויערן און האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און ניט געוואָלט הערן דעם יאָמער־געשריי, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון די פֿינצטערע שלאַכט־הייזער, פֿון די מאָרד־און פֿייניקונגס־פֿאַבריקן, וואָס מען האָט גערופֿן קאָנצענטראַציע־לאַגערן. זיי האָבן ניט געוואָלט הערן און זען די אויסגעשטרעקטע, אויסגעדאַרטע, קאָנוווּלסירטע הענט פֿון מיליאָנען יידישע מענער, פֿרויען, זקנים און אומשולדיקע עופֿעלעך, וועלכע האָבן זיך געבעטן אין די מינוטן פֿון זייער לעצטער אַגאָניע, בשעת זיי זענען מאַסנווייז געפֿירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן און קאַלך־אויוונס: ראַטעוועט! ראַטעוועט!

אָבער קיין הילף איז ניט געקומען, און ווען זי איז שוין סוף כל סוף יאָ געקומען, איז שוין געווען צו שפּעט. די ווילדע חיות אין מענטשלעכער געשטאַלט האָבן זייער טייוולאָנישע אַרבעט געהאַט אָפּגעטאָן. צו שפּעט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז מיט דעם וואָס מען האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק און ניט זעענדיק, מיט דעם וואָס מען האָט אַזוי לאַנג געשוויגן האָט מען גוט געהאָלפן אויסוואַקסן און קומען צו דער מאַכט דער מיאוסער און העסלעכער מאָנסטערהאַפטער און סאַדיסטישער היטלער־באַשעפעניש, דעם גולם, וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף זיינע באַשאַפער מיט זיינע פאַנצער־אַרמייען, מיט זיינע גוט מושטרירטע ברוינע האָרדעס, מיט זיינע ווילדע רוצחים און גאַרגל־שניידער.

עס איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט געקאָנט מיט איין רעגימענט סאָלדאַטן אויסראַמען און צעשטערן דעם פינצטערן נעסט פון די געפערלעכע פּסיכאָפּאַטן און מאַכן צונישט זייערע טייוולאָנישע פּלענער, אָבער מען האָט דאָס ניט געטאָן. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס וואָרענען און קלאָפּן טרעוואָגע פון פּראָפעסאָר פויכסטען, דווקא אַ דייטש, אַ פאַרביסענער שונא פון דייטשן יונקער־מיליטאַריזם און נאָך אַ גרעסערער שונא פון דער היטלער־נאַצי־מאַשין.

ניט די ענגלישע און ניט די פראַנצויזישע דיפּלאָמאַטן האָבן זיך ניט געוואָלט צוהערן צו אים. זיינע רייד זענען געפאַלן אויף טויבע אויערן. האָט ער זיי געגעבן זיין וואָרענונג מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „אויב איר וועט די אויגן ניט נוצן איצט אויף צו זען, וועט איר זיי נוצן שפּעטער צום וויינען״.

און צום באַדויערן איז דעם פּראָפעסאָרס נבואה מקויים געוואָרן. עס האָט ניט גענומען לאַנג ווי טשערטשיל איז אַרויס מיט זיין רוף צו זיין פאָלק און צו דער גאַנצער פרייער וועלט מיט דער באַרימטער פראַזע: „בלוט, שווייס און טרערן״. אוי, וויפל בלוט און וויפל טרערן עס האָבן געקאָנט אויסגעמיטן ווערן!

יאָ, די גאַנצע וועלט האָט געוויינט און געבלוטיקט און האָט באַצאָלט אַ שווידערלעכן פּרייז פאַר דער נאַכלעסיקייט און קורצזיכטיקייט פון זייערע פירער. אָבער מער פאַר אַלעמען האָט באַצאָלט און האָט געבלוטיקט אונדזער אומגליקלעך און אומבאַשיצט יידיש פאָלק.

ווען אין נירענבערג זענען שוין געווען אויסגעאַרבעט אַלע פּלענער וועגן דעם פאָלקאָמענעם אויסראָטן פון יידישן פאָלק מיט אַלע איינצלהייטן און מיט דער פאַרשאָל־טענער דייטשער פּינקטלעכקייט, איז טשעמבערליין געפלויגן הענדום־פּענדום מיט זיין שירעם אונטער דער פאַכווע קיין מינכען און דאָרטן פאַרקויפט און פאַרראַטן ענגלאַנדס בעסטן פריינט און פאַרבינדעטן — טשעכאָסלאָוואַקיע.

פון דאַן אָן איז מינכען געוואָרן אַ שאַנד־וואָרט און אַ סינאָנים פון שענדלעכן פּאָליטישן און דיפּלאָמאַטישן פאַרראַט און וועט שוין אַזוי אַריין אין דער געשיכטע פאַר די קומענדיקע דורות.

אָבער ווי שנעל די וועלט האָט דאָס פאַרגעסן. די דייטשע וועלף האָבן זיך אויסגעפּוצט אין פעל פון אומשולדיקע שעפעלעך און געוואָרן כלומרשט מענטשן מיט מענטשן גלייך. טויזנטער סאַדיסטישע „אויבערמענטשן״, תליינים, אויף וועמענס הענט עס האָט זיך נאָך ניט אויסגעטרוקנט דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט, לעבן אין לוקסוס און ווילטאָג

און פאַרנעמען גרויסע רעגירונגס־שטעלעס. זיי בלייבן אומבאשטראָפט פאַר זייערע שרעקלעכע פאַרברעכנס.

עס זעט אויס צו אונדזער גרויסן ווייטיק, אַז די וועלט האָט נאָך אַלץ ניט געלערנט פון דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. מען הייסט אונדז פאַרגעסן: „וואָס געווען איז געווען". מיר קאָנען און טאָרן אָבער ניט פאַרגעסן. איז דען מעגלעך אַזאַ גרויל צו פאַרגעסן? מיר וועלן קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט מוחל זיין! זאָל אונדזער קללה און גאָטס צאָרן זיי פאַרפאָלגן לדורי־דורות!

*

ווייט, ווייט, מעבר לים אויף דער אוקראַינישער ערד איז געשטאַנען אונדזער אָרעם יידיש שטעטל זינקאָוו. הונדערטער יאָרן איז עס געשטאַנען, צענדליקער דורות זענען געקומען און אַוועק. נייע דורות זענען געקומען נאָך זיי ווי כוואַליעס, וואָס קומען צום ברעג פון ים. שווער איז געווען דאָס לעבן ביי די צאַרישע פאַגראָמען און רדיפות. ניט גרינג איז אָנגעקומען דאָס ביסל פרנסה, דאָך האָבן די יידישע טאַטע־מאַמעס זיך מקריב געווען, אָפּגעשפּאָרט פון דעם ביסן פון מויל און געזען, אַז זייערע קינדער זאָלן באַקומען אַ יידישע דערציאונג. וואָס ווייטער האָט אונדזער שטעטל ארויסגעגעבן אַלץ מער און מער אַ פיינע אינטעליגענטע אידעאַליסטישע יוגנט, פיינע סוחרים און לערנער און גאַנץ בכבודיקע בעלי־מלאכות. ניט שטענדיק איז דאָס לעבן געווען אין שטעטל מאָנאָטאָן און ביטער, עס זענען געווען מאָמענטן פון גייסטיקער דערהויבנקייט און פאַרגעניגנס, ווי אַ שטייגער אין די רואיקע שבתים מיט די פאַרנאַכטיקע שפּאַצירן, די פריילעכע ימים־טובים, די רואיקייט און שיינקייט פון דער אַרומיקער פּראַכטפולער נאַטור, יידישע שמחות, חתונות און א. וו. אַזוי האָט מען זיך געהאַלטן ביי דעם יידישן נאַציאָנאַלן, רעליגיעזן און קולטורעלן לעבן, ביז...

ביז עס איז געקומען דער גרעסטער צורר היהודים פון אַלע צייטן און דורות און האָט מיט אומבאַגרענעצטער אכזריות געמאַכט אַ סוף צום לעבן און האָט אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל אַלץ, וואָס איז געווען יידיש.

אַ באַרג אַש, חורבות און וויסטעניש האָבן די ברוינע וואַנדאַלן געמאַכט פון דיר, דו אָרעם, טייער און אומגליקלעך שטעטל אונדזערס.

און איר, טייערע, האַרציקע קרובים, שכנים און ליבע אַלטע חברים אונדזערע, וואוהין זענט איר אַהינגעקומען?! אין וועלכע גאַז־קאַמערן האָט איר אייערע הייליקע נשמות אויסגעהויכט? אין וועלכע קאַלכאויוונס האָט מען אייערע אויסגעדאַרטע, פאַר־הונגערטע, פאַרפייניקטע קערפּער'ס געברענט און געבראָטן און אייערע ביינער אין אַש פאַרוואַנדלט, מיט וועלכן מען האָט די פאַרשאָלטענע דייטשישע פעלדער באַמיסטיקט? אייערע גופים זענען צו קבר ישראל ניט געקומען און אייערע נשמות בלאָנדזשען אַרום אין תהום און זוכן אַ תיקון. קיין מצבות זענען אויף אייערע קברים ניט געשטעלט געוואָרן און אייערע נעמען זענען אויף שטיינער ניט אויסגעקריצט.

דעריבער האָבן מיר, די זינקאָווער שארית הפליטה, אייך אַ מצבה געשטעלט, און היינט, צום צוואַנציקסטן יאָרצייט אייערן, שטייען מיר דאָ מיט צעווייטיקטע, פאַרקלעמטע הערצער און באַוויינען אייער שרעקלעכן אומקום צוזאַמען מיט דער שחיטה פון אַ דריטל פון אונדזער יידיש פאָלק.

ניין, ניט קיין טויטער שטיין איז אָט דער מאָנומענט, ווי אייניקע סקעפּטיקער־פּעסימיסטן האָבן אונדז געוואָלט איינרעדן. טויט איז אַ שטיין נאָר דאַן, ווען ער געפינט זיך נאָך אין איינגעווייד פון דעם באַרג, פון וואַנען מען האַקט אים אויס. מיר אָבער האָבן געלאָזט דעם שטיין אויספּורעמען און אויסשלייפן. מיר האָבן אים אַ געשטאַלט געגעבן לויט אונדזער פאַרשטאַנד, פאַרלאַנג און געפיל. מיר האָבן אים אויספּאָלירט און ווערטער און דאַטעס אין אים איינגעקריצט, — ווערטער, וואָס גיבן אים אַ זין, אַן אינהאַלט, אַ צוועק און, דער עיקר, אַ נשמה.

עס איז דאָ אַ טרויעריק יידיש ליד, ווו עס זינגט זיך ווי אַ טאָכטער שטייט לעבן איר מוטערס קבר, וויינט און קלאָגט, און דורך איר שלוכצן זאָגט זי צו דער מצבה: „שטיין, שטיין, טייערער שטיין, דו ביסט דאָך אַ מאַמע אַמאָל געווען". קאָן מען דען זאָגן אויף אַזאַ שטיין, אַז ער איז אַ טויטע זאַך?!

פון היינט אָן איז דער דאָזיקער שטיין פון מאָנומענט ניט גלאַט אַזוי אַ שטיין, נאָר אַן אייביקער סימבאָל פון דעם, וואָס איז אונדז אַזוי ליב און טייער געווען און וואָס איז שוין מער ניטאָ און וועט ניט זיין.

זאָל דער דענקמאָל שטיין דאָ אויף דער זינקאָווער ערד און דערמאָנען די קומענ־דיקע דורות אונדזערע אין דעם שרעקלעכן חורבן פון יידישן פאָלק אין די יאָרן פון דער דייטשער שוואַרץ־ברוינער חיהשער ברוטאַליטעט, אין די יאָרן פון דעם שדים־טאַנץ פון די היטלער־נאַציס, אויסוווּרפן־רוצחים.

זאָל דער שטיין ניט לאָזן פאַרגעסן און גילטן אַלס אַ וואָרענונג און דערמאָנונג, אַז מען דאַרף כסדר שטיין אויף דער וואַך און ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל, חלילה, קומען נאָך אַ מאָל צו אַזאַ אומגליק.

דאָס איז די מצבה פאַר די פיר טויזנט זינקאָווער יידן, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם אין דער צווייטער וועלט־מלחמה אין די יאָרן 1942—1943, אַלס טייל פון דער סיסטעמאַטישער אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן יידן.

דאָ וועלן די נשמות פון אונדזערע קדושים זייער תיקון געפינען. דאָ וועלן מיר זיך יעדעס יאָר פאַרזאַמלען, זייער יאָרצייט אָפּריכטן, טרויערן און וויינען און נאָך זיי קדיש זאָגן.

יתגדל ויתקדש...

משה גרינמן

זכור את אשר עשה לך עמלק!

ליבע זינקאָווער לאַנדסלייט און זייער חשובער רב הרב שאָר!

שוין 21 יאָר זענען אַריבער ווי מיר באַוויינען דעם גרויסן חורבן. שוין 21 יאָר, טאָג נאָך טאָג, ווי מיר קאָנען ניט פאַרגעסן דעם גרויסן אומגליק, וועלכער האָט אונדז, זינקאָווער יידן, געטראָפן צוזאַמען מיטן גאַנצן וועלט־יידנטום.

יעדעס יאָר דערמאָנען מיר און דערציילן, וואָס דער נייער עמלק האָט מיט אונדזערע ברידער און שוועסטער געטאָן. זאָל די וועלט ניט פאַרגעסן אויף וואָס פאַר אַ גרויזאַמען אופן זיי האָבן פאַרניכטעט זעקס מיליאָן יידן, און צווישן זיי 3200 פון אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער און אומשולדיקע קינדער.

די 3200 יידן פון זינקאָוו זענען שוין מער ניטאָ. זיי זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים. מי במים, מי באש, מי ברעב, מי בגאז. באש זענען אונדזערע זינקאָווער אומגעקומען אין תשעה באב, 1943.

ניטאָ מער די גרויסע שול מיט איר שיינער מזרח־וואַנט, וועלכע האָט געבלענדט די אויגן. אַלץ איז געוועזן געשניצט עבודת־יד. אַזעלכע שולן זענען ניט געווען קיין סך און אונדזער שול איז געווען אונדזער שטאָלץ... איצט וואַקסט דאָרטן גראָז.

ווען מיר, זינקאָווער יידן, באַוויינען דעם גרויסן חורבן פון אונדזער שטאָט, שרייען מיר אויס: „זכור את אשר עשה לך עמלק, לא תשכח!" זאָלסט נישט פאַרגעסן!

זיי האָבן פון אונדז צוגענומען אַלע אונדזערע נאָענטע. ווו זענען אונדזערע משה׳לעך, אונדזערע שרה׳לעך און רבקה׳לעך. ווו זענען זיי?!

אין טאָג פון אונדזער גרויסן און אומענדלעכן טרויער מוזן מיר דערמאָנען אונדזערע אומגעקומענע פאָטערס, מוטערס, ברידער און שוועסטער ניט נאָר מיט געוויין, נאָר מיט דעם פעסטן ווילן, אַז עס זאָל זיך ניט אומקערן דער גרויסער אומגליק און אַז אונדזער פאָלק זאָל צוזאַמען מיט אַלע פעלקער אויסגעלייזט ווערן פון מאַסן־טויט און אומקום און לעבן אין אַ וועלט פון שלום און פריינטשאַפט.

זאָל דער מאָנומענט אויך זיין אייער מצבה. ליבע עלטערן, שוועסטער און ברידער! איך בין דער איינציקער איבערגעבליבענער מיטגליד פון מיין גאַנצער משפחה. קיינער פון אייך איז צו קיין קבר ישראל ניט געקומען. אַ וועלט מיט צער און צאָרן טראָג איך דעריבער אין מיין האַרצן.

אברהם ראַפּאַפּאָרט

מיין ווײַ־געשריי

איך וויל רעדן יידיש, אין מיין מוטער־שפּראַך. איך האָף, אַז אַלע וועלן מיך פאַרשטיין. איך וועל רעדן אַזוי קורץ ווי מעגלעך, קלאָר און דייטלעך, ווייל עס איז זייער וויכטיק, אַז די יוגנט, וועלכע איז געקומען אַהער, זאָל האָבן אַ באַגריף און וויסן וואָס עס קומט דאָ פאָר.

אונדזער זינקאָווער סאָסייעטי געפינט זיך אין אַ מצב פון טרויער. מיר טרויערן אויף אונדזער אַלעמענס גרויסן פאַרלוסט, אויף דעם טראַגישן אומקום פון די זינקאָווער קדושים.

מיט געבויגענע קעפּ, מיט אויגן אָנגעפילטע מיט טרערן, שטייען מיר דאָ פאַר דעם מאָנומענט, וועלכער סימבאָליזירט דעם אָנדענק פון די זינקאָווער קדושים.

עס איז אמת, אַז „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת", דאָס מיינט, אַז מענטשן גייען פון דער וועלט, מענטשן קומען אויף דער וועלט און די ערד איז אַן אייביקייט, אָבער די קדושים, די זינקאָווער קדושים, די מענער, די פרויען און די קינדער, ווי אַלע מאַרטירער פון אונדזער פאָלק — זיי האָבן דאָך גאָר ניט געלעבט, אין אויפבּרויז פון זייער לעבן זענען זיי פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן. אין זייער בליענדיקער יוגנט זענען פיל פון זיי אויף אַ שוידערלעכן און גרויליקן אופן דערמאָרדעט געוואָרן.

בכל דור ודור טרייבט מען אונדז, מען יאָגט אונדז, מען פאַרפאָלגט אונדז. אָבער ווער האָט געקאָנט גלויבן, אַז אין היינטיקן יאָרהונדערט זאָל קאָנען פאָרקומען אַזאַ שוידערלעכע און גרויליקע קאַטאַסטראָפע?!

גרויס איז אונדזער צער.

אומענדלעך טיף איז אונדזער ווייטיק.

